STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09496

DER GOYRL FUN YIDN TSVISHN DI UMES HA-OYLEM

Gershon Sapoznikow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

✶

דער גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם

פאנד פאר קולטור

Sapoznikow, Gershon.
Der goyrl fun Yidn tsvishn di umes ho-oylom.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

דער גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם

אַן אַנאַליטישער אַריינבליק אין דער מלחמה־טרילאָגיע
פֿון מענדל מאַן

אַרויסגעגעבן דורכן אליעזר פּינעס־פֿאָנד
פֿאַר קולטור און ליטעראַטור

תל־אביב, תשל״ו — 1976

Sin valor comercial

ELIEZER PINES FOUNDATION
FOR CULTURE AND LITERATURE

GREGORIO SAPOZNIKOW

DER GOIRL FUN YIDN ZWISHN DI UMES-HOOYLEM

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו / דער גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

©

הוצאת י. ל. פרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

נדפס בישראל תשל״ו
Printed in Israel 1976

דפוס „להב״ תל־אביב, רח׳ המסגר 60, טל. 36564

אינהאַלט

7 אַ פּאָר ווערטער צום דערשײַנען פֿון בוך

11 בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע

59 בײַ דער ווײַסל

111 דאָס פֿאַלן פֿון בערלין

161 ליריש-ראָמאַנטישע מאָטיוון אין דער טרילאָגיע

אַ פּאָר ווערטער צום דערשייַנען פֿון בוך

דאָס בוך וואָס ליגט דאָ פֿאַר אונדז איז דאָס ערשטע ווערק, אַרויסגעגעבן דורך דעם לעצטנס געשאַפֿענעם אליעזר פּינעס־פֿאָנד פֿאַר קולטור און ליטעראַטור. דערמיט איז אויף אַ ווערדיקן אופֿן אויסגעדריקט אונדזער כּבֿוד און פֿאַרערונג פֿאַר מענדל מאַן ז״ל, וואָס האָט ווי אַ מעטעאָר זיך דורכגעטראָגן איבערן הימל פֿון אונדזער ליטעראַטור. זײַן פּריצײַטיקער טויט אין סאַמע ברען פֿון זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן איז אַ שווערע אֲבֿידה פֿאַר דער ייִדישער — און אפֿשר ניט נאָר ייִדישער — ליטעראַטור, פֿאַרן ייִדישן לייענער־עולם און — איך מוז זאָגן — אויך פֿאַר דעם שרײַבער פֿון די שורות וואָס האָט געהאַט די זכיה און כּבֿוד צו זײַן פֿאַרבונדן אין אַ ברודער־פֿרײַנדשאַפֿט מיט דעם גרויסן פּראָזאַיִקער און דיכטער.

זאָל דאָ אין שײַכות מיטן דערשײַנען פֿונעם בוך דערמאָנט ווערן, אַז נאָך דעם ווי מענדל מאַן האָט דורכגעלייענט דעם כּתבֿ־יד פֿון בוך האָט ער אין אַ בריוו צו מיר מיט גרויס רעספּעקט זיך אָפּגערופֿן וועגן מחבר גרשון סאַפּאָזשניקאָוו וואָס — איך ציטיר — „האָט מיט פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפּטקייט און זעלטענער ליטעראַרישער קענטשאַפֿט פֿונאַנדערגעוויקלט אַלע פּראָבלעמען וואָס זענען אויפֿגעוועקט אין דער טרילאָגיע". דערבײַ האָט מאַן אויסגעדריקט זײַן ווונטש צו זען דאָס בוך געדרוקט אין דער סאַמע נאָענטסטער צײַט. נאָך מער: ווי מיר דערוויסן זיך איצט, האָט ער פֿערזענלעך, קורץ פֿאַר זײַן קראַנק ווערן, זיך פֿאַרנומען מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך, און לויט זײַן איניציאַטיוו האָט זיך געשאַפֿן אַ געזעלשאַפֿטלעכער קאָמיטעט וואָס זאָל דעקן אַלע הוצאות פֿון דער אויסגאַבע. זײַן פּריצײַטיקער טויט האָט אָבער צו נישט געמאַכט די איניציאַטיוו.

דאַנק איך דער השגחה וואָס מיר איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן דאָס בוך און דערמיט דערפֿילן דעם ווונטש פֿון מײַן ברודערפֿרײַנד מענדל מאַן, זכרונו לבֿרכה.

זאָל דאָס זײַן אַ נר־זכּרון אויף זײַן קבֿר.

אליעזר פּינעס

בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע

אויף יעדן קונסטווערק ליגט דער חותם פֿון אייביקייט, און עפּעס אַזוינס וואָס איז למעלה מן השׂכל. רופֿט עס אינטויציע אָדער רוח־הקודש, וואָס גיט דעם עכטן קינסטלער די אומגעווייִנטלעכע קראַפֿט צו זען פֿיל ווייַטער פֿון אַלע אַנדערע, צו פֿילן טיפֿער, צו הערן שאַרפֿער. צו באַנעמען מיטן אימפּולס פֿון האַרצן נישט נאָר דעם ניגלה, וואָס ליגט אויסגע־שפּרייט פֿאַר די אויגן, נאָר אויך דעם ניסתּר, וואָס איז פֿאַראַן אין די אונ־טערבאַוווסטזיניקע שיכטן, און וואָס שיילט זיך אויס ווי אַ מאָרגנשטערן פֿון נעפּל, ווייַזט דעם אמת פֿון לעבן און אויך די קאָנטורן פֿון דער ווייַ־טער צוקונפֿט.

אויף די פֿליגל פֿון זייַן שעפֿערישן טרוים, וואָס שפּייַזט זיך מיט די אינטימסטע באַגערן, דערשפּירט ער מיט זייַן גאַנצן מהות דעם „והיה באחרית הימים”, און אינספּירירט פֿונעם חידוש אין דער נייַער אַנטדע־קונג שטעלט ער אים פֿאַר אין לעבעדיקע פֿאַרבן, בלאָזט אין אים אַריַין אַ רוח־החיים פֿון אייגענעם האַרצן, און פֿאַר דער איבערראַשטער מענטש־לעכער פֿאַרשטעלונג שטייט אויף אַ צויבערבילד פֿון אַ נייַער ווירקלעכ־קייט: „אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס, אַ לעמפּערט מיט אַ ציגעלע וועט הויערן, און אַ קליין ייִנגל וועט זיי פֿירן”...

קונסט איז אַנטפּלעקונג, אַ התגלות פֿון נייַע וועלטן, וואָס ווייַזט דעם גורל פֿון מענטשן און דעם גאַנג פֿון לעבן אין אַ גאַנץ נייַער דימענסיע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס האָט געשילדערט אַלע פּרטים פֿון דעם שוידערלעכן בלוט־מבול, וואָס האָט פֿאַרדעקט דעם פּנים פֿון דער ערד, האָט פֿאַרשניטן צענדליקער מיליאָ־נען לעבנס, און פֿאַרקערעוועט אויף נייַע וועגן די מענטשלעכע געשיכטע.

דער קינסטלער האָט אין דעם תּוהו ובֿוהו אַנטפּלעקט די פֿינצטערע באַ־וועגקרעפֿטן פֿון קאַטאַקליזם, וואָס דרימלען אין דער חיהשער נאַטור פֿון מענטשן און אין דעם מיטאָס פֿון פֿעלקער, און האָט מיטן אינטויִטיוון כּוח פֿון זײַן וויזיע געוואָרפֿן אַ ליכטשטראַל, וואָס עפֿנט אַ פּערספּעקטיוו אין דער צוקונפֿט...

צו אַט די קינסטלערישע שאַפֿונגען פֿון דער עפּאָכע געהער דאָס מאָ־נומענטאַלע ווערק פֿון מענדל מאַן, זײַן מלחמה־טרילאָגיע, „בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע", „בײַ דער ווײַסל" און „דאָס פֿאַלן פֿון בערלין", וועלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט נאָר אַ וויכטיקן בײַטראָג פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר איז אויך אַ גרויסער צושטײַער דער וועלט־ליטעראַטור, און איז שוין איבערגעזעצט געוואָרן אין פֿיל שפּראַכן.

אין יאָר 1939 האָט דער מלחמה־אויסבראָך פֿאַרכאַפּט אַ 23־יאָריקן ייִדישן בחור אין דער שטאָט פּלאָנסק, אין פּוילן, וווּ ער האָט ניט לאַנג פֿאַרענדיקט אַ קונסטשול פֿון מאָלערײַ. ער האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אין לעבן ווי אַ מאָלער, וואָס האָט אויך געפּרוּווט זײַנע כּוחות אין לידער, וועלכע ער האָט פֿון צײַט צו צײַט געדרוקט אין פֿאַרשיידענע צײַט־שריפֿטן. אַ פּאָעטישע נשמה, וואָס האָט געזוכט אויסדרוק אין בילד און אין וואָרט, און וואָס האָט שפּעטער פֿאַראייביקט אין בילדערישן וואָרט איינעם פֿון די טראַגישסטע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט און אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק.

געבוירן אין אַ דאָרף לעבן פּלאָנסק, אין אַ משפּחה פֿון פֿינף קינ־דער, איז ער געווען דער מיטלסטער. דער גליקלעכסטער שטאַפּל אין דער קאָנסטעלאַציע פֿון אַ צאָלרײַכער פֿאַמיליע, וואָס געניסט די שוץ פֿון די עלטסטע און איז נישט מקנא די ייִנגערע, האָט ער אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם פֿילפֿאַרביקן קאָלאָריט פֿון דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט; און אין אַ געזונטער אַטמאָספֿער פֿון אַ היים מיט ייִדישער טראַדיציע האָבן זיך געעפֿנט די חושים מיט ליבשאַפֿט צו די שיינקייטן פֿון גאָטס וועלט. נאָך איין ברודער זײַנער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער

מאָלער, אַזוי אַז דאָס אײדעלע געפֿיל פֿאַר דער נאַטור איז געווען אַ ירושה־טענדענץ אין דער משפּחה.

„איך געדענק מײַנע פֿעטערס" — זאָגט מענדל מאַן אין אַן אויטאָביאָגראַפֿישן עסיי („צוקונפֿט" יולי 1960) — „די וואָס האָבן סעדער געדונגען, פֿעל־דער גענומען אין אַרענדע... דאָס זענען געווען געזונטע פּשוטע ייִדן וואָס אין זיי האָט אַרויסגעזונגען אַן אַלטער ייִדישער ניגון פֿון וועלדער און טאָפּאָליעס אַ פֿאַרוויגטער. זיי האָבן געהאַט אויגן מילדע און הערצער ריינע, אַזוי ווי די קלאָרע פּוילישע הימלען. זיי האָבן מיך געלערנט ליב האָבן דעם מענטש און שעצן מענטשלעכע פּראַצע"...

אין די קורצע ווערטער איז פֿאַרקערפּערט דער סטיל און דער כאַראַקטער פֿון שרײַבער, וואָס האָט געהערט אַ האַרמאָנישן צוזאַמענשפּיל פֿון „אַלטן ייִדישן ניגון" אונטערן שטילן גערויש פֿון „די פּוילישע וועלדער", און געזען ריינע ייִדישע הערצער ווי די „קלאָרע פּוילישע הימלען" — האַרמאָניע אין די עולמות־העליונים, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פֿאַרשוועכט געוואָרן דורך די מעשׂי־סדום פֿון אונטן; אַזוי פֿיל ריינע ייִדישע ליבשאַפֿט צו דער פּוילישער ערד, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק צעטראָטן געוואָרן דורך די פּוילישע מענטשן.

מענדל מאַן איז דעריבער דער צום מערסטן אָביעקטיווער אָבסערוויִרער פֿון דער וועלטדראַמע אין וועלכער ער איז געווען אַן אָנטיילנעמער און אַ קרבן: ער האָט מיטן אייגענעם לײַב־און־לעבן דורכגעמאַכט דעם לאַנגן דערנערוועג מיט ייִדישע פּליטים פֿון פּוילן און לסוף איז ער אָנגעקומען קיין טענגושײַ, אַ רוסיש־מאָרדאָוויש דאָרף ערגעץ אויף יענער זײַט סמבטיון; און פֿון דאָרט — מיט דער רויטער אַרמיי ביז מאָסקווע, און פֿון מאָסקווע — ביז וואַרשע, און פֿון וואַרשע — ביז בערלין.

אַן אומענדלעכער שטח פֿון בלוט און שגעון, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויפֿטרייסלענדיקע וועלט־געשעענישן, וואָס מענדל מאַן האָט געזען ניט נאָר אין זייערע דרויסנדיקע שוידער־געשטאַלטן, נאָר אויך אין זייערע פֿאַרבאָרגענע טרײַב־כּוחות. עס ווײַנט אין אים דאָס האַרץ,

ניט נאָר אויף די מיליאָנען פֿאַרשניטענע ייִדישע לעבנס, נאָר אויך אויף די ליידן פֿון דעם וווּנדערלעכן גרויסן רוסישן פֿאָלק. ער מאָלט מיט עפּי־שער גבֿורה סצענעס פֿון איבערמענטשלעכן העראָיִזם, און ווײַזט ווי מיט געדיכטע פֿאַרבן אויף לײַוונט די צעיושעטע סטיכיע פֿון פֿינצטערע חיהשע אינסטינקטן און ווילדע פּאַגאַנישע מיטאָסן, לעגענדעס, בילבולים און פֿאָראורטיילן, וואָס האָבן דורך די טויזנטער יאָרן פֿאַרסמט די מוחות פֿון פֿעלקער מיט שׂינאה צו ייִדן.

אין דאָרף איז ער אַ לערער אין שול און אין די פֿרײַע שעהען העלפֿט ער די פּויערים אין קאָלכאָז, און ער געניסט ליבשאַפֿט פֿון די קינדער און צוטרוי פֿון די עלטערן. מיכאַיִל, רופֿן זיי אים היימיש, און ער איז אַן אָנ־געלייגטער גאַסט אין יעדער שטוב. „זיי האָבן מיט דעם נע־ונדן ייִדן גע־טיילט דעם ביסן ברויט... און נאָענט איז אים געוואָרן טענגושײַ, אַזוי נאָענט ווי די אייגענע היים אין פּוילן. די מיידלעך האָבן פֿאַרצערטלט זײַן נאָמען און רופֿן אים מישאַ. איינע פֿון זיי, ליאָסקאַ, איז אים באַזונדערש צום האַרצן, און זי קוקט אויף אים מיט אַ שעמעוודיק־צוטרוילעכן שמייכל. אין שטוב פֿון איוואַן איוואַנאָוויטש און זײַן ווײַב מאַריאַ פּעריפֿעראָוונאַ, איז ער ווי אַן אייגן קינד, און ווען דאָס גאַנצע דאָרף ווערט מאָביליזירט, איז אויך מנחם — דער העלד פֿון דער נאָוועלע — מיטגעגאַנגען מיט זײַ־נע פּויערים.

אוי, אָרעמער, האָט אים עמעץ באַדויערט, נישטאָ ווער עס זאָל אים באַגלייטן... ער וועט פֿאַרלוירן־גיין אויף די רוסישע וועגן. קיינער וועט אים ניט באַווייגען, — ניט קיין געליבטע, ניט קיין מאַמע, האָט געזאָגט אַ צווייטער.

„די אַלטיטשקע פּעריפֿעראָוונאַ, מיט גערונצלטע אויגן־ווינקלען, האָט אַ פּאָר טרערן פֿאַרגאָסן און זיי זענען גלײַך פֿאַרלוירן גע־גאַנגען אין די אויגן־קאַרבן. איוואַניטשעס גראָע באָרד האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי ס'וואָלט זי אַ בייזער ווינט געקעמט. ער האָט געשעפּ־טשעט אַ תּפֿילה פֿאַר מנחמען, דעם פֿרעמדן וואָגלער, וואָס האָט זיך

אים אײַנגעבאַקן אין האַרצן ווי אַן אייגענער זון" („בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע", ציקאָ־פֿאַרלאַג, ז' 14).

גוט איז דער רוסישער מענטש, אָפֿן, ספּאָנטאַן און ברייטהאַרציק. און איז ער נאָר ניט פֿאַרסמט מיט פֿאַראורטיילן, מיטן קריסטלעכן מיטאָס פֿון „ייִדישער פּערפֿידיע" און מאָרד פֿון יעזוסן, איז ער גרייט פֿאַר אַ מענטשן — אויך פֿאַר אַ ייִדן! — די נשמה אָפּגעבן. וואָס ווײַטער ער איז פֿון דער ציוויליזאַציע און פֿון דער פּאָליטיק, און נעענטער צו דער נאַטור, אַלץ פֿרײַער קומט צום אויסדרוק די אײַנגעבוירענע שיינקייט פֿון זײַן כאַראַקטער, זײַן נאַטירלעכער גראָדער שׂכל און די גוטסקייט פֿון האַרצן.

אויפֿן לאַנגן וועג אין די ניט געהייצטע לאַסטוואַגאָנען אָנגעפּראָפּטע מיט מאָביליזירטע, וואָס האָבן נאָך ניט באַקומען קיין מיליטערישע קליידער, ליגט מנחם איינגענורעט אין זײַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און ציטערט פֿון קאַלטן ווינט, וואָס בלאָזט אַרײַן דורך די שפּאַלטן. וואַרפֿט אים צו דער פויער, דימיטרי פֿראָליטש, זײַן וואַטענעם שפּענצער; — „נעם, ייִנגל — זאָגט ער — דערוואַרעם דאָס נשמהלע, מיר זענען געוווינט צו אַזעלכע קעלטן...".

„ווען ער [פֿראָליטש] איז אַוועק פֿון דער קליינער כאַטע און געבליבן בײַ דער שוועל, האָבן פֿיר פֿלאַקסענע קעפּלעך פֿון די קינדער געקוקט אויף אים. דער עלטסטער, וואַניושקאַ, איז אַראָפּ פֿון אויוון און געבליבן אין מיטן שטוב. — איר זאָלט פֿאָלגן די מאַמען. אַז כ'וועל צוריקקומען — — ער האָט ניט געקענט ענדיקן. ס'האָט אים פֿאַרצויגן אין האַלדז און ער האָט געשלונגען די טרערן. דערנאָך האָט ער האַסטיק צוגעמאַכט די טיר און איז אַוועק. דאָס ווײַב האָט פֿאַרבראָכן די הענט און אים גערופֿן. ער האָט זיך ניט אומגעקערט, ניט געוואָלט זיי זאָלן זען די פֿאַרטערערטע אויגן זײַנע. ער האָט זיך מיט די טרערן געשעמט. דערנאָך האָט ער געזען זײַן ווײַב בײַ דער מאָקשאַ [דער טײַך הינטערן דאָרף], זי איז געשטאַנען צווישן די טענגושײַער און געפּאָכן צו אים מיטן טיכל. ער האָט זי גלײַך דערקענט. זי האָט ניט געשריִען צו אים. ניט גערופֿן זײַן נאָמען. זי האָט געטראָגן די פויערישע ליבשאַפֿט, אַ גוטע, אַ האַרטע, אָפֿט מאָל ווי אַ בוריאַן אַ שטורעמדיקע. דאָס איז געווען ווי די ליבשאַפֿט פֿון פֿעלד צום אַקער". (דאָרט, ז' 23).

מענדל מאַנס פּראָזע איז אַ פּרעציזע, אַ פּשוטע, אַ האַרציקע. אַ באַהויכטע מיט אַ פּאַעטישן אָטעם, ווי אַ לײַכט ווינטל, וואָס בייגט די קעפּלעך פֿון צײַטיקן ווייץ אויפֿן פֿעלד און צעטראָגט דעם דופּט אין דער לופֿטן. ער מאָלט מיט קורצע שטריכן, הערט די אינטימסטע וויבראַציעס פֿון האַרצן, זעט נאָר דאָס עיקרדיקע, און אויף יעדן ברעקעלע פֿאַרב, וואָס ער נעמט אויף זײַן פּענדזל איז פֿאַראַן אַ טראָפּעלע גײַסט, און עס ווערט אַן אַטמאָספֿער, אין וועלכער מען פֿילט דעם אָטעם פֿון אַ נשמה, אַ סיטואַציע מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג, אַ געשעעניש וואָס רעדט מיט אַ שפּראַך פֿון עמאָציעס. ער קוקט אויף גאָטס וועלט מיט פֿאַרליבטע אָבער ניכטערע אויגן, און זוכט דאָס שענערע און בעסערע אין מענטשן.

אָט האָט מען נאָך אַ שווערער נאַכט אין די קאַלטע לאַסט־וואַגאָנעס זיך אויסגעזעצט אויף די קלומקעס, אין אַ קרײַז. אַ פּויער האָט אָפּגעקניפּט דאָס בלעכן קענדעלע פֿון זאַק און אָנגעגאָסן בראָנפֿן. די פֿלאַש איז געגאַנגען פֿון איינעם צום צווייטן, און ווען זי איז ליידיק געוואָרן, האָט עמעץ דערלאַנגט נאָך אַ פֿלאַש, מען האָט צוגעביסן מיט ברויט און ליעפּיאָשקעס געטונקט אין אַ בערגעלע זאַלץ, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט פֿאַר אַלע־מען אויף אַ ווײַסן האַנטעכל.

„— רוסישע פּויערים קענען קיין מאָל נישט טרינקען אַליין, נאָר אין חברה [האָט געזאָגט וואַסילי לאַבזין]. אַ רוסישער מוזשיק איז קיין מאָל נישט איינזאַם. זעסט אים אין פֿעלד אַקערן איינער אַליין און דו פֿרעגסט אים: פֿאַטערל, וואָס טוסטו? זאָגט ער דיר: מ י ר אַקערן. ער וועט דיר קיין מאָל נישט זאָגן א י ך אַקער... אַ רוסישער פּויער איז קיין מאָל נישט אַליין". (דאָרט, ז' 44).

מנחם — אַזוי הייסט דער ליטעראַרישער העלד אין וועלכן דער מחבר האָט זיך פֿאַרקערפּערט — פֿילט זיך פֿאַרוועבט אין דעם המון, וואָס האָט

פֿון אַלע עקן לאַנד זיך אויפֿגעהויבן קעגן שונא. און ער פֿרעגט זיך אַליין:
— וואָס האָט אים פֿאַרבונדן מיט זיי, די פֿרײַנדשאַפֿט אָדער די שינאה צום בלוטיקן פֿײַנד? און דער ייִד פֿון פּוילישן דאָרף אָרום פּלאָנסק, ענטפֿערט זיך אַליין:

— ניין, ניט די פֿײַנטשאַפֿט וואָס איז אים פֿרעמד, נאָר די ליבשאַפֿט ווי אַ זשאַר וואָס טליִעט אין בלוט, וואָס ער האָט געירשנט פֿון זײַנע אָבֿות: „זיי האָבן מיט דער ליבשאַפֿט זיך געבעטן בײַ פֿרעמדע: נעמט זי! זעט ווי ריין איז איר פֿלאַם". בלויז די פּויערים פֿון טענגושײַ האָבן דערפֿילט אין מנחמס האַרץ דאָס ריינע פֿלעמל, און דערפֿאַר אים ליב באַקומען ווי אַן אייגענעם, ווי אַן אַלטן שכן פֿון דאָרף, כאָטש ער איז געווען מיט זיי צוזאַמען נישט מער ווי איין יאָר.

ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט די אידיליע פֿון דעם ייִדן אויף דער רוסישער ערד. דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיטן אמתדיקן פּרצוף פֿון דער רעאַליטעט איז געקומען אין דער געשטאַלט פֿון אַקים סוזאָיעוו, דער שעף פֿון דער רעזערוו־באַזע. אַ מאַרדווינער מיט אַזיאַטישע פּנים־שטריכן, אַ פּאַרטייער און אַן ענקאַוועדיסט, וואָס פֿלעגט אין זײַנע רייד פֿילזאַגנדיק אונטערשטרײַכן די ווערטער „מיר, רוסישע מענטשן". ער האָט שאַרף אָנגעקוקט מנחמען מיט זײַנע שמאָלע אויגן־פּאַסיקלעך און אים געפֿרעגט: „פֿון וועלכער נאַציאָנאַליטעט ביסטו?" „איך בין אַ ייִד" — האָט מנחם געענטפֿערט. „אַ ייִד, איז ווי אַזוי ביסטו אַהער אַרײַנגעפֿאַלן?" — האָט געפֿרעגט אַקים. „ניט אַרײַנגעפֿאַלן, נאָר מאָביליזירט זיך מיט אַלעמען" — ענטפֿערט מנחם. „איך האָב אַ פּאָר גוטע פֿרײַנד, ייִדן, אין טאַשקענט, — זאָגט אַקים — עוואַקויִרטע פֿון מאָסקווע. איינער איז אַ פֿאַרקויפֿער און דער צווייטער אַן אויפֿזעער אין אַ פֿאַרקויף־מאַגאַזין. געווען אַ סך ייִדן אין מאָסקווע, זעבען זיי אַרויסגעפֿאָרן...". און ער פֿרעגט אים צי האָט ער עפּעס אַ בקשה, ער וועט אים גערן העלפֿן און האָט דערבײַ אָנגעשטעלט אויף אים זײַנע שמאָלע שטעכיקע אויגן־שפּעלטעלעך. ער איז אַוודאי געווען זיכער, אַז אַ ייִד וועט אים בעטן אַ שטעלע אין שטאָב, אָדער אַן אַנדער פּריווילעגיע אויף זיך

אַרויסצודרייען פֿון פֿראָנט. ווי איבערראַשט איז ער אָבער געוואָרן, ווען מנחם האָט אים געענטפֿערט, אַז זײַן בקשה איז מען זאָל אים צוריקשיקן אויף זײַן פּלאַץ צו די טענגושײַער — „איך וויל גיין אויפֿן פֿראָנט, איך האָב אַ טאָפּלטן חשבון מיט די דײַטשן”, האָט ער געזאָגט. סוזאַיעוו האָט געשמייכלט, און דאָס שמייכעלע האָט אויסגעזען מנחמען ווי אַ דראָענדיקע וואָרענונג, וואָס האָט אים אומרויִק געמאַכט.

נאָך לאַנגע טעג און נעכט זיך שלעפּן מיטן לאַסטצוג, איז מען ענדלעך אָנגעקומען קיין מאָסקווע. און דאָ האָט זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט אַ פּאַנאָראַמע פֿון קאַשמאַר, אַלאַרעם און בהלה. מען האָט עוואַקויִרט די מלוכה־אַמטן, פֿאַבריקן, וואַרשטאַטן, און מיט זיי איז מיטגעלאָפֿן אַ שטראָם פֿון מענטשן צום הינטערלאַנד, צום ווײַטן מיזרח. אויף די גאַסן ריזיקע פּלאַקאַטן: פֿאַרטיידיק יעדן שפּאַן פֿון דער הייליקער רוסישער ערד! און אויף די ווענט אויפֿשריפֿטן מיט קרײַד, מיט סמאָלע: אַ טויט די ייִדן! דער ייִד איז שולדיק אין דער מלחמה! ייִדן פֿירן אַרויס דײַן ברויט פֿון שטאָט! אין פֿיל פֿענצטער זענען אויסגעשטעלט איקאָנעס, און פֿון די לאַנגע רייען בײַ די שפּײַזקראָמען טרײַבט מען די ייִדן. — „אומעטום זענען זיי דאָ די אָבראַשקעס, די יעווריעס. — דער חבר סטאַלין איז אַ גערעכטער מענטש, ער וועט די ייִדלאַקעס, די שווינדלער, צעשיסן”. אַן אַלטע ייִדישע פֿרוי, ווערט אַרויסגעטריבן פֿון דער ריי. זי האָט געוויינט: „איך האָב צוויי זין און אַ טאָכטער אויפֿן פֿראָנט, זיי זענען לייטענאַנטן”... און אויף דער וואַנט קעגנאיבער האָט אַ פּלאַקאַט גערופֿן: פֿאָלק פֿון סוואָראָוו און קוטוזאָוו און באַגדאַן כמעלניצקי — — —

בײַם שטאָב פֿון דער דיוויזיע האָט מנחם געטראָפֿן אַ ייִדישן סאָלדאַט פֿון סמאָלענסק, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז עס זענען שוין מער ניטאָ קיין ייִדן אין דער שטאָט. אויסגעהרגעט אַלעמען. מען הרגעט ייִדן אומעטום, אין די וועלדער, אויף די וועגן. און ער האָט אים געראָטן ער זאָל קיינעם ניט דערציילן אַז ער איז אַ ייִד, מען זאָל ניט וויסן אין זײַן טייל, ער

זאָל ענדערן דעם נאָמען. בײַ די דײַטשן, וועלן די סאָלדאַטן אויסגעבן, און ייִדישע געפֿאַנגענע וועלן גלייך דערשאָסן.

די דײַטשן וואַרפֿן פֿלוגבלעטלעך פֿון די אַעראָפּלאַנען: — „רוסישער סאָלדאַט, ניט קענען דיר פֿירן מיר אַ מלחמה, נאָר קעגן די ייִדן. פֿאַר וואָס נעמסטו זיך אָן פֿאַר די וועלט־אונטערצינדער? ווילסטו שטאַרבן פֿאַר די ייִדן?" און די פּראָפּאַגאַנדע האָט געפֿונען אָן אָפּקלאַנג, צעטומלט אַ סך מוחות, געגריזשעט ווי אַ וואָרעם אין האַרצן, און אַרויסגערופֿן פֿון די פֿינצ־טערע ווינקלען אין דער נשמה פֿאַרגעסענע און פֿאַרשטויסענע פֿאַראורטיילן קעגן ייִדן, וועלכע דער קריסטלעכער מיטאָס האָט אין פֿאַרלויף פֿון צוויי טויזנט יאָר פֿאַרשפּרייט וועגן ייִדן. און ווי אין די צײַטן פֿון די מגפֿות אין מיטל־עלטער, ווען מען האָט באַשולדיקט ייִדן אין פֿאַרסמען קריסטלעכע ברינעמער, האָט מען אויסגעלאָזן דעם צאָרן צו ייִדן. דער ייִד האָט ניט אויפֿגעהערט צו שפּילן זײַן היסטאָרישע ראָלע פֿון אַ שעיר לעזאזל צווישן פֿעלקער; אַ באַקוועמער בליץ־אַפּלייטער פֿאַר בײדע צדדים אין קאַמף, און אַז מאָסקווע האָט געהונגערט זענען שולדיק געווען אין דעם די ייִדן, און דער חבר סטאַלין האָט דעריבער ניט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ „געדעכטער מענטש", וואָס וועט זיי אויסשיסן.

עס זענען פֿון די טיפֿסטע געאָלאָגישע שיכטן אַרויסגעקראָכן די ווער־מעם פֿון די אַלטע אַטאַוויסטישע אינסטינקטן, און אַפֿילו די געכטיקע „חברים" און גוטע פֿרײַנד, האָבן אָנגעהויבן צו קוקן מיט חשד אויפֿן ייִדן און זען אין אים אַ „פֿרעמדן". אין דער לאַנגער ריי בײַ דער שפּייזקראָם האָט קיינער ניט געוואָלט — אָדער ניט געוואַגט — זיך אָנצונעמען פֿאַר דער ייִדישער פֿרוי, וועלכע איז אַוועק אַ פֿאַרשעמטע און צעבראָכענע אָן ברויט פֿאַר אירע אייניקלעך, וואָס די טאַטעס זייערע זענען געווען אויפֿן פֿראָנט, און די מאַמעס האָבן געגראָבן טראַנשייען און געאַרבעט אין די פֿאַבריקן.

די אַלטיטשקע, סאַראַ אַבראַמאָוונאַ קאַרינאַ, ווי די שכנים פֿלעגן זי פֿריִער מיט רעספּעקט רופֿן, דערשײַנט ווי אַ סימבאָל פֿון דער עפּאָכע און

פֿון דעם ייִדישן גורל. זי געדענקט גוט די צאַרישע צייַטן, די פּאָגראָמען אויף ייִדן. געווען אַמאָל אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע שטוב בייַ איר אָבער די זין זענען אַוועק מיטן שטראָם. רעוואָלוציע, קאָמסאָמאָל, אָפֿיצירן אין דער אַרמיי, און האָבן חתונה געהאַט מיט ניט־ייִדן. בלויז די טאָכטער, אַנאַ, אַ דאָקטערין, טיילט אירע זאָרגן און געפֿילן.

דער הויזוועכטער פֿון שטוב האָט זי שוין אויפֿגעהערט צו באַגריסן, און ווען זי גייט פֿאַרבייַ קוקט ער זי אָן פֿון דער זייַט מיט שטעכיקע אויגן. שטענדיק האָט ער איר אָנטקעגן געטראָגן אַ פֿרייַנדלעכן „גוטמאָרגן, סאָראַ אַבראַמאָוונאַ", און זי פֿלעגט אים יעדן ערשטן אַרייַנשטעקן אַ קערבל... איצט איז דער הויזוועכטער ניט דער זעלבער.

„די גאַסן זענען געוואָרן אַנדערע. די מענטשן ניט די זעלביקע. דרייַסיק יאָר [נאָך דער רעוואָלוציע] איז שוין אַריבער און ווידער קריכן אַרויס אַמאָליקע פּרצופֿים, אָ, ווי זי געדענקט זיי, די פֿרוי קאַרינאַ. די אייגענע אומרו, די אייגענע אויגן, פֿאַרגאַסענע מיט שׂינאה, וואָס דערוואַרטן דעם גרויסן בלוטיקן טאָג. ער גייט שוין אויף דער דאָזיקער טאָג איבער מאָסקווע. זייַן אָפּשייַן זעט מען אין דעם הויז־וועכטערס אויגן, אין די פּנימער פֿון מענטשן אין דער ריי. שוין, שוין. שעפּטשען געהיים צווישן זיך די שכנים".
(דאָרט, זז' 136—137).

מענדל מאַן שאַפֿט אַן אַטמאָספֿער מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. אָנגעלאָדן מיט עמאָציע, מיט איבערלעבונג. מיט טיפֿן צער, וואָס ווערט געצוימט, געשטיקט אין זיך. מיט אַ שפּראַך אין וועל־כער עס ווערט מער ניט־דערזאָגט ווי געזאָגט. אָבער מען דערפֿילט דעם אָנקומענדיקן שטורעם, די דראַמאַטישע שפּאַנונג, וואָס צערייַסט דאָס האַרץ אויף שטיקער. די אייביקע דראַמע פֿון ייִדן, ווי מיט דרייַסיק יאָר צוריק, פֿאַר דער רעוואָלוציע, ווי מיט דריי הונדערט, ווי מיט פֿינף הונ־דערט...

עס איז געוואָרן אומרויִק אין גאַס. — „רוסישע מענטשן" — שרייט איי־נער פֿאַר אַ געזעמל, וואָס קלייַבט זיך אַרום אים. — „אַ טויט די זשידעס!"

האָט געשריִען אַ צווייטער. די גאַס האָט זיך צעוויגט. אַ הייזעריק גע־זאַנג האָט זיך איבער איר געטראָגן. דאָס האָט מען געזונגען אַן אַלטן רו־סישן הימן. און פּלוצעם האָט ווער אָנגעהויבן פֿאָכען מיט אַ ווײַסער טוך מיט אַ שוואַרצן האָקנקרייץ אין מיטן. נאָך אַ פֿאָן מיט אַ האָקנקרייץ האָט אויפֿגעפֿלאַטערט איבער די קעפּ, און דער המון האָט זיך געלאָזט מיט געזאַנג איבער דער גאַס.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַנטקעגן מנחם מיט נאָך צוויי סאָל־דאַטן, ווען ס'איז אָנגעטרויט געוואָרן אַ געפֿאַנגענער דײַטש אָפּצופֿירן אין שטאָב. דער דײַטש האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער מאַסע מיט אַ גע־שריי: הײַל, הײַל!... אָבער ער האָט ניט באַוויזן צו מאַכן קיין טריט, מנחם האָט אַ צי געטאָן דאָס צינגל פֿון אויטאָמאַט, און דער דײַטש איז געפֿאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער. ער האָט נאָך דעם די מויל פֿון רער אָנגעשטעלט אויף די מאַניפֿעסטאַנטן און אַרויסגעלאָזן דעם גאַנצן דיסק מיט קוילן. — פֿײַער! פֿײַער! האָט ער געשריִען ווי אַ באַנומענער, פֿײַער! און זײַנע באַגלייטער האָבן נאָכגעטאָן זײַן בײַשפּיל, און גיך איז די גאַס באַ־דעקט געוואָרן מיט געפֿאַלענע און ריין פֿון לעבעדיקע מענטשן.

אַן אָפֿיציר פֿון דעם ספּעציעלן אָפּטייל איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן, האָט אַן עפּן געטאָן דאָס טירל פֿון אויטאָ און שטרענג זיך געוואָנדן צו מנחמען:

— „וואָס האָט פּאַסירט?" מנחם האָט ניט געקאָנט צונויפֿזאַמלען די געדאַנקען, און איז געשטאַנען אַן לשון. זײַנע באַגלייטער האָבן פֿאַר אים געענטפֿערט: — „מיר האָבן געפֿירט אַ געפֿאַנגענעם, אַן אָפֿיציר. און דאָ, נאָדיר גאָר דײַטשן! היימישע דײַטשן, חבר קאָמאַנדיר, אונדזעריקע. פֿאַר־רעטער. דער גערמאַניעץ האָט זיך דערפֿרייט ווען ער האָט זיי דערזען. נו, האָבן מיר זיי געוויזן...".

— ווער ביסטו לויט דער נאַציאָנאַליטעט? — האָט ער שוין רויִקער געפֿרעגט מנחמען.

— אַ ייִד.

— אַ ייִד? איך פֿאַרשטיי. איך פֿאַרשטיי. איר זײַט די איינציקע וועמען מען קאָן איצט געטרויען. אַלץ קאָן מען אײַך אַנטרויען...

יעדער עפּיזאָד פֿון דער דאָזיקער דראַמע, וואָס האָט אַ וועלט אויפֿגעטרייסלט, האָט אַ באַזונדער באַטײַט, וואַרפֿט אַ ליכט אויף אַן אַנדער ווינקל פֿון דער ייִדישער רעאַליטעט און אַנטפּלעקט דעם אמתן פּרצוף פֿון מענטשן. „פֿון אַ ליד קאָן מען קיין וואָרט ניט אַרויסוואַרפֿן", זאָגט אַ רוסיש שפּריכוואָרט. אין אַ ייִדישער ווערסיע וואָלט מען געדאַרפֿט זאָגן: „אין אַ קינה איז יעדעס וואָרט הייליק, ווי אַן עדות פֿון ייִדישע לײַדן". און אויף דער ייִדישער מלחמה־ליטעראַטור פֿון אונדזער יאָרהונדערט איז אויסגעגאָסן דער אָרעאָל פֿון קדושה, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם טיפֿן פּאָעטישן גײַסט פֿון די קינות אין ווײַטן מיטל־עלטער. אַ ייִדישער סאָלדאַט האָט געשאָסן אויף אַ פּראָ־דײַטשער מאַניפֿעסטאַציע אויף די מאָסקווער גאַסן. אָבער דאָס זענען ניט געווען קיין דײַטשן, נאָר ציווילע מענטשן, רוסן! און ער איז דערשיטערט. און געפֿינט ניט קיין ווערטער ווי צו דערקלערן זיין ספּאָנטאַנעם אויסבראָך. זײַנע רוסישע חברים האָבן ניט דעם מינדסטן ספֿק, קיינער וועט זיי ניט חושד זײַן, און מיט דער גאַנצער זיכערקייט האָבן זיי עדות געזאָגט: אונדזעריקע, חבֿר קאָמאַנדיר, אָבער פֿאַררעטער, און מיר האָבן זיי געוויזן!...

און דער קאָמאַנדיר איז איינער פֿון די ווייניקע, וואָס איז פֿרײַ פֿון פֿאָראורטיילן; צו אים האָט ניט דערגרייכט, אָדער ער האָט גובֿר געווען דעם טויזנט־יאָריקן מיטאָס, אין אַלע זײַנע מאָדערנע וואַריאַציעס פֿון שׂינאה און חשד צו ייִדן, און ער האָט געמאַכט דעם ריכטיקן אויספֿיר, אַז די ייִדן זענען אין דעם קאַמף די איינציקע צו וועלכע מען קאָן האָבן אַ פֿולן צוטרוי.

דאָס זענען די חסידי־אומות־העולם, וועלכע האָבן מיט אַ ניכטערן בליק געזען די געשעענישן, „פֿאַרשטאַנען" די לאַגע פֿון ייִדן און מיטגעפֿילט זייערע לײַדן. זיי האָבן אָפֿט מיט מסירת־נפֿש זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר ייִדן, זיי באַטראַכט פֿאַר אייגענע, ווי די טענגושײַער פּויערים זייער מי־

כּאַיִלן; אָבער ניט זיי האָבן דעצידירט די באַציִונג צו ייִדן אויפֿן פֿראָנט און אין הינטערלאַנד, בעת דער מלחמה און נאָך איר, אַזוי אין רוסלאַנד, אין פּוילן און אין פֿיל אַנדערע לענדער.

מנחם ווערט באַשטימט פֿאַר אַ דאָלמעטשער בײַם אויספֿאָרשן די געפֿאַנגענע, און זײַנע צוויי חברים, וואָס האָבן אים באַגלייט בײַם צושטעלן דעם דײַטשן אָפֿיציר אין שטאָב, אַדריאַן און זאַכאַר, זענען אַוועק מיטן באַטאַליאָן, וועלכער וועט די נאַכט אַריין אין קאַמף מיט די דײַטשן. ווייניק צוגעגרייטע, שלעכט באַוואָפֿנטע און ניט־דערנערטע, גייען זיי אויף אַ זיכערן טויט. קיין צוריקטריט איז ניטאָ. הינטער זיי שטייען די „פֿאַרצווימונג־באַטאַליאָנען" פֿון פּאַרטייער, פֿונקציאָנאַרן און מיליטערישע פּאָליציי. פֿאַרן אָפּמאַרש אויפֿן פֿראָנט האָט דער פּאָליט־קאָמיסאַר געוואָרנט: — „קלײַבט אויס, אַ טויט פֿון העלדן, פּנים אל פּנים מיטן שׂונא, אָדער אַ טויט ווי פֿאַררעטער פֿון פֿאָטערלאַנד, דורך אונדזערער אַ קויל!"...

אַדריאַן און זאַכאַר זענען אַוועק. מנחם האָט זיך געזעגנט מיט זיי, געגנומען זייערע היימאַדרעסן. זיי זענען זיך געפֿאַלן אין די אָרעמס. זאַכאַר, דער ריאַזאַנער פּויער, האָט אַוועקגעגעבן זײַן טאַשן־מעסערל: — נעם, מיכאַיִל, אַן אָנדענק. ער האָט נאָך געוואָלט אויסטאָן די פֿוטערנע הענטשקעס, דעם הוט... אַ רוסיש האַרץ האָט זיך ברייט צעעפֿנט, „דושאַ נאַ ראַספּאַשקו".

מנחם האָט געוויינט.

„— [נעם מיכאַיִל,] איך דאַרף מער גאָרניט. זאָל נאָר די געפּרווירענע ערד זײַן גוט צו מיר, זי וועט קילן מײַן שאַרבן. איך האָב איר אַ גאַנץ לעבן געדינט. דעם האַרטן ערד־פּאַנצער מיטן אַקער אויפֿגעריסן. געריניקט די פֿעלדער פֿון ווילדגראָזן. געוואָרפֿן ברויטקערנער. דאָס איז דאָך די זעלבע ערד. רירסט־אָן די ערד דאָ, שפּירט די ערד דײַן באַריר אין ריאַזאַן, אין סיביר. זיי וועלן וויסן דאָרט, די ברויטפֿעלדער פֿון ריאַזאַן, אַז איך בין געפֿאַלן. זי וועט גוט זײַן צום אָרעמען פּויער, זאַכאַר גלוכין. זי וועט מיך אַרײַננעמען אַזוי ווי זי נעמט אַרײַן אַ ברויטקערנדל. (דאָרט, ז' 168).

מענדל מאַן גיט אַ שאַרפֿן פּלאַסטישן אויסדרוק דער אינדיווידואַליטעט פֿון זײַנע העלדן. ער קאָן ווײַזן דעם גײַסט פֿון דער מאַסע און דעם פּנים פֿון יחיד. יעדער איינער איז געמאָלט ניואַנסירט מיט זײַנע אייגנאַרטיקע כאַראַקטער־שטריכן. יעדער איינער רעדט אויך מיט זײַן לשון. עס טרעפֿט אָבער אין געוויסע פֿאַלן, ווען מענדל מאַן לאָזט ריידן אַ העלד מיט דער שפּראַך פֿון מחבר. עס איז ניט אויס פֿעלן אין אויסדרוק, נאָר אין איבערפֿלוס פֿון דיכטערישער אינספּיראַציע, וואָס אַנטפּלעקט די געפֿילן, וועלכע ליגן פֿאַרבאָרגן אין די טיפֿעניש פֿון אַ שטומער נשמה, און ער לאָזט זי ריידן מיט אַ שפּראַך וואָס איז צום נאָענטסטן צום אמת, מיט אַ שפּראַך פֿון האַרצן, מיט סימבאָלן פֿון פּאָעטישן לשון. דער דיכטער איז אין דעם פֿאַל גובֿר דעם פּראָזאַיִקער, אָבער ניט אויף צו אַנטלויפֿן פֿון דער רעאַליטעט, נאָר אויף צו פֿאַרטיפֿן זי, און אַרײַנדרינגען אין תּוך פֿון די זאַכן און אין דער נשמה־יתירה פֿון מענטשן. ס׳איז אַ סטיל פֿון ס ו פּ ע ר ר ע אַ ל י ז ם, וואָס נעמט צו הילף די פֿאַנטאַזיע אויף בעסער צו פֿאַרשטיין דיווירקלעכקייט, און ריכטיקער פֿאַרצושטעלן דעם אמתן פּנים פֿון מענטשן.

יעדער עפּיזאָד, וועלכן מענדל מאַן אילומינירט מיט זײַן קינסטלערישן ליכט, איז אַ וויכטיקער אַספּעקט אין דער רעאַליטעט פֿון ייִדישן פֿאָלק צווישן פֿעלקער; און פֿון די אַלע דראַמאַטישע געשעענישן, פֿון וועלכע דער מחבר איז אַליין געווען אַן עדות און אַ קרבן, שיילט זיך אויס די העראָישע מאַרטירער־געשטאַלט פֿון ייִדישן גורל צווישן די אומות־העולם. די קינסטלערישע אינטויִציע גייט טיפֿער און זעט קלאָרער ווי די דיאַלעקטיק פֿון דעם היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, און די ליטעראַטור גיט דער וויסנשאַפֿט ווערטפֿולע עלעמענטן אויף צו דערקענען די דינאַמיק פֿון לעבן. (מיר גיבן דעריבער לענגערע ציטאַטן פֿון טעקסט, כּדי דער לייענער זאָל מיטן „אָריגינעלן מאַטעריאַל״ פֿאַר די אויגן, קאָנען נאָכטראַכטן און קאָנטראָלירן אונדזערע אויספֿירן).

אין יענע טעג איז געשען אַ פֿאַל, דערציילט דער מחבר מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער נאַראַטאַרישער אויספֿירלעכקייט, וואָס האָט „אויפֿגע־רודערט מנחמען", און וואָס גיט טיף אַ ריס אין האַרצן יעדן ייִדישן לייענער און יעדן אָרנטלעכן מענטשן. צוויי סאָלדאַטן זענען געשטעלט געוואָרן צום פֿעלדגעריכט און פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. איינער פֿון זיי אַ רוס פֿון אָמסק, לאַווראָוו, און דער צווייטער, אַ וויטעבסקער ייִד, אַבראַשאַ פֿייגין. מען האָט זיי באַשולדיקט אין אַ שווערן פֿאַרברעכן, וואָס האָט גורם געווען דעם טויט פֿון רוסישע סאָלדאַטן. מען האָט זיי אַרויס־געשיקט אָפּצורייניקן אַ פֿעלד פֿון מינעס. פֿאַרטאָג האָבן זיי זיך צוריק־געקערט און פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן זייער אויפֿגאַבע דורכגעפֿירט. אָבער ווי נאָר אַן אָפּטייל סאָלדאַטן האָט באַטראָטן דאָס פֿעלד, האָבן די מינעס אויפֿגעריסן און גורם געווען קרבנות. די ריכטער זענען געווען דער פּאָל־קאָווניק פּיעטראָוו, אַ געוועזענער פּוטילאָוויעץ, דער קאַפּיטאַן סוזאַיעוו און דער פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין.

דער אורטייל איז געלייענט געוואָרן פֿאַרן פּאָלק, וואָס האָט זיך אויס־געשטעלט פֿאַרן שטאָב: טויטאורטייל דורך דערשיסן פֿאַר פֿאַרראַט... לאַוו־ראָוו איז געפֿאַלן צו דער ערד, האָט געריסן אויף זיך די קליידער און גע־שריִען, אַז ער איז אומשולדיק. דער ייִד איז געשטאַנען שטום ווי פֿאַר־גליווערט.

„מנחם האָט געהערט ווי סוזאַיעוו האָט שטיל אַרײַנגעשעפּטשעט זשילינען אין אויער.

— קוק אויף דעם אַבראַשאַ. עס איז צו דערקענען אַז ער האָט עס אָנגערעדט. ס'איז אַבראַשאַס קעפּעלע דערבײַ.

— — — — — — — — —

סאָלדאַטן האָבן געשעפּטשעט:

— אַן אונדזעריקער קומט איצט אום איבער דעם שווינדלער.

— זיי נאַרן שטענדיק און ווילן דערנאָך זיך אַרויסדרייען.
(דאָרט ז' 180).

קורץ נאָך דעם האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די צוויי אומגליק־לעכע זענען געווען אומשולדיק. מען האָט געכאַפּט אַ „צונג" און נאָך איי־נעם, און די געפּאַנגענע האָבן דערציילט, אַז די דײַטשע וואַך האָט באַ־מערקט די צוויי סאָוועטישע זעלנער אויפֿן פֿעלד, אָבער זיי האָבן באַקו־מען אַ באַפֿעל ניט צו שיסן, און ווי נאָר די רוסישע סאָלדאַטן זענען אַוועק, האָבן זיי אויך גיך פֿאַרזייט דאָס פֿעלד מיט נײַע מינעס, און אַ סאָוועטישער אָפּטייל איז אויף זיי אַרויף און געליטן גרויסע פֿאַרלוסטן...

לאַוראָוו און פֿייגין זענען ניט געווען קיין פֿאַררעטער און זענען אומשולדיק פֿאַרמישפּט געוואָרן. זיי זענען געפֿאַלן קרבנות פֿון סוזאַיעווס שינאה צו ייִדן. זײַן שינאה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז געווען גרייט אויך מקריב צו זײַן אַ ניט־ייִדן. אָט דער מאָרדוויִנער, דער ענקאַוועדיסט מיט די אַזיאַטישע פּנים־שטריכן, וואָס האָט בראַווירט מיט „מיר, רוסישע מענטשן", ער האָט דורך אַנטיסעמיטיזם געוואָלט אונטערשטרײַכן זײַן אידענטיפֿיקאַציע מיט די רוסן. ער האָט אין דער שפּיל אויך געוואָלט אַרײַנציִען דעם ייִדישן גענעראַל פּליסקין; ער האָט צוגעאײַלט דעם פּראָ־צעס, ספּעציעל געפֿאָרן אין שטאַב פֿון דער דיוויזיע און פֿאַרגעלייגט דעם גענעראַל צו חתמענען דעם פּסק־דין. „איינער האָט אַוודאי באַאײַנפֿלוסט דעם צווייטן צום פֿאַרראַט" — האָט ער פֿאַרטרויליך געזאָגט דעם גענעראַל — „און ס'איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן ווער ס'איז געווען דער אַנדערער. ווי מיינט איר?" — האָט ער אָנגעשטעלט אויפֿן גענעראַל זײַנע צוויי שטעכיקע אויגן־שפּעלטלעך.

דעם גענעראַל איז אַדורך אַ ציטער איבערן לײַב, אָבער ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוווײַזן גלײַכגילט און רויִקייט, און האָט געחתמעט דעם אור־טייל; להכעיס סוזאַיעוון האָט ער געחתמעט, ווײַלכער האָט געמיינט, אַז דער ייִד וועט זיך קווענקלען, אָפּלייגן און וועלן ראַטעווען אַ ייִדן, מעג ער זײַן אַ פֿאַררעטער. דער גענעראַל האָט זיך נאָך דעם פֿאַרגעוואָרפֿן זײַן איבער־געאײַלטע האַנדלונג. ער האָט דאָך געקאָנט אָפּשטופּן סוזאַיעווס פּאַפּירל און זאָגן: — „מיר וועלן זען, וואָס איז די אײַלעניש? מען דאַרף גענוי

אויספֿאָרשן איידער מען פֿאַרמשפּט מענטשן צום טויט". ער וואָלט עס זיכער געטאָן, ווען ניט סוזאַיעווס שטעכיקער בליק און זײַן חוצפּהדיקע פֿראַגע.

און דער מחבר מאַכט אַ פֿילזאָגנדיקע באַמערקונג, אַז דער גענעראַל האָט זיך געפֿילט „ווי געפּעניטעט, ווי טויזנטער פּעדעם זאָלן אים פֿאַר־בינדן וואָס אַ מאָל מערער און מערער. אייגנטלעך איז ער דאָך אַ פֿרײַער מענטש ?"...

ניין, ער איז ניט געווען קיין „פֿרײַער מענטש"! דער פֿאַקט אַליין וואָס פּליסקין האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע איז אַ באַווײַז, אַז ער האָט זיך ניט געפֿילט פֿרײַ, נאָר „געפּעניטעט, ווי פֿאַרבונדן מיט טויזנטער פּע־דעם", ווי דער מחבר האָט עס זייער ריכטיק אינטויִרט. אין אַן אַטמאָס־פֿער פֿון חשד און שׂינאה, ווו יעדער זשעסט דײַנער ווערט אויסגעטײַטשט צום שלעכטן, קאָן אַ מענטש זיך ניט פֿילן פֿרײַ און האַנדלען ספּאָנטאַן, לויטן אימפּולס פֿון זײַן האַרצן און לויטן רוף פֿון זײַן געוויסן. ווײַל — און דאָ האָט ווידער דער קינסטלער דערפֿילט אַ דערשטיקטן קרעכץ פֿון אַ פֿאַרבאָרגענער סטרונע אין ייִדישן האַרצן — ווײַל: „צווישן דעם ייִדישן גענעראַל, פּליסקין, און דעם וויטעבסקער ייִדן, פֿייגין — זאָגט דער מחבר — האָט זיך אַוועקגעשטעלט סוזאַיעוו, דער ענקאַוועדיסט און רוס".

(דאָרט, ז' 195).

אַלע פֿעלקערשאַפֿטן פֿון דער „מאַטושקאַ ראַסיאַ": די מאָרדווינער, באַשקירן, קאַלמיקן, גרוזינער, אוקראַיִנער און צענדליקער אַנדערע אומות, וואָס באַווינען די ריזיקע רוסישע טעריטאָריע, קאָנען זיך גאַנץ רויִק זאָגן „מי רוסקיִע ליודי"; אָדער צום ווייניקסטן זיך באַטראַכטן ווי פֿול־ווערטיקע „סאָוועטישע מענטשן", נאָר ניט די ייִדן, אַפֿילו ווען זיי ווילן עס מיטן גאַנצן האַרצן. זיי זענען אומעטום און שטענדיק די „פֿרעמדע".

זשאַן פּאָל סאַרטר זאָגט אין זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַנטיסעמיטיזם, אַז „די ייִדן זענען דאָס, וואָס מיר, ניט־ייִדן, האָבן געמאַכט פֿון זיי". אָבער דאָס איז נאָר אַ האַלבער אמת. ייִדן זענען קודם כּל דאָס, וואָס זיי האָבן געירשנט פֿון דורות עלטערן און טראָגן עס גענעטיש אין זייער בלוט, וואָס

זיכערט זייער המשך ווי אַ נאַציע, צוזאַמען מיט דעם וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין פֿאַרלויף פֿון זייער לאַנגער גלות־וואַנדערונג צווישן פֿעל־קער. זיי זענען אין דעם זינען ניט קיין אויסנעם. דאָס זעלבע געזעץ גילט פֿאַר אַלע פֿעלקער גלייַך: ירושה און די אַרומיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען פֿון לעבן, פֿאַרמירן דעם כאַראַקטער פֿון יחיד און די אייגנאַרטיקע שטריכן פֿון כּלל.

אין דער יִדישער גלות־עקסיסטענץ האָבן אָבער געווירקט פֿאַקטאָרן, פֿון וועלכע אַנדערע פֿעלקער האָבן גאָרניט קיין אַנונג. צווישן דעם יִדישן גענעראַל און דעם יִדישן סאָלדאַט האָט זיך באַוויזן דער מיאוסער פּרצוף פֿון אַ שונא־ישׂראל, האָט דער גענעראַל אויף אַ רגע פֿאַרלאָרן זייַן גייַס־טיקן גלייַכגעוויכט, דער יִדישער אינסטינקט האָט ערגעץ ווו אויפֿגע־בליצט און געוואָרנט, — אַז ער איז אין גלות! דער אַנטיסעמיט האָט מיט שפּאַנונג דערוואַרט, אַז דער גענעראַל זאָל באַשטעטיקן זייַן חשד, אַז יִדן זענען „אַנרייצער" צו פֿאַרראַט, אַז זיי זענען גלייַכגילטיק צום טויט פֿון רוסישע סאָלדאַטן. האָט ער רעאַגירט אויפֿן בילבול, וועלכן ער האָט אַרויסגעלייענט פֿון מאָרדווינס שיפֿע אויגן, מיטן אונטערשרייַבן דעם טויטאורטייל, ווי ער זאָל זאָגן: — איך וויל ניט ראַ־טעווען קיין פֿאַררעטער, נאָר דערפֿאַר ווייַל ער איז אַ ייִד; די זיכערקייט פֿון פֿאָטערלאַנד שטעל איך העכער פֿון פּערזענלעכע סענטימענטן...

ס'איז אַ גלות־קאָמפּלעקס, וואָס פֿאַרקרימט אָפֿט די וועגן פֿון יִדן, צוימט זייַן אוממיטלבאַרקייט, „פּענטעט" זייַן פֿרייַהייט פֿון אויסוואַל, די בחירה חפשית, וואָס ליגט אין יסוד פֿון יִדישן דענקען און פֿילן. איך האָב אין אַ צווייטן פּלאַץ* עס ברייטער באַהאַנדלט, דאָ וויל איך נאָר צוגעבן, אַז ס'איז ניט קיין מינערווערטיקייט־סענטימענט, ווי אויבנאויפֿיק קאָן אויסזען; נאָר גראָד פֿאַרקערט, דער גלות־קאָמפּלעקס איז אָפֿט מאָל פֿאַר־בונדן מיט אַזאַ געפֿיל, וואָס האָט געגעבן כּוח דעם וויטעבסקער יִדן,

---

* „פֿון די טיפֿענישן" ז. 19.

פֿייגין, סטאַיִש אויסהערן דעם טויטאורטייל, בעת לאַוראַוו פֿון אַמסק האָט זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ. ער האָט זיך געפֿילט אומשולדיק. אויך פֿייגין איז ניט געווען שולדיק! נאָר דער יורש פֿון דורות מאַרטירער האָט גע־פֿילט, אַז עס איז אומזיסט אַ ייִד זאָל שרײַען צו אָט די מענטשן. מען וועט זײַן שטים ניט דערהערן, ער וועט זיך בלויז אויסשטעלן צו חוזק. ער מוז אויפֿנעמען מיט סטאַיִשער רויִקייט דעם גזר, ווי זײַנע עלטערן האָבן עס געטאָן אויף די שײַטערס פֿון דער אינקוויזיציע...

די שאַרפֿע אָבסערוואַציע־קראַפֿט פֿון מענדל מאַן, זײַן טיפֿער אַרײַנ־בליק אין „לאַבירינט פֿון דער מענטשלעכער נשמה״, זײַן געזונטער חוש פֿאַר דער רעאַליטעט און זײַן ברייטע וויזיע פֿון די היסטאָרישע טענדענצן, וועלכע זענען געקומען אין צוזאַמענשטויס אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון דער וועלט האָבן פֿאַרוואַנדלט זײַן מלחמה־טרילאָגיע אין אַ קאַפּיטאַל ווערק, וואָס עפֿנט אַן אַרײַנבליק אין דער פֿעלקער־פּסיכאָלאָגיע, און פֿאַר־ענטפֿערט אַ סך פֿראַגן, וועלכע די גײַסט־וויסנשאַפֿטן זוכן צו אַנטשיידן. בעתן אויסבראָך פֿון מלחמה־שגעון, ווען די מענטשלעכע אינסטינקטן גייען אַרויס פֿון די ברעגן, און פֿאַרפֿלייצן מיטן שטראָם־אויסבראָך דאָס נאָר־מאַלע לעבן, ווערן אַראָפּגעריסן אַ סך שלייערן פֿון פּנים, און דער מענטש דערשײַנט אין זײַן אמתער געשטאַלט, אָן גרים און אָן שמינקע, אויף דער אַרענע פֿון לעבן.

מנחם האָט פּרײַוויליק זיך באַטייליקט אין עטלעכע בײַנאַכטיקע אויס־שפּיר־אַקציעס און איז אין איינער פֿון זיי לײַכט פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן. מיט זײַן שעף, דעם פּאָלקאָווניק פּיעטראָוו, איז ער אָפֿט געגאַנגען אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס, דורכגעפֿירט רעוויזיעס אין די טראַנשייען אונ־טערן פֿײַער פֿון שונא. דאָס רוב פֿלעגן זיי זיך אַרויסלאָזן אין די נעכט, קאַמופֿלאַזשירט אין ווײַסע כאַלאַטן, צוזאַמען מיט געפֿאַנגענע דײַטשן, וועלכע האָבן דורך אַ הילכער „אַרויסגעזונגען״ צו זייערע „קאַמעראַדן״ אויף די דײַטשע פּאָזיציעס די רעדעס, וועלכע מנחם האָט מיט זיי אײַנגע־חזרט.

בשעת איינעם אַזאַ נאַכטשפּאַציר איבער די טיף־פֿאַרשנייטע פֿעל־דער, אויפֿן פֿראָנט פֿון באַטאַליאָן אונטער דער קאָמאַנדע פֿון ייִדישן פּאָד־פּאָלקאָווניק טשערקאַס, זאָגט אים פּיעטראָוו:

„איך קאָן ניט פֿאַרשטיין אײַך, די ייִדן — סײַ דעם אײַנפֿאַכן ייִדישן סאָלדאַט, סײַ דעם ייִדישן גענעראַל. עפּעס גאָר אַנדערע מענטשן... קאָמ־פּליצירטע מענטשן. נערוועזע... נעכטן בײַ נאַכט האָב איך גערדאַרפֿט אַרויס־שיקן אַ קליינע אויסשפּיר־גרופּע צו ברענגען אַ „צונג". האָב איך געפֿרעגט ווער וויל גיין פֿרײַוויליק? האָבן גלײַך אַכט סאָלדאַטן זיך געמאָלדן. איך גיב אַ קוק — אַלע זענען זיי ייִדן. בלויז ייִדן! איך דערקען אַ ייִדן פֿון ערשטן בליק, מעג ער האָבן אַן עכט רוסישן נאָמען. כ'דערקען זיי... ס'איז ניט נאַטירלעך, רײַסן זיך אַליין אין פֿײַער אַרײַן. עפּעס טויג ניט מיט אײַך, מיכאַיִל... איך וויל האָבן צו טאָן מיט מענטשן. מיט גלײַכע, מיט פּשוטע מענטשן. איר זײַט ניט גלײַך און ניט פּשוט, איך שרעק זיך פֿאַר אײַך. וואָס מיינען זיי די אַכט? זיי ווילן אויסשטעלן די איבע־ריקע סאָלדאַטן פֿאַר שרעקעוודיקע? אַלע, די רוסן, די אוקראַיִנער, די טשוואַשן און מאָרדווינער, זענען פּחדנים? אויך איך בין אַ פּחדן געוואָרן דורך זיי! איך וויל לעבן! איך היט זיך! איך וויל ניט שטאַרבן. אָבער איר, איר ווייסט אַליין וואָס איר ווילט!

ווער איז דער פּאָלקאָווניק טשערקאַס? אַ העלד? ניין, ניט קיין העלד! ער רײַסט זיך דער ערשטער צו יעדער שלאַכט! ער גייט דער ערשטער אין פֿײַער אַרײַן. ער טוט עס ניט צוליב מעדאַלן! ער טוט עס ווײַל ער וויל באַווײַזן זײַן פּאַטריאָטיזם! אים דוכט זיך, אַז מיר גלייבן אים ניט. ער וויל ניט מיר זאָלן אים באַשולדיקן אין פּחדנות. דאָס האָבן אויך געטראַכט די אַכט פֿרײַוויליקע ייִדן".

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע און צוגעגעבן: — „מיכאַיִל, איך בין אַן אַרבעטער געווען אַלע מײַנע יאָרן, אַ לענינגראַדער, אַ פּוטילאָ־וויעץ. פֿאַר וואָס זאָל איך פֿײַנט האָבן ייִדן? דאָס איז ניט קיין שׂינאה!

איך פֿיל זיך אָבער אומבאַקוועם מיט טשערקאַסן, מיט די אַכט פּרײַוויליקע. איך מײַד זיי אויס. דו פֿאַרשטייסט מיך אוודאי?"...

וואָס פֿאַרא ווונדערלעכער מענטשלעכער מאָנאָלאָג! אַן אויפֿריכטיקייט אויף וועלכער עס איז נאָר פֿעיִק די אָפֿנהאַרציקייט פֿון אַ רוסישער נשמה. ער איז גערעכט דער געוועזענער אַרבעטער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד, אָבער ער איז דורכויס אומגערעכט אין שײַכות צו ייִדן. ער איז אומגערעכט ניט צוליב בייזוויליקייט, ער איז ניט קיין שונא־ישׂראל, נאָר צוליב מאָטיוון, וועלכע ליגן פֿאַרבאָרגן אין די אורקוואַלן פֿון מענטשלעכן גײַסט, אין די טיפֿע געאָלאָגישע שיכטן, פֿון וועלכער ער האָט אַליין ניט קיין אָנונג. און אין דעם איז פֿאַרבאָרגן די טראַגיק פֿון ייִדישן מענטשן צווישן די ניט־ייִדן. אַפֿילו פֿאַר דעם גוטן גוי איז דער ייִד אַ „פֿרעמדער", וואָס רופֿט בײַ אים אַרויס אַ ווידערווילן.

דער פֿאַקט וואָס ייִדן האָבן אַ „טאָפּלטן חשבון" מיטן דײַטש, איז נאָך בײַ אים ניט געוואָרן קיין איבערצײַגונג; ניט ער האָט אַלץ גענוי געוווסט, ניט ער האָט עס געקאָנט פֿילן ווי אַ ייִד. און דער פֿאַקט, וואָס ייִדן האָבן ניט געוואָלט מען זאָל זיי חושד זײַן אין פּחדנות איז מעגלעך ריכטיק. אָבער, זענען אין דעם שולדיק די ייִדן, אָדער די וואָס טראָגן זיך אַרום און וואָס גלייבן אין אַזעלכע חשדים? און אויב אַפֿילו „ייִדן ווילן ניט מען זאָל זיי חושד זײַן אין פּחדנות" און גייען אויף מסירת־נפֿש, איז עס אַ חסרון? דער אמת איז, אַז מען „שרעקט זיך" פֿאַר ייִדן ווי פּיעטראָוו, און מען האָט זיי פֿײַנט ווי סוזאָיעוו, ניט פֿאַר זייערע חסרונות, — נאָר פֿאַר זייערע מעלות!

ווען די אַכט פּרײַוויליקע וואָלטן געווען אוקראַיִנער אָדער אַפֿילו קירגיזן, וואָלט דער גוטער פּאָלקאָווניק פּיעטראָוו זיכער געזאָגט: מאָלאָדצי רעביאַטאַ! און די גרויסע רוסישע ענציקלאָפּעדיע וואָלט זיך ניט געשעמט אַרײַנשרײַבן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז די אוקראַיִנער האָבן אין פּראָפּאָרץ געגעבן דעם גרעסטן פּראָצענט העלדן. ווײַל מיט די אוקראַיִנער פֿילט מען זיך אידענטיפֿיצירט, ווי מיט סלאַוון, ווי מיט אייגענע, און ווען די קיר־

גיזן וואָלט מען געזאָגט, אַז ס׳איז אַ „נאַראָדנאָסט״, אַ פֿעלקערשאַפֿט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ קריגערישן גײַסט, און האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה פֿאַרן סאָוועטישן פֿאָטערלאַנד. אָבער ייִדן וויל מען אַזאַ כּבֿוד ניט צוטיילן, ווײַל אויף אַ ייִד קוקט אַפֿילו דער בעסטער קריסט, ווי אויף אַ „פֿרעמדן״. אפֿשר אויך דערפֿאַר ווײַל דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַרמאָגט זײַן בפֿירושע נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע פערזענלעכקייט, און קאָן דעריבער זײַן כּבֿוד מיט קיינעם ניט טיילן... דער אויפֿטו פֿון אַ ייִדן ווערט ניט פֿאַרשריבן אויפֿן חשבון פֿון ניט־ייִדן...

דער פֿאָלקאָווניק פּיעטראָוו איז זיכער געווען פֿרײַ פֿון אַ סך פֿאָרורטיילן, און צו זײַן נשמה זענען אוודאי ניט צוגעשטאַנען קיין שום קריסטלעכע מיטאָסן. כאָטש מיטאָס איז אַ קלעפּיקע קראַנקייט. מיטאָס באַהערשט מאָסן, פֿאַרשפּרייט זיך ווי אַ מגפֿה און שטעקט אָן מיט זײַן גיפֿט אויך פּריווילעגירטע מוחות, און מענטשן מאַכן דעם לײַכטזיניקן אויספֿיר: „אַז מען קלינגט איז חגא״... אַז אַלע שלאָגן ייִדן מסתּמא איז פֿאַר עפּעס...

אין טשעכיע איז געווען אַן עלילת־דם־בילבול אויף אַ ייִדישן שוסטער, אַז ער האָט באַנוצט בלוט פֿון אַ קריסטלעך קינד אויף מצה. טאָמאָס מאַסאַריק, דער הומאַניסט און געוועזענער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, האָט הייס פֿאַרטיידיקט דעם ייִדן, וואָס איז ענדלעך באַפֿרײַט געוואָרן ווײַל עס זענען ניט געווען קיין גענוגנדיקע באַווײַזן. מען האָט אויך שפּעטער געפֿונען אַ לעבעדיקן דעם כּלומרשטן קרבן. אין אַ צײַט אַרום האָט מאַסאַריק זיך געטראָפֿן מיט ווייצמאַנען און סאָקאָלאָוון און שמועסנדיק וועגן דער געשיכטע פֿון בלוט־בילבול, האָט דער ליבעראַל און קולטור־מענטש אָפֿנהאַרציק געזאָגט, אַז ער איז ניט איבערצײַגט אין דעם, אַז ייִדן נוצן ניט קיין קריסטלעך בלוט אויף מצה...

בעצם האָט דער אַנטיסעמיטיזם עקסיסטירט שוין פֿאַר קריסטוסן. אַפּיאָן פֿון אַלעקסאַנדריע האָט אָנגעשריבן זײַן גיפֿטיק אַנטיסעמיטיש ווערק אין ערשטן יאָרהונדערט פֿון דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג. המן האָט

געלעבט, אָדער איז אַ פּראָדוקט פֿון אַ קינסטלערישער פֿאָרשטעלונג, נאָך אײדער יעזוס האָט „אויסגעלייזט די וועלט". אין אַלעקסאַנדריע האָט אין יענער צײַט געלעבט אַ גרויסער ייִדישער ייִשוב מיט אַ ברייטן שיכט אינ־טעלעקטואַלן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אַלע פּראָפעסיעס און אין האַנדל. זיי האָבן אויך אויפֿגעבויט דאָרט אַ בית־המקדש, אויף וועלכן די מסורה זאָגט, אַז ער איז געווען שענער ווי דער אָריגינאַל אויפֿן הר הבית. זענען זיי ניט נאָר געווען אַ פֿאַקטאָר פֿון „עקאָנאָמישער קאָנקורענץ" פֿאַר די אײַנגעבוירענע, לויט דער שמאָלער מאַטעריאַליסטישער אײַנשטעלונג, נאָר ייִדן האָבן אויך דערוועקט אַ געפֿיל פֿון קינאה מיט זייער אונטער־נעמערישן גײַסט און מיט זייערע גײַסטיקע פֿעיִקייטן. און אויף זייער „פֿרעמדקייט" האָט עדות געזאָגט זייער אייגנאַרטיק נאַציאָנאַל לעבן.

קינאה איז אַן אײַנגעבוירענער, נאַטירלעכער, אור־סענטימענט אין דער נשמה פֿון מענטשן. קין האָט דערהרגעט הבֿלען ניט אויס „עקאָנאָמישער קאָנקורענץ" נאָר אויס קינאה, ווײַל הבֿל האָט געהאַט אַ דערפֿאָלג אין לעבן. און קינאה איז דאָס איינציקע געפֿיל, וואָס שאַפֿט שׂינאת־חינם. דער קלוגער שפּאַנישער פֿילאָסאָף אונאַמונאָ האָט געזאָגט, אַז דער געפֿערלעכסטער גיפֿט אויף דער וועלט איז די קינאה פֿון אַ טאַלאַנט־לאָזן שרײַבער. ער איז ניט נאָר מקנא די מער טאַלאַנטירטע פֿון אים, נאָר ער האָט זיי אויך פֿײַנט. ער האָט עס, וואָרשײַנלעך, געפֿילט אויף זײַן איי־גענער הויט. אַ סוחר וועלכן עס גייט ניט אין מיסחר, איז אַ שׂונא דעם שכן וואָס מאַכט גוטע געשעפֿטן.

אַ גמרא זאָגט אַפֿילו אַז קינאת סופֿרים תּרבה חכמה. אָבער דאָס מיינט גיכער דעם געפֿיל פֿון פֿאַרמעסט צווישן גלײַכע, ווען דער בײַשפּיל פֿון מתמיד סטימולירט די מער אָפּגעשטאַנענע און פֿון דעם פֿלײַסיקן, וואָס אַקטיווירט דעם פֿוילן. דאָס אמתע געפֿיל פֿון קינאה ווערט ריכטיק פֿאָרמו־לירט אין דער גמרא (שבת קנ"ב): „ווער עס טראָגט קינאה אין האַרצן בײַ דעם פֿוילן די ביינער", און „קינאה און כּעס פֿאַרקירצן די יאָרן" (בן־סירא). „בעסער הונדערט מיתות (יסורים) ווי איין קינאה", ווערט געזאָגט

אין „דברים רבה" און נאָך קאַטעגאָרישער ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק אין „שיר השירים" (ח' ט): „שווער ווי דער קבר איז די קינאה". ייִדן האָבן פֿעלערן ווי אַלע פֿעלקער: אָבער זיי זענען געבענטשט מיט טאַלאַנט, אויף דעם זאָגט עדות זייער שעפֿערישער גײַסט דורך אַלע דורות, און טאַלאַנט איז ניט נאָר אַ ברכה פֿון גאָט, נאָר אויך אַן אַחריות, און אָפֿט מאָל אויך אַ שטראָף, פֿאַר וועלכן מען מוז צאָלן אַ פּרײַז... און דער פּרײַז איז די שינאה, וועלכע די ק י נ א ה דערוועקט בײַ אַנדערע פֿעלקער.

אין דעם באַרג אַנטי־אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וועלכע איך האָב דורכגעלייענט, איז דער עלעמענט פֿון קינאה אין די סאָציאַלע באַציִונגען פֿאַרבײַ אומבאַמערקט, אָבער ער עקסיסטירט און ווירקט אין לעבן. דער קאַפּיטאַן סוזאַיעוו זאָגט אָפֿן, אַז ער האָט פֿײַנט די „ייִדישע קעפּעלעך" און בײַם פּאָלקאָווניק פּיעטראָוו רופֿט אַרויס די ייִדישע העלדישקייט אַן אומבאַשטימט געפֿיל, וואָס איז אים ניט צום האַרצן; ער האָט זיי ניט פֿײַנט די ייִדן, ווײַל ער איז בטבֿע אַ גוטער מענטש, אָבער ער „מײַדט זיי אויס", זיי זענען ניט פֿון זײַנע מענטשן...

מען האָט ייִדן פֿײַנט אויך ניט דערפֿאַר ווײַל זיי זענען אַן „עם לבֿדד ישכּון", ווײַל זיי האַלטן זיך באַזונדער און „מישן זיך ניט אויס" מיט אַנדערע פֿעלקער. דער גורל פֿון דײַטשן ייִדנטום איז גענוג אויף אָפּצולייקענען די אײַנרעדעניש. די טעזע האָט נאָך אַן איבערצײַגנדיקע היסטאָרישע באַרעכטיקונג, וועלכע איך וועל קאָמענטירן ניט זייער גערן. אָבער ס'איז אַן אײנציקער און זייער כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל. פֿאַראַן אַ וואָנדערנדיקער שבֿט צווישן פֿעלקער — איך צווייפֿל אַפֿילו צי מען קען אים אָנרופֿן פֿאָלק — וואָס לעבט אויך באַזונדער, און „מישט זיך ניט" מיט אַנדערע פֿעלקער, און דאָך האָט מען אים ניט פֿײַנט, מען מאַכט ניט אויף אים קיין פּאָגראָמען און מען ווענדט ניט אָן לגבי אים קיין שום דיסקרימינאַציעס, נאָר מען באַציט זיך צו אים מיט ביטול. דאָס זענען גײַסטיק פֿרוכטלאָזע מענטשן, וואָס לעבן אין פּרימיטיווע פּאַטריאַרכאַלע משפּחות, ווי מיט יאָרהונדערטער צוריק. די ציגײַנער זענען פֿאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער

און די מיטאָלאָגיע האָט זיי צוגעטיילט די ראָלע פֿון קליינע גנבֿים, וואָס קאָנען אַוועקלקחנען אַ פּאָר הינער, אַ פֿערד און אַפֿילו, זאָגט מען, אַ קינד. צו קיין גרעסערע רויבאַקטן האָבן זיי ניט קיין „קולטור״. מען מייַדט זיי אויס, אָבער מען האָט זיי ניט פֿייַנט. ביטול איז אַן אויסדרוק פֿון מינ־ ערשעצונג און שאַפֿט ניט קיין קינאה. נאָר קינאה שאַפֿט שינאת־חינם! ס'איז כּמעט ווי ניט פֿאַראַן וועגן ציגייַנער קיין ליטעראַטור. די געשיכטע האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיי, און זיי אַליין האָבן גאָרניט ניט געשאַפֿן. זיי זענען ניט קיין פּראָדוקטיווער עלעמענט, און דאָך האָט קיין שום לאַנד ניט פֿאַרמאַכט פֿאַר זיי די טירן.

דאָס מערקווערדיקע איז, וואָס זיי האַלטן אַן אַ זעלטענע טהרת־משפּחה. אַ ציגייַנערטע וועט קיין מאָל ניט גיין אַליין, נאָר מיט אַ „שמירה״ פֿון נאָך איינער אָדער צוויי באַגלייטערינס. דערפֿאַר האָבן זיי אויפֿגעהאַלטן זייער גענעטישן המשך און די עטנישע אייגנאַרט, וואָס באַשטייט אין אַ פּרימיטיוון לעבנסשטייגער און אין די לאַנגע פֿאַרביקע ווייַבערשע קליי־ דער...

מיטאָסן, לעגענדעס און פֿאָראורטיילן זענען ניט קיין פֿאַרגליווערטע איַנסטאַנצן. אַלע פֿעלקער האָבן זייערע מיטאָסן פֿון די אַלטע צייַטן. דער קלאַסישער מוסטער פֿון ייִדישן מיטאָס איז פֿאַרהייליקט אין חומש, און איז דורכגעדרונגען מיט אַ געפֿיל פֿון ליבשאַפֿט צו מענטשן. אָבער יעדן טאָג ווערן געשאַפֿן נייַע מיטאָסן, וועגן העלדן וואָס ווערן פֿאַרערט און וועגן געשעענישן, וואָס לאָזן איבער אַן אומפֿאַרגעסלעכן איַינדרוק. ייִדן זענען געווען קרבנות פֿון פֿייַנדלעכע מיטאָסן דורך אַלע צייַטן. בער באָראָכאָוו האָט געזאָגט, אַז דער פֿאָלקלאָר פֿון די קריסטלעכע פֿעלקער איז דורכגע־ פֿרעסן מיט שינאה צו ייִדן. אין דער מלחמה־צייַט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ נייַער מיטאָס, אַז די ייִדן האָבן „באַהערשט טאַשקענט״; עס האָט זיך אָנ־ געהויבן ווי אַן אומשולדיקער שפּאַס, וואָס האָט ווי אַ שטראָם גיפֿט פֿאַר־ סמט די געמיטער, און פֿאַרשאַפֿט די ייִדן געגנוג לייַדן.

אויף פּאָלקאָווניק פּיעטראָווס השתּפכות־הלבֿ האָט אים מנחם דער־ציילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער אויף אַ פֿאַראָרדענונג פֿון פּאָליט־קאָמיסאַר געלייענט דעם טאָג־קאָמוניקאַט פֿאַר די סאָלדאַטן אין די טראַנשייען, וואָס האָט אינפֿאָרמירט, אַז עס זענען באַפֿרײַט געוואָרן פֿון אינוואַזירער די שטאָט קאַלינין און יעלעץ — „איר האָט זיך פֿאַרגעסן צו דערמאָנען נאָך אַ שטאָט וואָס אונדזעריקע האָבן אײַנגענומען", — האָט אים אַ סאָלדאַט פֿון ערגעץ אַ ווינקל אויסגעשריִען. מנחם האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט. — „וועלכע שטאָט?" — האָט ער געפֿרעגט. — „טאַשקענט! ווייסט איר ניט, אַז די ייִדן האָבן אײַנגענומען טאַשקענט אָן אַ שלאַכט?" — האָט דער סאָלדאַט סאַרקאַסטיש צוגעגעבן. צענדליקער סאָלדאַטן האָבן זיך צעלאַכט, און אַן אײַנגעהאַלטן געלעכטערל האָט געגליווערט אויף אַ סך פּנימער.

— איך בין אַוועק אַ פֿאַרשעמטער און צעבראָכענער — האָט געזאָגט מנחם — און דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס עס האָבן זיך געמאָלדן אַזוי פֿיל פֿרײַוויליקע ייִדן. נאָך אײַך, חבֿר פּאָלקאָווניק, זענען מיר אַלץ: פּחדנים, וואָס זיצן אין טאַשקענט און אין דער זעלבער צײַט העלדן, וואָס רײַסן זיך אין שלאַכט צוליב דער דאָזיקער פּחדנות. פּחדנות — אַ פֿאַר־ברעכן און העלדישקייט אויך אַ פֿאַרברעכן?! איז וואָס דאַרפֿן מיר זײַן?...

— ס'איז שווער צו רעדן מיט אײַך — האָט אים אויף דעם געענטפֿערט פּיעטראָוו. — איר זײַט נערוועזע מענטשן...

ס'איז שווער, ווײַל ס'איז אַ געפֿיל, וואָס וואָרצלט אין די טיפֿענישן פֿון דער נשמה, און עס איז אַ גרויסער אויפֿטו פֿון קינסטלער, וואָס ער האָט אויפֿגעריסן די געאָלאָגישע שיכטן, און עס זענען אַרויסגעקראָכן אויף דער אייבערפֿלאַך די אַלע שרצים, וועלכע האָבן זיך פֿאַרפֿלאַדיעט אין דער שטינקענדיקער אַטמאָספֿער פֿון קינאה, פֿון ביזוויליקן מיטאָס, פֿון בלינדער שׂינאה, פֿון אָנגעזאַמלטן צאָרן אין לעבן, וועלכן מען דאַרף דאָך אויף עמעצן אויסלאָזן... דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ נאַרישער פֿאָראורטייל, אָבער ער באַזירט זיך אויף געוויסע נאַטירלעכע אייגנשאַפֿטן פֿון מענטשן.

די אינטויִציע פֿון קינסטלער איז אַרייַנגעדרונגען אין די פֿאַרבאָרגענישן פֿון ניסתּר, אין דער אונטערערדישער וועלט פֿון די גערירשנטע און דער־וואַרבענע טענדענצן, וועלכע באַשטימען די מעשׂים פֿון מענטשן. און עס דאַרף קומען די וויסנשאַפֿט, און אויך די ליטעראַטור־קריטיק, און אין די פֿאַקטן אויסגעפֿינען זייער לאָגישע שייַכות, דערקלערן דעם טעם און דעם גורם פֿון מענטשלעכע אַפֿעקטן, און באַלייַכטן דאָס מענטשלעכע לעבן מיטן ליכט פֿון דערקענטעניש.

די מלחמה־טרילאָגיע פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסן עסטעטישן געווינס מיטן צווי־בער פֿון דער הויך־קינסטלערישער שילדערונג פֿון אַן אויפֿטרייסלענדיקער וועלט־געשעעניש, וווייַזט אַ לעבעדיק בילד פֿון אַ וועלטקריג, די באַוועגונג פֿון מיליאָניקע מאַסן, דעם ליריזם פֿון אַ ראָמאַנטישער געשיכטע, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער האַנדלונג, די מאָלערישע שייַנקייט פֿון די לאַנדשאַפֿטן, דעם העראָיִזם פֿון מסירת־נפֿש און דעם שוידער פֿון שלאַכטן. ס'איז ניט נאָר אַ שטיק געשיכטע פֿון אַ קריג געמאָלט מיט אַ געניטער האַנט פֿון אַ גרויסן מייַסטער, נאָר אויך אַ קינסטלערישע ווי־זיע פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער נשמה פֿון מענטש און געוויזן אין אַ נייַער ליכט דאָס פּנים פֿון פֿעלקער און דעם גורל פֿון ייִדן.

איין מאָל האָט מנחם געגומען אויף אַ פֿאַרהער עטלעכע דייַטשן, וועלכע מען האָט געדאַרפֿט אין געאייַל אויספֿרעגן און אָפּשיקן אין שטאַב פֿון דער דיוויזיע. ווען ער האָט דעם ערשטן געפֿרעגט ווו ער איז געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט ער אים געענטפֿערט: אין דער אוקראַיִנע און נאָך דעם אין ביעלאָרוסיע, אין מינסק. דערהערט מינסק, האָט מנחם אויפֿגעציטערט. ער האָט געוווּסט אַז די דייַטשן האָבן דאָרט דערמאָרדעט אַלע ייִדן אין געטאָ.

„— און דעם יודענפֿערטל, דאָס געטאָ, האָבן זי באַזוכט? — האָט ער ווייַטער געפֿרעגט דעם געפֿאַנגענעם. דער דייַטש האָט אָנגעהויבן שטאַמלען.

— יאָוואָל. איין מאָל האָב איך שוין באַזוכט דאָס געטאָ.

— — — — — — — —

[מנחם איז צוגעלאָפֿן און אים געטרייסלט פֿאַר די אַקסלען:]
— זאָגן זי שוין וואָס האָבן זי געמאַכט אין געטאָ מינסק? וואָרום שווייַגן זי? וואָס איז געשען מיט די יודען? וואָרום מאָר־דעט איר? (דאָרטן, ז' 221).

און ער האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון טאַש דעם נאַגאַן און אַ זעץ געטאָן דעם דייַטש איבערן פּרצוף. ער האָט נאָך דעם צעריסן דעם פּראָטאָקאָל און גע־הייסן דער וואַך אַוועקנעמען די דייַטשן פֿון זייַנע אויגן.

קורץ נאָך דעם זענען אַרייַנגעקומען סוזאַיעוו און פּיעטראָוו. דערזען די צעריסענע פּאַפּירן אויפֿן טיש האָט סוזאַיעוו זיך אָנגעצונדן.

— פֿאַר וואָס האָסטו דאָס געטאָן? — האָט ער געפֿרעגט.

— דער דייַטש איז געווען אין געטאָ מינסק — האָט געענטפֿערט מנחם. — דאָרט האָט מען אין איין טאָג דערשאָסן פֿינף און צוואַנציק טויזנט ייִדן, ציווילע מענטשן, סאָוועטישע בירגער, וואָס זאָל איך דען טאָן מיט אַזאַ איינעם? איר פֿאַרשטייט?...

— האָסט אים דערשאָסן? — האָט געפֿרעגט סוזאַיעוו.

— ניין, ניט דערשאָסן... ער איז אַוועק מיט דער וואַך אַ צעבלוטיק־טער... אָבער ניט דערשאָסן...

„— איך ווייס פֿאַר וואָס דו האָסט אים ניט דערשאָסן, דעם הוגאָ רודאָס? — האָט אויסגערופֿן סוזאַיעוו, — ווייַל איר ווילט נקמה־נע־מען אין די דייַטשן מיט אונדזערע הענט: מיט די הענט פֿון פֿרעמ־דע. איר זייַט פּחדנים. אַפּילו ווען איר זייַט העלדן, זייַט איר אויך פּחדנים. אייַער העלדישקייט איז פֿון פּחדנות. ווען איר וואָלט זיך ניט געשראָקן פֿאַר אונדזער פֿייַנדשאַפֿט, וואָלט איר איצטער פֿול געמאַכט אַלע מערק פֿון לאַנד און אויפֿגעקויפֿט גאָלד. איר וואָלט זיך געוואָרעמט אונטער די ווייַנשטאָקן פֿון טאַשקענט. איר וואָלט געזעסן אין אַלע האַנדלס־אינסטיטוציעס. איר וואָלט געווען די דאָקטוירים און אינטענדאַנטן, אַבי ווייַטער פֿון פֿראָנט. איר קענט אַפּילו ניט נקמה־נעמען אין אייַערע שונאים, אין די וואָס טרעטן אייַך ווי מען טרעט ווערעם". (דאָרט, זז' 225—226).

דאָס איז אַ מוסטער פֿון וווּלגאַרער אַנטיסעמיטישער דיאַלעקטיק, אָבער

מיט אַ ריין סאָוועטישער באַפֿאַרבונג. געבעלס האָט אויך געטענהט, אַז די ייִדן האָבן באַהערשט און „פֿאַרקריפּלט דעם אַרישן כאַראַקטער פֿון דער דײַטשער קולטור". עס זענען אים „גרויס געווען אין די אויגן" די ייִדישע אינטעלעקטואַלן און פּראָפֿעסיאָנאַלן, וואָס האָבן מיט זייער שעפֿע־רישן גײַסט באַרײַכערט אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דער דײַטשער ליטע־ראַטור און וויסנשאַפֿט, און פֿאַרנומען אַזאַ חשובֿן פּלאַץ אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון דײַטשן לעבן.

פֿון אַפּיאָן ביז סוזאַיעוון ציט זיך דורך יאָרטויזנטער דער זעלבער בלוטיקער שנור פֿון קינאה און שׂינאה צו די „פֿרעמדע", וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע אײַנגעבוירענע פֿעיִקייטן צווישן די פֿעלקער וווּהין דער גורל האָט זיי פֿאַרטראָגן. און די זעלבע מערדערישע לוסט צו וואַרפֿן די שולד פֿון אַ יחיד אויפֿן גאַנצן פֿאָלק, און ווי המן צו „טויטן און באַרויבן אַלע ייִדן".

אין פֿראַנקרײַך איז געפֿאַלן אַ חשד אויף איין ייִד־ישן קאַפּיטאַן, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געשריִען: „אַ טויט די ייִדן!" מיליאָנען רוסן זע־נען עוואַקויִרט געוואָרן אין די אַזיאַטישע געביטן, דער גרעסטער טייל פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג: זקנים, פֿרויען און קינדער, און דער קין־געפֿיל האָט געשאַפֿן אַ מיטאָס, אַז „די ייִדן האָבן באַהערשט טאַשקענט" און האָבן באַזעצט אַלע מלוכהשע אַמטן. סטאַלינס עלילת־דם פֿון די „מער־דער אין ווײַסע כאַלאַטן", און זײַן פּלאַן צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן קיין סי־ביר, שטאַמט פֿון די זעלבע פֿינצטערע אורקוואַלן, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אַ ברודערמאָרד די געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ס׳זענען אים ניט געווען צום האַרצן די ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרנומען אַלע שליסל־פּאָזיציעס, און באַזונדערס זײַן קאָנקורענט — טראָצקי.

ווען מנחם וואָלט דערשאָסן דעם דײַטש, וואָלט די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג, און דער אָראַטאָרישער טאַלאַנט פֿון סוזאַיעוון וואָלט עס אויסגעטײַטשט, אַז דער ייִד האָט גע־בראָכן די דיסציפּלין און האָט שטום געמאַכט אַ „צונג", וואָס וואָלט גע־

קאָנט מגלה זײַן װער־װײסט־װעלכע װיכטיקע מיליטערישע סעקרעטן און דערמיט געבראַכט שאָדן דעם סאָװעטישן פּאַטערלאַנד. פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן װערט מען געשטעלט צום פֿעלדגעריכט און מען װערט דערשאָסן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען געבראַכט אַ שטערבלעך פֿאַרװוּנ־דיקטן קאָמאַנדיר פֿון באַטאַליאָן, פּאָדפּאָלקאָװניק באָריס סאָלאָמאָנאָװיטש טשערקאַס. — „ער האָט זיך געװאָרפֿן אױף אַ דײַטשן טאַנק” האָבן גע־זאָגט די סאָלדאַטן... די גיכע מעדיצינישע אינטערװענץ האָט ניט גע־האָלפֿן, און דער קאָמאַנדיר איז קורץ נאָך דעם געשטאָרבן. נאָך האַלבן טאָג איז דורכגעפֿירט געװאָרן די צערעמאָניע פֿון באַערדיקונג, און נאָכן פֿאַר־שטעלן פֿאַרן באַטאַליאָן דעם נײַעם שעף, דעם אָפֿיציר זאַגוראָװ, האָט דער פּאָליט־קאָמיסאַר, זשילין, געלײענט בײַם אָפֿענעם קבֿר פֿון געפֿאַלענעם קאָמאַנדיר דעם קאָמוניקאַט פֿון שטאַב פֿון דער דיװיזיע, װאָס האָט געזאָגט:

„———װי אַ זעלנער האָט דער געפֿאַלענער קאָמאַנדיר פֿון באַ־טאַליאָן אַרױסגעװיזן העלדישקײט, דאָס זענען אָבער געװען העלדיש־קײטן װאָס זענען ניט אַ רעזולטאַט פֿון אַ טיפֿן גלױבן אין זיג איבערן היטלעריזם. פּאָדפּאָלקאָװניק טשערקאַס האָט זיך געװאָלט ברענגען פֿאַר אַ קרבן. ער איז געטריבן געװאָרן פֿון אַן אומרו, אַן אינדיװוי־דועלן, װאָס האָט צוגענומען בײַ אים די קלאָרע אָריענטיר־קראַפֿט פֿון אַ קאָמאַנדיר, די עלאַסטישקײט פֿון האַנדלונג, די קלוגשאַפֿט; און אַנשטאָט די דאַזיקע מעלות, װאָס אָן זײ קען מען קײן סאָװע־טישער קאָמאַנדיר ניט זײַן, איז ער געגאַנגען פֿאַרצװײפֿלט אין די נעגל פֿון שונא, געלאָפֿן פֿאַרױס קעגן פֿײַנדלעכן פֿײַער, ניט האָבנדיק אין זינען דערבײַ דעם באַפֿעל פֿון שטאַב צו שױנען דעם קאָמאַנ־דירן־צוזאַמענשטעל, װאָס אָן אים איז ניט מעגלעך קײן זיג. דער טױט פֿון באָריס סאָלאָמאָנאָװיטש טשערקאַס זעט אױס אין אונדזע־רע אױגן ניט װי דער טױט פֿון אַ העלד, נאָר װי אַ זעלבסטמאָרד. אַזאַ אַקט װערט דורך אונדז גאָר שאַרף געטאַדלט. זעלבסטמאָרד באַ־טראַכטן מיר װי פּחדנות, און פּחדנות איז פֿאַרראַט” — —

(דאָרט, ז' 239—240).

דאָס איז אַ מײַסטערװערק פֿון היפּאָקריטסטװע, װאָס לײגט אַרײַן די יִראה אין דער טומאה, װאָס װיל פֿאַרשטעלן דעם מסירת־נפֿש פֿון ייִדן װי

פּחדנות. אַ דיאַלעקטיק פֿון צביעות, וואָס האָט אַנשטאָט צו באַלוינען דעם העלד באַדעקט מען זײַן קבֿר מיט שאַנד, ווײַל עס האָט אים באַוועגט צום קאַמף „אַן אינדיווידועלער אומרו״ — אַ ייִדישער, הייסט עס — וואָס גייט קיינעם ניט אָן, און וואָס האָט נאָר געבראַכט שאָדן.

אין דערווירקלעכקייט האָט טשערקאַס מיט זײַנע העראָישע מעשׂים געגעבן אַ בײַשפּיל, וואָס האָט געוועקט דעם קאַמפּסמוט פֿון די סאָלדאַטן, און מעגלעך אַז אין זײַן באַטאַליאָן זענען געווען אין פּראָפּאָרץ מער קרבנות ווי אין אַנדערע, אָבער זיכער אויך גרעסערע רעזולטאַטן אין קאַמף קעגן שׂונא. איז זײַן העראָיזם אויסגעטײַטשט געוואָרן ווי אַ זעלבסטמאָרד, און דער ווײַטערדיקער אויספֿיר קומט שוין פֿון זיך אַליין: זעלבסטמאָרד, איז אַ רעזולטאַט פֿון פּחדנות, און פּחדנות איז פֿאַרראַט. דער מוסר־השׂכּל איז: דער לענינגראַדער ייִד, באָריס סאָלאָמאָנאָוויטש טשערקאַס, איז געווען אַ פֿאַררעטער, און ווען ער שטאַרבט ניט פֿון די דײַטשע קוילן וואָלט מען אים געמעגט צושטעלן צו אַ פֿעלדגעריכט און שיסן. דאָס איז די „מאָראַל״ פֿון דער אָפֿיציעלער הספּד־רעדע אויפֿן קבֿר פֿון אַ ייִדישן העלד, וואָס האָט מקריבֿ געווען זײַן לעבן אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען פֿײַנד.

דאָס איז שוין ניט קיין וווּלגאַרער אַנטיסעמיטיזם פֿון המון, וואָס שפּײַזט זיך מיט פֿאַרשיידענע מיטאָסן און פֿאַראורטיילן, וועלכע וואָרצלען אין עוואַנגעלישן מיטאָס; דאָס איז אַן אַנטיסעמיטיזם וואָס קומט פֿון די „הויכע פֿענצטער״, און זײַן ציל איז ווי פֿון נאַציזם: אָפּווישן פֿון דער „סאָוועטישער קולטור־געשיכטע״ יעדן הותם פֿון ייִדן און זיי „אויסרייניקן״ פֿון סאָוועטישן לעבן. דאָס איז „קאָנקורענץ״, אָבער ניט פֿון עקאָנאָמיש־פּאָליטישן כאַראַקטער, ווי מאַרקס האָט פֿאַרזיכערט, נאָר פֿון ריין פּסיכישע מאָטיוון: ס׳איז אַן אַנטיסעמיטיזם וואָס וואָרצלט אין מיסטקאַסטן פֿון מענטשלעכן אונטערבאַוווּסטזײַן, ווו עס לויערט די קינאה, און וועט עק־סיסטירן בײַ אַלע סאָציאַלע רעזשימען און אונטער אַלע פֿאָנען. אַפֿילו אונ־טער די, וואָס וועלן פּראָקלאַמירן „יושר און גערעכטיקייט פֿאַר אַלע פֿעל־קער״, וועט ניט זײַן קיין גערעכטיקייט פֿאַר ייִדן ווײַל אויפֿן ייִדן איז מען

אייפּערזיכטיק זינט זיי האָבן געגעבן דער וועלט דעם תנ״ך, וועלכער האָט שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געפּריידיקט די אידעאַלן פון מענטשלעכער גאולה. קיין שום פאָלק וועט ניט וועלן זיין גלאָריע זאָל פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון יידן. ס׳איז ניט נאָר אַן עניין פון אינדיווידועלער קינאה און קאָנקורענץ, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלן כּבוד... יידן האָבן אוועקגעגעבן אַ סך בלוט און מאַרך אויף אויפצושטעלן דעם סאָוועטישן ריז, אָבער וועלכער רוס וועט עס מיט אַ לייכט האַרץ וועלן אָנערקענען? דער ייד איז אַן אַלטע, אַקרעדיטירטע נאַציאָנאַלע „פירמע״, און קיינער וויל זי ניט פאַר קיין „שותף״, כּדי ניט צו בלייבן אומבאַמערקט אין איר שאָטן...

אַ רוסישער גרוזין קאָן גלייך זיך אויסטאָן פון זיין נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, ווי פון אַן איבעריקן בגד, און זאָגן: — מיר, דאָס פאָלק פון סוואָראָוו, קוטוזאָוו און כמעלניצקי״... אַ ייד טראָגט אויף זיך דעם אָרעאָל און דעם מיטאָס פון אַן אַלטער היסטאָרישער טראַדיציע, וואָס לייגט איר נאַציאָנאַלן חותם אויף זיין פּערזענלעכקייט — און צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט — בלייבט ער אַ „רוסישער ייד״ אָדער „אַ ייד פון רוסלאַנד״ ביז די ווייטסטע דורות... אָבער ניט קיין רוס!...

און ווען דער זעלבער יידישער פּאָדפּאָלקאָווניק, טשערקאַס, וואָלט יאָ „געשוינט דעם קאָמאַנדירן־צוזאַמענשטעל״, וואָלט מען מיט דער זעלבער דיאַלעקטישער צביעות עס אויסגעטייטשט, אַז „דער ייד היט אָפּ זיין שקורע״ און איז אַ פּחדן. און דאָס איז אַ פאַרברעכן פאַר וועלכן עס קומט דאָך אוודאי טויטשטראָף.

ווי אַ ייד זאָל ניט האַנדלען איז קרום, ווייל מען קוקט אויף אים מיט קרומע אויגן. האַנדלט ער שלעכט, ווערט ער באַשטראָפט מיט אַ טאָפּלטן פאַרגעניגן, ווי אַ ייד און ווי אַ פאַרברעכער, וואָס באַפרידיקט דאָס געפיל פון גערעכטיקייט און פון שינאת־חינם. האַנדלט ער גוט, דערוועקט ער אַ געפיל פון קינאה, וואָס שטעלט אים אויס אויף דער געפאַר פון אַ בילבול, פון וועלכן דער העלדישער קאָמאַנדיר, טשערקאַס, איז געוווען אַ קרבן.

אונדזערע חכמים האָבן ריכטיק פֿאָרמולירט דעם דיאַגנאָז פֿון דער מחלה מיטן כּוח פֿון זייער אינטויִציע און טיפֿער אָבסערוואַציע־קראַפֿט. „אַ פֿוי־לונג אין די ביינער איז קינאה", זאָגט משלי — (יד' 30). אויפֿן הײַנטיקן פּסיכאָלאָגישן זשאַרגאָן איז עס אַ פּסיכישע טראַומע, אַ געפֿיל פֿון פֿרוסט־ראַציע פֿון מינערווערטיקייט וואָס פֿירט אומפֿאַרמײַדלעך צו ש י נ א ת ־ ח י נ ם, ווייל ווען עס ווערט „ליקווידירט" דער גורם פֿון דער מחלה: דער ייִד, פֿאַרשווינדט אויך די קראַנקייט. ס'איז אַ קנאַפּע תּרופֿה פֿאַרן בעל־קינאה ווען דער ייִד אַסימילירט זיך און וויל זאָגן ווי דער מאָרדווין: „מי רוסקיִע ליודי", — אָדער: איך האָב מיט ייִדן ניט קיין שײַכות — דער אַנטיסעמיט דערשמעקט אים באַלד אין זײַן נײַער הויט, און ווייל אים פֿאַר די אויגן ניט האָבן. פֿאַרקערט, אין דעם נײַעם פּרצוף איז דער ייִד פֿאַר אים נאָך געפֿערלעכער, ווײַל ער באַרירט ניט נאָר די ווערדע פֿון זײַן פּערזענ־לעכן איך, נאָר אויך זײַן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, ווי מיר וועלן עס באַלד זען פֿון אַ געשעעניש, וועלכע ווערט אַזוי איבערצײַגנדיק געשילדערט דורך דער פּעדער פֿון אַ מײַסטער.

קונסט איז ניט קיין קאָפּיע פֿון דערווירקלעכקייט, נאָר איר זינען און תּכלית. אַ פֿאָטאָגראַפֿיע גיט דעם ריכטיקן אויסזען פֿון מענטשן; אין אַ קינסטלעריש בילד פֿון אַ מענטשן דאַרפֿן מיר דערפֿילן די עמאַנאַ־ציע, די אויסשטראַלונג פֿון זײַן נשמה. די העכסטע שטרעבונג פֿון אַ קינסט־לער איז דעריבער דער אמת, וועלכן ער נעמט אויף ניט נאָר מיט די חושים און דערפֿאַרונג נאָר אויך מיט דעם רוח־הקודש פֿון דער אינטויִציע און פֿאַנטאַזיע, וואָס ווײַזן אים דאָס אמתע פּנים פֿון לעבן.

מנחם איז געווען אַ מאָלער פֿון באַרוף, און ער האָט זײַן ערשטע גרוי־סע איבערלעבונג פֿון קריג, די אַטאַקע אויף דער פּראָ־דײַטשער מאַניפֿעס־טאַציע אין מאָסקווע, פֿאַרגעשטעלט אין אַ קינסטלערישער צייכענונג, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען בײַ נאַטשאַלסטווע. ער האָט געוויזן ווי עטלעכע סאָלדאַטן פֿאַרטרײַבן דעם המון און אַ רויטאַרמייער, מיט אַ שוואַרצער קוטשעראַווער טשופּרינע, טרעט מיט די פֿיס אַ האַקנקרייץ מיט פֿיר שלאַנ־

גען־קעפּ. פֿאַר דעם העלדנטאַט איז מנחם דערהייבן געוואָרן צום ראַנג פֿון לייטענאַנט, און זיַין צייכענונג איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין אייניקע מיליטערישע זשורנאַלן. ער האָט נאָך דעם געמאַכט קאַריקאַטורן פֿון דיַיטשע גענעראַלן און בילדער פֿון פֿראָנט, וואָס זענען אַרויס אין פֿלוגבלעטלעך און אַפֿישן.

די יונגע דאָקטערין אַנאַ סאַמועלאָוונאַ קאַרינאַ, האָט געזאַמלט די צייכענונגען, געמאַכט אויסשניטן פֿון ציַיטונגען און זשורנאַלן. איין מאָל האָט זי די דאָזיקע צייכענונגען געוויזן דעם פּאָליט־קאָמיסאַר, ניקאָליַי פּיאָדראָוויטש זשילין, וועלכער איז געלעגן אַ וואָך ציַיט אין שפּיטאָל.

„— איך קען אים, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר,— ער איז דער דאָלמעטשער אין פּאָלק, מיכאַיִל איסאַקאָוויטש.

— ער איז זייער פֿעיִק, אַ טאַלאַנט. נאָר אַ פֿרעמדער. די לאַנדשאַפֿטן זענען גוטע, עכט רוסישע, מאָסקווישע. די געפֿאַנגענע דיַיטשן — אויסגעצייכנט. מיט סאַרקאַזם, מיט הומאָר, אָבער די רוסישע סאָלדאַטן קומען אַרויס פֿרעמד. קוק, אַנאַ, דער וואָס הייבט אויף די פֿאָן פֿון נצחון איבער דער צעטראָטענער האַקנקרייץ־פֿאָן! איז דען דאָס אַ פּנים פֿון אַ סאָוועטישן מענטשן? פֿון אַ טיפּישן רוס? ניין. דאָס איז ניט קיין פּנים פֿון אַן אונדזעריקן, אַפֿילו ניט קיין סלאַוויש פּנים. ס'איז גיכער ענלעך צו... נו, איך קען זיך גראָד איצט ניט דערמאָנען. אַזאַ פּנים דאַרף זיַין רוסיש! מען דאַרף קענען געפֿינען דעם אויסדרוק וואָס איז אייגן אונדז אַלעמען. אַז ניט באַקומט זיך, אַז דער זיג איבערן האַקנקרייץ האַלט אָפּ אַ צווייטע נאַציע און דאָס איז ניט ריכטיק, ס'איז פֿאַלש און דערפֿאַר אַפֿילו שעדלעך. דערוויַיל ברענגען זיַינע צייכענונגען נוצן, זיי מונטערן אויף און זאָגן אָן נצחון איבער דעם דיַיטשישן אָקופּאַנט. דאָס איז איצט דער עיקר".

(דאָרט, ז' 232).

דער קאָמיסאַר האָט געוואָלט אַרויסווייזן פֿאַר דער יונגער ייִדישער דאָקטערין זיַין מבֿינות אויף קונסט, און האָט זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן. דאָס איז אַ סאָוועטישער אינטעלעקטואַל, אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר פֿון אַ דיוויזיע, אַן אויסגעהאַלטענער פּאַרטייער, און ער פֿילט אַז זיַין פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער כּבֿוד ווערט פֿאַרמינערט.

וואָס אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון נצחון איבערן האָקנקרייץ האָט אַ פּנים. וואָס איז ענלעך צו אַ ייִדן. ער האָט די פּראָזע ניט געוואָלט פֿאַרענדיקן פֿאַר אַ ייִדישער דאָקטערין. אַזאַ פּנים דאַרף זײַן רוסיש, זאָגט ער, אויב ניט באַקומט זיך, אַז דעם זיג איבערן שׂונא „האָלט אָפּ אַ צווייטע נאַציע"...

דאָ איז שוין ניט פֿאַראַן קיין מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק, קיין קלאַסנ־קאַמף און קיין ענין פֿון „עקאָנאָמישער קאָנקורענץ". דאָ איז די זעלבע לאָגיק פֿון היטלעריסטישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער, וועלכער איז קעגן דעם וואָס די ייִדן זענען אַזוי שטאַרק פֿאַרטראָטן אין גײַסטיקן לעבן פֿון דײַטש־לאַנד; עס קאָן זיך דאַך באַקומען אַן אײַנדרוק, אַז די שעפֿער פֿון דער דײַטשער קולטור זענען „מענטשן פֿון אַ צווייטער נאַציע!" דאַרף מען געבן אַן „ענדגילטיקע לייזונג דער ייִדן־פּראַגע", און עס וועלן אויפֿהערן „פֿוילן די ביינער". עס וועט זיך אײַנשטילן דאָס קין־געפֿיל פֿון קינאה, און נאָך מער ווען די ייִדן־שׂינאה איז פֿאַר די דײַטשן אַ מיטל צו געווינען אַ סך אָנהענגער צווישן די קריסטלעכע פֿעלקער, און העלפֿן אין דער שטרעבונג צו דעראָבערן די וועלט פֿאַרן „האַרן"־פֿאָלק, און אים באַפֿרײַען פֿון דער ייִדישער קולטור־העגעמאָניע, וואָס האָט „פֿאַרווײַבלעכט" די הערצער, ווי עס האָט געזאָגט פֿרידריך ניטשע...

סטאַלין איז אויך געגאַנגען אויף דעם זעלבן וועג. אויף דעם זאָגט עדות די ווײַטערדיקע רוסישע אָפּנהאַרציקייט פֿון דעם הויכן סאָוועטישן נאַטשאַלניק און געטרײַען סטאַליניסט:

„— [אָט] נעמט די פֿאַרטרעטן פֿון גראַסימאָוו, אַנאַ סאַמועלאָוונאַ [— זאָגט ער —] עכטע פּנימער פֿון רוסן, סאָוועטישע מענטשן. פֿאַרוואָס? ווײַל גראַסימאָוו איז אַליין אַ רוסישער מענטש. און רעפּין? זײַנע געשטאַלטן זענען אמתע, רוסישע, יעדער פּנים איז רוסיש. האָט איר געזען זײַנע „בורלאַקעס"? לעוויטאַן האָט פֿאַר־שטאַנען צו מאָלן נאָר פּייזאַזשן. מען זאָגט, אַז ער איז גרויס. איך האָב אָבער ניט ליב די לירישע מאָטיוון. וואָלט לעוויטאַן געמאָלט

רוסן, וואָלט ער זיכער געמאַכט דעם פּעלער, וואָס אונדזער מיכאַיל״...
(דאָרט, ז׳ 233).

און זשילין איז ממשיך:

„— איר האָט געהערט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטשעס רעדע פון 6טן נאָוועמבער?
זי האָט אים אָנגעקוקט אַ שווייַגנדיקע און טרויעריקע. עס האָט זיך איר געדאַכט ווי מען וואָלט זי עקזאַמענירט.
— איך האָב געהערט.
— נו, דאָרט איז פאַראַן אַ זאַץ: „דאָס פאָלק פון רעפּין און סוריקאָוו״. זעט איר, אַנאַ סאַמועלאָוונאַ, דער חבר סטאַלין האָט ניט געזאָגט דאָס פאָלק פון „רעפּין און לעוויטאַן״, נאָר „פון סוריקאָוו״. איצט איז אייַך פאַרשטענדלעך, אַנאַ סאַמועלאָוונאַ?
(דאָרט, ז׳ 233).

יאָ, ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז לויט דער דאָזיקער שאָוויניסטישער לעבנס־פילאָסאָפיע וואָס איז געוואָרן אַזאַ חוצפהדיק דראָענדיקע ניגלה אין דער צייַט פון קריג, און ווערט אַן אונטערערדישער ניסתר אין די אונטערשטע נשמה־שיכטן אין די צייַטן פון פרידן, קאָן אַ ייד ניט זייַן קיין דייַטש, ניט קיין רוס, און אַפילו ניט קיין „סאָוועטישער מענטש״, ווייַל פאַר אַ סך קריסטלעכע נשמות איז ניט צום האַרצן דער יידישער „ליריזם״ און אַנדערע קאָנען ניט פאַרטראָגן דעם יידישן הומאַניזם, וואָס „פאַרווייַבלעכט די הערצער״. און דער עיקר: — ווייַל אַ ייד איז ניט קיין פּאַסיווער צושויער פון דער וועלטדראַמע, נאָר אַן אַ ק ט י ו ו ע ר ש ע פ ע ר, וואָס לייגט זייַן יידישן חותם אויף איר.

דער גורל פון יידישן יחיד איז פאַרבונדן מיטן כלל אויף לאַנגע דורות. דער קאַפּיטאַן דרייפוס איז געווען אַ קנאַפּער ייד, אָבער צום חשד אויף אים האָט מען גלייַך מצרף געווען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. אַ מאָרדווין, אַ קאַלמיק, אַ גרוזין און ענלעכע, קאָנען גאַנץ אָפן זאָגן: „מיר רוסישע מענטשן״, און מען וועט זיי גלייבן. אַזאַ אויסדרוק וועט אָבער קלינגען פאַלש אין מויל פון אַ יידן. אַ ייד קאָן אַזוי לייַכט זיך ניט אויסטאָן פון זייַן יידישער הויט, ווען ער וועט עס אַפילו וועלן. און די אייגנאַרטיקע

שטריכן פֿון זײַן נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט, ווי פּאָזיטיוו און נוצלעך זיי זאָלן ניט זײַן — און אפֿשר נאָר טאָקע דערפֿאַר — רופֿן אַרויס פֿײַנטלעכע געפֿילן בײַ אַ סך ניט־ייִדן.

די טרילאָגיע פֿון מענדל מאַן איז אַ ייִדישע „מלחמה און שלום", אָבער דאָס פֿאַרקלענערט ניט איר קינסטלערישן און אוניווערסאַלן ווערט. „טאָלסטאָי האָט געגעבן אין זײַן נאַציאָנאַלער עפּאָפּעע אַ וווּנדערלעכע רעקאָנסטרוקציע פֿון אַ קריטישער עפּאָכע אין נאַציאָנאַלן רוסישן לעבן — זאָגט די גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע. — ער האָט טיף אַרײַנגעבליקט אין כאַראַקטער פֿון מענטשן, און די פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון זײַן גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט איז געקומען צום אויסדרוק אין עפּישער שילדערונג און פּאַטריאָטישן פּאַטאָס". דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דער טרילאָגיע פֿון מענדל מאַן, וואָס האָט מיט גרויס מײַסטערשאַפֿט „רעקאָנסטרויִרט" די טראַגיק פֿון דער ייִדישער חורבן־עפּאָכע, אין וועלכער עס איז פֿאַרטי־ליקט געוואָרן אַ דריטל פֿון ייִדישן פֿאָלק, און האָט אין לעבעדיקע בילדער געוויזן די דראַמע פֿון ייִדישן היסטאָרישן לעבן צווישן די אומות־העולם, אין פֿאַרלויף פֿון אַריבער צוויי טויזנט יאָר.

אין דער באַציִונג צום ייִדן קומט צום פֿולן אויסדרוק דער כאַראַקטער פֿון מענטשן און דער גײַסט פֿון דער עפּאָכע, און אין קאַטאַקליזם פֿון מלחמה־שגעון אַנטפּלעקן זיך די פֿאַרבאָרגענע קרעפֿטן, וואָס לויערן אין די טיפֿסטע אונטערבאַוווסטזיניקע שיכטן. מענדל מאַן האָט אַ שאַרף „קלי־ניש" אויג פֿאַר דעם מיסטעריעזן שפּיל פֿון מענשלעכע אַפֿעקטן, און ער פֿירט אַרויס דאָס צום מערסטן פֿאַרטאַיעטע און פֿאַרשלאָסענע אין האַרצן אויף דער אָפֿענער אַרענע פֿון לעבן.

אויפֿן פֿראָנט קעגן אַ געמיינזאַמען שונא, מיט הונדערטער און טויזנ־טער ווי ער; מיט מענטשן פֿון צענדליקער פֿעלקער, אַנטשלאָסענע אין קאַמף קעגן אינוואַזירער, האָט דער ייִד אויף זיך געטראָגן אַ טאָפּלטע לאַסט: פֿון היימישע און פֿון פֿרעמדע. און אין אָט דעם פֿאַרפּלאָנטערטן

קנויל פֿון געפֿילן, זוכט דער מחבר אַן ענטפֿער, וואָס זאָל באַלײַכטן דעם גורל פֿון ייִדן צווישן פֿעלקער, און לכּף־זכות זײַן די מענטשן, וועלכע זענען לויט זייער נאַטור און דערציִונג ניט אין שטאַנד צו באַנעמען די געפֿילן פֿון אַ ייִדן..

איין מאָל איז אַ קראַנקן־שוועסטער פֿון מיליטערישן שפּיטאָל אַרײַן אין שטאַב. זי איז צוגעגאַנגען צו מנחמס טיש און אָנגעהויבן בלעטערן זײַן אַלבאָם צייכענונגען. — „וואָס איז דאָס, מיכאַיל?" — האָט זי געפֿרעגט טײַטלענדיק אויף אַ גרופּע האַלב־נאַקעטע מענטשן, אַרומגעצוימטע מיט ווענט פֿון שטעכלדראָט; סקעלעטן, ניט קיין מענטשן, און איבער אַלעמען אַ שוואַרצער הימל, אַ געשפּאַלטענער פֿון בליצן. — „דאָס זענען ייִדן, פֿאַר־מישפּטע צום טויט דורך די דײַטשן" — האָט געענטפֿערט מנחם.

דאָס מיידל האָט זיך צוריקגעצויגן און פֿאַרמאַכט די אויגן. — „דאָס איז שרעקלעך — האָט זי געזאָגט. — איך האָב מורא פֿאַר אַזעלכע צייכענונ־גען, ניט דערפֿאַר וואָס זיי זענען שרעקלעך. עס ווילט זיך נאָך דעם ווי מען זעט אַזאַ בילד שפּרינגען אין תהום אַרײַן, צערײַסן זיך דאָס האַרץ פֿאַר שאַנד. זיי דערמוטיקן ניט, זיי דערדריקן, און ווערסט אַפּהענטיק און אַפּאַטיש".

מנחמען האָבן איבערראַשט די ווערטער פֿון מיידל. זי האָט נאָכגעטראַכט און אַ ווײַלע שפּעטער צוגעגעבן:

„— אַ פֿויסט, אַ מוסקולירטע, אַ שטאָל־האַרטע, געצייכנט מיט האַרטע שטריכן, ווירקט אויף מיר שטאַרקער ווי די לענגלעך־אויס־געצויגענע טויטע פּנימער פֿון פֿאַרפּײַניקטע. דאָס ערשטע דערהייבט דיך, גיט דיר קראַפֿט און דאָס צווייטע דערדריקט, מאַכט דיך גע־פֿאַלן. איך בין אַ לענינגראַדערין, געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. איצט בין איך אויפֿן פֿראָנט. דאָרט, אין זאַלן מיט שטאַרבנדיקע, אַמפּו־טירטע, פֿאַרקריפּלטע מיט אָפּגעפֿרוירענע גלידער, בין איך דערדריקט געוואָרן, געמיינט אַז אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן. דאָ, אַז איך האָב דער־זען די שטרענגע פּנימער פֿון געזונטע זעלנער, פֿון ברייטפּלייציקע בין איך גרייט אַלץ צו טאָן פֿאַרן נצחון". (דאָרט, ז' 263).

אויף מנחמען האָבן די ווערטער פֿונעם מיידל געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, זי האָט דאָך גערעדט מיט אַזאַ אויפֿריכטיקייט און האַרציקייט. עס איז דאָ אין אירע ווערטער מיטגעפֿיל פֿאַר מענטשלעכע ליידן; אָבער דאָס דערשיטערט זי, אַנטמוטיקט און „פֿאַרשעמט", ווי זי זאָגט. נעמט אָפּ דעם ווילן צו לעבן און צו קעמפֿן. פֿאַר איר עקסיסטירט ניט קיין פֿראַגע פֿון ייִדן, און זי טיילט אים ניט אויס פֿון מענטשלעכן כּלל. עפּעס אַ שמץ פֿון אמת דאַרף זײַן אין אירע ווערטער; און נאָך מער, ווען עס גייט אַן אַזאַ ביטער געראַנגל בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע, ווען עס שטייט אין קאָן דער גורל פֿון לאַנד, דער גורל פֿון דער וועלט! דאַרף מען אָפּהיטן ווי אַן אוצר יעדן טראָפּן מוט, אָנגיסן מיט שטאָל די אייגענע נערוון, און טרײַבן פֿון זיך יעדן שאָטן פֿון מרה־שחורה, וואָס פֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג...

אָבער קען דען אַ ייִד שווײַגן? פֿאַרמאַכן די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט? ניט דערציילן וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר? פֿאַרשליסן דאָס האַרץ, פֿאַרבײַסן די ליפּן, און ניט שרײַען פֿון ווייטיק? ניט ווײַזן די געפּײַניקטע, די פּײַניקער, די טויטנגריבער, די גאַזאויוונס? דאַרף דער אומקום פֿון ייִדישן פֿאָלק בלײַבן אומבאַקאַנט? אַנאָנים? דאַרף מען זיך שעמען מיט די טײַכן בלוט, מיט די מיליאָנען ייִדישע קרבנות? שעמען דאַרפֿן זיך די מערדער, און די וועלט, וואָס האָט אויף דעם שוידער פֿאַרמאַכט די אויגן! אין די באַריכטן אין דער פּרעסע ווערט ניט דערמאָנט דאָס וואָרט ייִד. אַנשטאָט „אומגעבראַכטע ייִדן" ווערט געזאָגט „אומגעבראַכטע סאָוועטישע בירגער". און ווען מען זאָל שרײַבן דעם אמת, וואָלט עס געמאַכט אַ פֿאַרקערטע ווירקונג. די מענטשן „געשטראָפֿטע מיט האַרץ", די גוטע, וואָלטן געבליבן דערשיטערט, דערשלאָגן און „פֿאַרשעמט", ווי די יונגע קראַנקן־שוועסטער; די נייטראַלע וואָלטן אָראָפּגעלאָזן די הענט און געזאָגט: „ס'איז טאַקע אַ רחמנות", אָבער ס'איז ניט אונדזער מלחמה; די שלעכטע וואָלטן זיך אידענטיפֿיצירט מיט די שטאַרקע, מיט די מערדער, און יעדער איינער לויט זײַן געשמאַק און אינטערעס, וואָלט זיך אויסגעקליבן אַ ביל־בול, וואָס האָט אין משך פֿון יאָרטויזנטער זיך אָנגעזאַמלט אינעם בלוט־

דאָרשטיקן און פּינצטערן מיטאָס וועגן ייִדן: זיי זענען גאָטמערדער, וועלט־צינדער, קאַפּיטאַליסטן, קאָמוניסטן, קאָסמאָפּאָליטן און אַלץ וואָס אין דער קאָרט...

באַלאָדן מיט אַזעלכע מחשבֿות איז מנחם געררופֿן געוואָרן אויסצופֿאָרשן אַ געפֿאַנגענעם דײַטש. ער האָט דעם געפֿאַנגענעם געהייסן זיצן, אָבער יענער האָט מיט חוצפּה געקוקט אים גלײַך אין די אויגן און זיך ניט גע־געבן קיין ריר.

„— וואָרום שווײַגסטו? [— האָט מנחם אויסגעשריִען.]
דער דײַטש האָט זיך אַ וויג־געטאָן און הייזעריק געזאָגט:
— זי זינד יודע, איך ווערדע מיט יודען ניכט שפּרעכן.
(דאָרט, ז' 269).

מנחם איז צוגעשפּרונגען צו אים מיטן נאַגאַן, אָבער פּראַליטש, וועל־כער איז געשטאַנען דערבײַ, האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט:

— מיכאַיִל, טײַערינקער, וועסט נאָך האָבן אַ קאָפּדרייעניש! — האָט ער אים געוואָרנט. דער פּאָלקאָווניק פּיעטראָוו, וואָס האָט דערהערט דעם טומל, איז אַרײַנגעקומען און געפֿרעגט: — וואָס האָט פּאַסירט? — דער געפֿאַנגענער וויל ניט רעדן — האָט געענטפֿערט מנחם. אַ שאָד דאָס מאַ־טערן זיך מיט אים; היי, דיזשורנער — האָט ער אַ רוף געטאָן, — פֿירט אים אַוועק!...

אָבער פּלוצעם איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַלעמען אי־בעררראַשט. דער געפֿאַנגענער האָט אין רוסיש זיך געוואָנדן צום פּאָלקאָווניק און געזאָגט: — דער מענטש זאָגט ניט דעם אמת. איך וויל ניט רעדן מיט קיין ייִדן. דערקלערונגען וועל איך געבן נאָר פֿאַר רוסן. איך בין אַן אָפֿיציר, און האָב צו מאַכן וויכטיקע דערקלערונגען...

פּיעטראָוו האָט געהייסן דעם דײַטש אַרײַנפֿירן אין צווייטן צימער, און מנחמען האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט דאַלמעטשער, און דײַן חובֿ איז געגוי צו איבערזעצן וואָס אַ געפֿאַנגענער זאָגט. אַנשטאָט דעם האָסטו זיך געוואָרפֿן אויף אים. אונדזע־

רע אויסשפּירער גיבן אַוועק דאָס לעבן אויף צו ברענגען אַ „צונג", און דו ביסט גרייט אים צו פֿאַרטרײַבן, אָפּצונאַרן, פֿאַר וואָס ?

מנחם האָט רואיק אָפּגעענטפֿערט :

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרברעך, וואָס איך בין באַגאַנגען ? ווי אַזוי וואָלטסטו געענטפֿערט אויף מײַן אָרט, ווען דער דײַטש זאָגט אַז ער וויל ניט רעדן מיט קיין רוסן ? מיינסט אַז מײַן אָפּשטאַם קען מען טרעטן, אַז מיר זענען הפֿקר ? און ווער טוט דאָס ? אַ געפֿאַנגענער. איך האָב געדאַרפֿט פֿאַר אײַך איבערחזרן זײַן פֿאַרלאַנג ? פֿאַרשפּרייטן דעם גיפֿט צווישן רוסישע סאָלדאַטן ?"...

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך נאָך דעם פֿאַרבונדן מיטן שעף פֿון שטאַב, אַקים סוזאַיעוו, זיי האָבן געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך, און מנחם איז נאָך דעם אַוועקגעשיקט געוואָרן אין שטאַב פֿון דער דיוויזיע. צוויי וואַכלײַט האָבן אים באַגלייט, און מען האָט בײַ אים צוגענומען דאָס געווער.

אין דיוויזיע־שטאַב האָט אים אויפֿגענומען דער פּאָלקאָווניק גאַלינקאָוו, ער האָט בייז אָנגעקוקט מנחמען און געפֿרעגט : — איר זענט דאָכט זיך פֿון פּוילן ? אַ פּוילישער ייִד ? איז וואָס פּלאָנטערט איר זיך צווישן אונדז ? מיר האָבן גענוג אייגענע ייִדלאַקעס. איר האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַוועקצו־גיין אין דער פּוילישער אַרמיי און איר זײַט געבליבן... ווייסט איר, וואָס עס באַטײַט אײַער אויפֿפֿירונג ? דאָס איז פֿאַרראַט ! מיאוסער פֿאַרראַט !...

די באַשולדיקונג איז געווען אַזוי אומדערוואַרט און שאַרף, אַז עס האָט געדויערט לאַנגע מינוטן ביז מנחם איז געקומען צו זיך. — ווי קאָנט איר מיך באַשולדיקן אין פֿאַרראַט ? — האָט ער נאָך דעם געזאָגט.

„ — האָב איך איין מאָל דען ווען זיך געוואַקלט צו גיין אין גרעסטן פֿײַער ? בין איך דען ניט גרייט איצטער דאָס צו טאָן ? פֿאַר וואָס האָט מען מיך באַשטימט פֿאַר אַ דאָלמעטשער ? פֿאַרוואָס האָט מען מיך צונויפֿגעפֿירט מיט די דײַטשן ? ווי אַזוי וואָלט איר רעאַ־גירט אויף ראַסן־שינאה, דאָ, אין פֿראָנט, צווישן רוסישע זעלנער ? איז מײַן האַנדלונג פֿאַרראַט ?" (דאָרט, זז' 273—274).

גאַלינקאָוו האָט ניט געענטפֿערט, און מנחם איז געשטעלט געוואָרן

פֿאַרן פֿעלדגעריכט. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז די אויפֿפֿירונג פֿון באַשולדיקטן האָט שוין לאַנג געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט מיט דער פֿרעמדקייט צו אונדזערע פּאַטריאָטישע געפֿילן, ווײַל ער איז ניט־רוסיש אין זײַן גײַסט, און נאָר אַ צופֿעליקייט האָט אים געבראַכט אויף אונדזער טעריטאָריע... מיט דרײַ טעג צוריק איז געבראַכט געוואָרן אַ געפֿאַנגענער דײַטשער אָפֿיציר, און אַנשטאָט אַ גרינטלעכער אויספֿאָרשונג און גענויער איבערזעצונג פֿון דעם געפֿאַנגענעמס דערקלע־רונגען, וועלכע זענען אַזוי וויכטיק ערבֿ די קאַמפֿן, איז דער באַשולדיקטער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ היסטעריע, ווי אַ רעזולטאַט פֿון פּערזענלעכע נאַציאָ־נאַליסטישע געפֿילן, און האָט געפֿעלשט די ווערטער פֿון דײַטש... נעמענ־דיק אָבער אין אַכט, אַז דער באַשולדיקטער איז פֿרײַוויליק געגאַנגען אויף די געפֿערלעכסטע אויסשפּירונגען, האָט אָנטיילגענומען אין שלאַכטן און איז דערהייבן געוואָרן צום ראַנג פֿון אַ לייטענאַנט, פֿאָדערט ניט דער פּראָקוראָר די העכסטע שטראָף, נאָר שלאָגט פֿאָר אים צו דעגראַדירן און איבערשיקן אין אַ שטראָף־באַטאַליאָן פֿאַר מיליטער־פֿאַרברעכער.

דער שעף פֿון שטאַב, אַקים סוזאַיעוו, איז אַרויסגעטראָטן ווי אַן עדות, ער וויל ניט „מען זאָל אים חושד זײַן אין פֿײַנטלעכקייט צו דער נאַציאָנאַ־ליטעט פֿון באַשולדיקטן“, האָט ער געזאָגט, אָבער ער מוז פֿעסטשטעלן, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט „נאַציאָנאַליסטישער היפּער־שפּירעוודיקייט. ער איז שטענדיק געווען דערשלאָגן, מרה־שחורהדיק, פֿאַרשלאָסן, און מיט די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן האָט ער אַרײַנגעפֿירט אַ שווערע אַטמאָספֿער אין דער סבֿיבֿה... ער קומט פֿון אַ ניט־רוסישער סבֿיבֿה און איז צוגעבונדן צו זײַן נאַציאָנאַליטעט“...

און זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פֿאַל געווען דאָס עדות־זאָגן פֿון פּאָליט־קאָמיסאַר, ניקאָלײַ זשילין. ער האָט זיך באַצויגן אויף מנחמס „פֿאַנטאַסטישע צייכענונגען פֿון חרובֿע שטעט מיט סינאַגאָגעס, ייִדן מיט בערד“.

„כ׳פֿאַרשטיי די געפֿילן פֿון באַשולדיקטן. אָבער ווײַזן די אַלע צייכענונגען פֿאַר אונדזערע סאָלדאַטן, כ׳מיין די צייכענונגען פֿון דעם ייִדישן חורבן, איז גאָר געפֿערלעך. מנחם איסאַקאָוויטש שאַפֿט דערמיט דעם אײַנדרוק, אַז די היטלעריסטישע אַרמיי איז אויסן נאָר צו פֿאַרניכטן ייִדן. דאָס קען ווירקן דווקא צוגונסטן פֿאַר די דײַטשן. אונדזער סאָלדאַט קען זיך טראַכטן: וואָס דאַרף איך זיך אָננעמען די קריוודע פֿון ייִדן און סינאַגאָגעס? די דײַטשן מיינען דאָך ניט אונדז, זיי מיינען די ייִדן. אָט דאָס איז, מנחם איסאַקאָוויטש, דער רעזולטאַט פֿון אַן איינזײַטיקן און ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליזם. ווי טראַגיש עס זאָל ניט זײַן, קען דער סאָרט צייכענונגען ברענגען נוצן מער די דײַטשן ווי אונדזער גערעכטן קאַמף". (דאָרט, ז׳ 284).

די באַשרײַבונג פֿון פּראָצעס גופֿא איז אַ קינסטלערישע שילדערונג פֿון אַ טיפֿער דראַמאַטישער האַנדלונג, אין וועלכער עס איז געשטאַנען אין קאָן ניט נאָר דאָס לעבן פֿון אַ יחיד, נאָר עס איז געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק. מענדל מאַן, ווי אַן עכטער קינסטלער, האָט ניט געקאַנט פֿעלשן די ווירקלעכקייט, ער האָט געזען דעם אמת פֿון לעבן, און האָט פֿון יעדן איינעם אַרויסגענומען די ווערטער, וואָס ווײַזן די נשמה פֿון מענטשן. ער האָט געגעבן אַלע מאָטיוון „פֿאַר" און „קעגן", און דאָס טראַגישסטע אין דעם פֿאַל איז דער פֿאַקט, וואָס די וועלט וויל ניט וויסן — און טאָר ניט וויסן די ייִדישע לײַדן, ווי עס האָט געזאָגט דער פּאָליט־קאָמיסאַר, ווייל ווער ווייס ווער ווייס עס וועלן זיך אָננעמען די „קריוודע פֿון ייִדן?" און דאָס קאָן נאָר ברענגען נוצן דעם שׂונא. דער טרויעריקער אמת איז, אַז דער ייִד איז אַ פֿרעמדער צווישן פֿעלקער, און אויב מען דולדעט אים נאָך, ווי מער און ווי ווייניקער, אין די צײַטן פֿון פֿרידן, ווערט ער אַן איבעריקער, מען קוקט אויף אים מיט חשד, און מען נוצט אים אויס ווי אַ שׂעיר לעזאָזל אין דער צײַט פֿון אויפֿברויזן און נאַציאָנאַלע אומגליקן.

אפֿשר אין דעם ליגט דער סוד פֿאַר וואָס דער גוטער פּרעזידענט רוזוועלט האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן די שיף מיט ייִדן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פֿון נאַציסטישן גיהנום? ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל אים

פֿאַרוואָרפֿן, אַז אַמעריקע פֿירט אַ קאַמף אויף צו ראַטעווען ייִדן. קיין שום פּאַרט האָט זיך פֿאַר זיי ניט געעפֿנט, עס זענען געבליבן פֿאַרשלאָסן די קריסטלעכע הערצער, און די שיף האָט געמוזט צוריק פֿירן די קרבנות צום אומקום. די אַלייִרטע האָבן גאָרניט געטאָן אויף צו לינדערן די נויט פֿון ייִדן און ברענגען אַ וועלכע ניט איז הילף אין די געטאָס. „די וועלט" האָט געשוויגן, ניט געוואָלט זען און הערן דעם פֿאַרצווייפֿלטן רוף פֿון די ייִדן...

אויך דימיטרי פֿראַליטש פֿון טענגושיי האָט געבעטן מען זאָל אים אויסהערן, און ער דערציילט ווי פֿרעך עס האָט זיך אויפֿגעפֿירט דער דייַטש, און ווי באַליבט עס איז געווען אין דאָרף מיכאַיִל, וואָס האָט גע־לערנט די קינדער גראַמאַטע אין שול, און אין די פֿרייַע שעהען אַרויסגע־האָלפֿן אין די אַרבעטן פֿון קאָלכאָז.

אויף זייַנע ווערטער האָט זיך געשטיצט דער פֿאַרטיידיקער, גאָרדין, לויטן נאָמען און לויטן אינהאַלט פֿון זייַן פֿאַרטיידיקונג, וואָרשייַנלעך אַ ייִד. ער האָט געזאָגט:

„דער געפֿאַנגענער אָפֿיציר האָט זיך אויפֿגעפֿירט אַרויסרופֿעריש, פּראָוואָקאַטיוו, ניט ווי קיין געפֿאַנגענער".

— — — — — — — — —

„דער געפֿאַנגענער דייַטש האָט אַרויסגערופֿן צו זיך דעם ווידער־ווילן אַפֿילו פֿון אַזאַ סאָלדאַט ווי ס'איז דימיטרי פֿראַליטש, אַן עכטער רוסישער מענטש, פֿון טענגושיי. זעט וויפֿל שינאה ער האָט צום דייַטש, אַ נאַטירלעכע מענטשלעכע שינאה. פֿאַרוואָס באַצייכנט איר, ריכ־טער, די נאַטירלעכע שינאה בייַ מנחם איסאַקאָוויטשן צו דייַטשן ווי אַ רעזולטאַט פֿון נאַציאָנאַליסטישער עמפֿינדלעכקייט? האָט ער ניט קיין רעכט פֿייַנט צו האָבן דעם דייַטשן אַקוּפּאַנט פּונקט אַזוי ווי מיר אַלע? פֿאַרוואָס זעט איר אין דעם ,ענג נאַציאָנאַליסטישע' געפֿילן?" (האַרט, זז' 288—289).

אַלע רעדעס פֿון באַשולדיקער און עדות — אויסער פֿראַליטשן — די אָפֿיציעלע מאַרקסיסטן־לעניניסטן און אוניווערסאַליסטן, זענען געווען דורכ־געדרונגען מיט אַ פֿעטן שאָוויניסטישן גרויס־רוסישן גייַסט. די תורה פֿון

„פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט און פֿאַרברידערונג פֿון פֿעלקער", איז פֿאַרגעסן געוואָרן, און די מלחמה איז געפֿירט געוואָרן אונטערן לאָזונג פֿון פֿאַרטיידיקן דאָס „הייליקע מוטערל רוסלאַנד". דער באַשולדיקטער איז זיי געווען „פֿרעמד", און זיי האָבן ניט געהאַט קיין געפֿיל פֿאַר זײַנע לײַדן פֿון דעם זעלבן שׂונא און ניט קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זײַן ייִדישן פּײַן. זײַנע העלדישע מעשׂים און מסירת־נפֿש האָבן ניט געקאָנט אויסקויפֿן די זינד פֿון „צוגעבונדנקייט צו זײַן נאַציאָנאַליטעט" און דער אורטייל איז געווען, אַז ער ווערט באַפֿרײַט פֿון דער באַשולדיקונג אין פֿאַרראַט, „היות אָבער ער איז באַגאַנגען אַ דיסציפּלין־בראָך בײַם אויספֿירן די פֿונקציעס", איז ער דעגראַדירט געוואָרן פֿון מיליטערישן ראַנג, און פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אין די „ספּעציעלע אײנהייטן".

מנחמס „דיסציפּלין־בראָך" איז אײגנטלעך באַשטאַנען פֿון צוויי עלעמענטן, וועלכע די ריכטער האָבן ניט באַנומען, און אין דער אַטמאָספֿער פֿון דער שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע ניט געקאָנט פֿאַרשטיין: די טאָפּעלע טראַגיק פֿון ייִדישן מענטשן אין דעם געמײנזאַמען געראַנגל קעגן פֿײַנד. ערשטנס, ער האָט ניט אויסגעזאָגט די סיבה פֿאַר וואָס דער דײַטש וויל מיט אים ניט רעדן און צווייטנס, ער האָט געהייסן דער וואַך אָוועקנעמען דעם דײַטש. מען וואָלט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ לאַגער פֿון געפֿאַנגענע, און ער וואָלט געבליבן ניט אויסגעפֿאָרשט.

דער „דיסציפּלין־בראָך" וואָלט ניט אויסגעזען אַזוי שווער, ווען מען זאָל האָבן דעם גוטן ווילן און דעם הומאַניטאַרן געפֿיל, צו פֿאַרשטיין די סיבה פֿאַר וואָס דער ייִד האָט פֿאַרשוויגן די פֿרעכע באַליידיקונג פֿון דײַטש, — וואָס האָט ניט געוואָלט רעדן מיט קיין ייִדן. מנחם האָט עס געזאָגט: — „מיינט איר אַז מײַן אָפּשטאַם מעג מען טרעטן מיט די פֿיס? אַז איך האָב געדאַרפֿט פֿאַרשפּרייטן דעם דײַטשן גיפֿט צווישן רוסישע סאָלדאַטן?"...

עפּעס ענלעכס האָט פּאַסירט מיטן ייִדישן גענעראַל פּליסקין, וועלכער האָט מיט אַ געמאַכטער גלײַכגילטיקייט אונטערגעשריבן אַ טויט־

אורטייל אויף צוויי סאָלדאַטן, וועלכן סוזאַיעוו האָט אים אונטערגערוקט. ער האָט געוואָלט וויַיזן, דער ייִדישער גענעראַל, אַז ער וואַכט איבער דער מיליטערישער דיסציפּלין מיטן זעלבן אייפער, ווי ער, דער רוס, און שרייַבט גלייַך אונטער אַ טויטאורטייל, כאָטש איינער פון די שולדיקע איז אַ ייִד. דער גענעראַל האָט זיך נאָך דעם פאַרגעוואָרפן זיַין איבערגעאײַלטער האַנד־לונג, ווייַל ער האָט זיך געפילט ווי „געפּענטעט", ווייַל צווישן אים און דעם פאַרמשפטן צום טויט וויטעבסקער ייִדן, איז געשטאַנען דער ענקאַ־ווערדיסט און רוס, זאָגט דער מחבר.

ענלעכס האָט פּאַסירט מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען ר׳ נתן האַנאָ־ווער פון זאַסלאַוו, האָט געשריבן זיַין כראָניק וועגן כמעלניצקיס פּאָגראָמען (גזירת ת״ח) אין זיין ספר „יון מצולה" — „דאָס וואָס די קאָזאַקן האָבן געטאָן די ייִדן, האָט ער געזאָגט, טאָר מען פון מויל ניט אַרויסברענגען, כּדי דעם נאָמען מענטש ניט פאַרשוועכן"... ער — דער קרבן — האָט זיך „געשעמט" די שאַנד־מעשים פון די מערדער אַרויסברענגען פון מויל. מנחם האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען די ווערטער פון דייַטש, ווייַל זיי האָבן אים געברענט ווי אַ שפּיַי אין דער נשמה... דאָס איז דער „גלות־קאָמפּלעקס", וועלכער איז אַרייַנגעוואַקסן אין דער ייִדישער פּסיכיק אין אַן אַטמאָספער אָנגעלאָדן מיט קינאה און שינאה, און וועט דויערן אַזוי לאַנג ווי די ייִדן וועלן זיַין פאַרשפּרייט צווישן פעלקער, וועלכע וועלן ניט אויפהערן צו באַטראַכטן דעם ייִדן ווי אַ פרעמדן, אַפילו אונטער דער פאָן פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. געפילן, וועלכע וואָרצלען אין דער ספערע פון אינסטינקטן, פאַרשווינדן ניט מיט קיין ראַציאָנאַליסטישער אויפקלערונג און מיט קיין שׂכלדיקע אַרגומענטן.

בײַ דער װײַסל

די פֿעלקער און עפּאָכעס וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ ליטעראַטור, זע־נען אַרײַן אין דער געשיכטע און האָבן אַ המשך, וואָס לעבט אין זכרון פֿון דורות. די אַלע אַנדערע האָבן געקאָנט שאַפֿן אימפּעריעס מיטן כּוח פֿון דער שווערד, אָבער אויב עס האָט זיי אויסגעפֿעלט שעפֿערישע קראַפֿט אויף צו פֿאַראייביקן זייער גײַסט אין שריפֿטלעכן וואָרט, זענען זיי אָן שפּורן פֿאַר־שווּנדן אין תּהום פֿון פֿאַרגעסונג, ווי אַן אומפֿאַרמײַדלעכער רעזולטאַט פֿון זייער גײַסטיקער אומפּרודוקטיקייט.

אומצאָליקע בײַשפּילן זענען פֿאַראַן פֿון דעם אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דזשינגיס כאַן האָט באַהערשט אַ האַלבע וועלט, זיין מאָנגאָליש בלוט און טיראַנישער גײַסט קומט נאָך הײַנט צום אויסדרוק אויפֿן אייראָ־פּעיִשן קאָנטינענט, וואָס איז אין פֿאַרלויף פֿון אַ סך דורות געלעגן אונטער דער ממשלה פֿון די מאָנגאָלישע סאַטראַפּן, אָבער קיין אַנדערע שפּורן זענען פֿון זיי ניט געבליבן.

די ליטעראַטור איז אַ דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר אין דער דערקענטעניש פֿון מענטשן, וואָס העלפֿט אונדז צו פֿאַרשטיין דאָס לעבן פֿון פֿעלקער, באַ־נעמען דעם גײַסט פֿון די פֿאַרגאַנגענע צײַטן, און אויך זיך שאַפֿן אַ פֿאָר־שטעלונג וועגן דער געגאַרטער צוקונפֿט. אין די לאַנגע יאָרהונדערטער פֿון מיטל־עלטערלעכן פֿאַנאַטיזם, האָט ניט געקאָנט קומען צום אויסדרוק דאָס פֿרײַע מענטשלעכע וואָרט, איז ניט געשאַפֿן געוואָרן קיין קינסטלע־רישע ליטעראַטור, און די עפּאָכע איז אַ שוואַרץ אומבאַשריבן בלאַט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. עפּעס ענלעכס געשעט אונטער דער ממשלה פֿון סאָוועטישן פֿאַנאַטיזם, ווו יעדעס וואָרט און געדאַנק איז אונטערוואָרפֿן

דעם קאָנטראָל פֿון דער דיאַלעקטישער אינקוויזיציע, און עס ווערט פֿאַר־קרימט און געפֿעלשט דער אמת פֿון לעבן.

אַ שטראָל ליכט אין דער פֿינצטערער נאַכט קומט נאָר פֿון די „דיסי־דענטן" — פֿון די אָפּאָזיציאָנערן צו דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, — וואָס האָבן מיט מסירת־נפֿש דורכגעריסן דעם אײַזערנעם פֿאָרהאַנג, און אַנטפּלעקט פֿאַר דער וועלט די שוידערן פֿון „ארכיפּעלאַג גולאַג", ווי סאָל־זשעניצין רופֿט אָן די שקלאַפֿן־לאַגערן אויפֿן באָדן פֿון דער סאָוועטישער אימפּעריע, ווו עס זענען שוין פֿאַרפּײַניקט געוואָרן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, און אַ סך צענדליקער — שקלאַפֿן נאָך.

מענדל מאַן איז איינער פֿון די גרויסע דיסידענטן, וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם יאָמערטאָל פֿון ייִדישן פּײַן און אַלגעמיינע מענטשלעכע לײַדן אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפֿט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז פֿאַראַן פֿון דעם פּעריאָד אַ רײַכע דאָקומענטאַציע, אָבער קיין שום דאָקומענט און געשיכטע, קאָן ניט פֿאַרבײַטן די איבערצײַגנדיקע קראַפֿט פֿון אַ קינסטלערישער שילדערונג, אין וועלכער דער מחבר אַליין איז דער קרבן, דער עדות און דער שעפֿער, וואָס מאָלט דאָס בילד מיט גרויס טאַלאַנט און מיטן בלוט פֿון אייגענעם האַרצן.

די ליטעראַטור באַצווינגט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מענטשן, און אויף וואָס זי וואַרפֿט איר ליכט אַנטפּלעקט זיך אַ סוד פֿון לעבן. מיר זענען הײַנט עדות פֿון אַן איבערראַשנדיקער דערשײַנונג, וואָס וועט ענדערן דעם פּנים פֿון דער וועלט אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט, און וועלכע ווערט דורכן ברייטן עולם אויפֿגענומען מיט אַבסאָלוטער גלײַכגילטיקייט. דער מענטש האָט שוין באַטראָטן די לבֿנה און פֿליט צו די שטערן, אָבער קיינער מאַכט פֿון דעם ניט קיין וועזן. די טעמע האָט נאָך די ליטעראַטור ניט גענומען אויף איר פֿעדער, און זי גייט פֿאַרבײַ אומבאַמערקט פֿאַרן מענטשן.

די ייִדן־פּראָבלעם, די פֿראַגע פֿון ייִדישן גורל צווישן די אומות־העולם, איז אויפֿגעקומען שוין אין די תּנכישע צײַטן, אָבער זי קומט צו אַ באַזונ־

דער שאַרפֿן אויסדרוק אין די מגילות, אין די ווערק פֿון תּנך, וועלכע זע־נען געשריבן מיט אַ פֿאָבולאַרן ליטעראַרישן לשון. מגילת אסתּר איז אַ מין היסטאָרישע באַוועלע, און אייניקע היסטאָריקער זענען ביַי דער מיינונג, אַז אַזאַ זאַך האָט איבערהויפּט ניט פּאַסירט. אָבער יאָ אָדער ניט פּאַסירט, וויכטיק איז אַז די מגילה פֿאַרקערפּערט אין זיך אַ טיפֿן קינסטלע־רישן אמת. און אַ קינסטלערישער אמת איז מער ווי אַ רעאַלע גע־שעעניש, מער ווי אַן אמת. אַ קינסטלערישער אמת איז אַ געשעעניש, וואָס האָט ביַי געוויסע באַדינגונגען געקאָנט פּאַסירן — און מען קאָן אַפֿילו זאָגן: האָט געמוזט פּאַסירן! — אין אַלע ציַיטן, אַזוי גוט אין דער וויַיטער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי אין דער וויַיטער צוקונפֿט.

מגילת־אסתּר שילדערט דעם גורל פֿון אַ פֿאָלק, וואָס לעבט צווישן פֿרעמדע פֿעלקער, און מישט זיך ניט אויס מיט זיי; אָבער געלט האָבן זיי, ווי עס האָט געזאָגט המן. דערוועקט אַזאַ מין פֿאָלק קינאה, און קינאה שאַפֿט שׂינאת־חינם, וואָס קאָן ברענגען צו די ערגסטע קאָנסע־קווענצן. דאָס איז די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער קלאַסישער מגילה. המנס ווער־טער זענען אין פֿאַרלויף פֿון טויזנטער יאָרן איבערגעחזרט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע ווערסיעס און אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער אַלע מיט דער זעלבער כּוונה: אויסראָטן אַלע ייִדן און זיי באַרויבן.

דער מחבר פֿון דעם וווּנדערלעכן ספֿר, דער אַנאָנימער ייִדישער קינסטלער פֿון מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, האָט דערביַי פֿעסטגעשטעלט די קענצייכנס פֿון ייִדישן גלות־גורל: אַ פֿעלער פֿון אַ ייִדישן יחיד ווערט איבערגעטראָגן אויפֿן כּלל. מרדכי האָט ניט געוואָלט זיך בוקן פֿאַר המנען, האָט המן געוואָלט פֿאַרטיליקן אַלע ייִדן. און מרדכי וואָרנט אסתּרן: — אויב דיַין פֿאָלק וועט אומקומען, וועסטו אויך דעם זעלבן סוף האָבן... עס הייסט, אַז דער כּוח פֿון ייִדישן יחיד איז פֿאַרבאָרגן אינעם כּלל; אויב מען פֿאַרפֿאָלגט דאָס פֿאָלק, וועט קיין ייִד ניט אויסמיַידן דעם ייִדישן גורל. כּל ישׂראל ערבֿים זה בזה, אַלע ייִדן זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך איינער פֿאַר דעם אַנדערן.

די מלחמה־טרילאָגיע פֿון מענדל מאַן איז אַ „מגילת דריטער חורבן", אַ היינטצייטיקע ווערסיע פֿון דער אייביקער יידישער גלות־דראַמע, אַ המשך פֿון דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער טראַגיק פֿון יידישן פֿאָלק צווישן די אומות־העולם, וואָס איז געקומען צו איר בולטסטן אויסדרוק אין דער לעצטער מלחמה צווישן דער אַלטער און „נייער" וועלט, אין געשטאַלט פֿון סאָוועטישן מאָנסטער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אין קאַמף קעגן דייטשן ראַסיזם ניט דעם אידעאַל פֿון פֿעלקער־פֿאַרברידערונג, נאָר דעם רוסישן פּאַנסלאַוויזם, אונטער דער פֿאָן פֿון סוּוואָראָוו, קוטוזאָוו און באָג־דאַן כמעלניצקי, און האָט אויפֿן נאַציסטישן אַנטיסעמיטיזם געענטפֿערט אויף זיין אופֿן, מיט אַ סיסטעמאַטישער יידן־אויסראָטונג; מיט אַ גייס־טיקן און פֿיזישן גענאָציד, וואָס ווערט מיטן גאַנצן אייפֿער פֿאַרגעזעצט אויך אין די נאָך־מלחמה יאָרן.

קורץ נאָכן קריג, אין יאַנואַר 1948, איז אויף סטאַלינס דירעקטן באַ־פֿעל — דערציילט זיין טאָכטער סוועטלאַנאַ — דערמאָרדעט געוואָרן דער גרויסער יידישער בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס (וואָפֿסי), דער פּרע־זידענט פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע אָנגעזעענע יידישע שרייבערס, מיט גרויס דערפֿאָלג מאָביליזירט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום צו הילף דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד בעת דער מלחמה. נאָך דעם זענען אויף אַן „אוקאַז" פֿון אויבן, אין איין טאָג פֿאַרמאַכט גע־וואָרן הונדערטער יידישע אינסטיטוציעס, פֿאַרלאַגן און צייטשריפֿטן, און אַז די יידישע שפּראַך און קולטור זאָלן מער ניט געדייען אין די סאָוועט־טישע גרענעצן, איז דער יידישער שריפֿט צעשמאָלצן געוואָרן...

דעם 12טן אויגוסט 1952 איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ מאַסן־„אַקציע" קעגן די לעבעדיקע טרעגער און שעפֿער פֿון דער יידישער קולטור. דער ברייטער עולם ווייס די נעמען פֿון די גרויסע קינסטלער, אייניקע פֿון זיי מיט אַ וועלטנאָמען, ווי בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, משה קולבאַק און אנדערע. אָבער אין דער טראַגישער דאַטע זענען פֿאַרפֿייניקט

געוואָרן צום טויט טויזנטער ייִדישע גײַסטמענטשן, וויסנשאַפֿטלײַט, פּי־רערס און לערערס.

אין יאַנואַר 1953 איז אינסצעניזירט געוואָרן דער בלוט־בילבול קעגן ייִדישע מעדיקער, די „מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן", בראָש מיטן באַרימטן פּראָפֿ. מיראָן וואָפּסי, הויפּטדאָקטער פֿון קרעמל־שפּיטאָל און אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער מעדיצינישער דינסט אין דער רויטער אַרמיי. ווי עס זאָגט עדות אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין, האָט די עקזעקוציע פֿון די ייִדישע מעדיקער אויפֿן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע, געזאָלט דינען ווי אַ פּרעלוד צו אַ מאַסן־פּאָגראָם אויף ייִדן איבערן גאַנצן לאַנד, „להשמיד את כל היהודים אשר בכל מלכות אחשורוש" (אסתר ג׳ 6) פֿאַרטיליקן אַלע ייִדן, וואָס אין גאַנצן קעניגרײַך פֿון די סאָוועטן, און די רעשטלעך פֿאַרשיקן קיין סיביר כּדי זיי „צו ראַטעווען פֿון פֿאָלקסצאָרן"...

דאָס זענען אומבאַשטרײַטבאַרע היסטאָרישע פֿאַקטן, וואָס דערציילן ווי אַזוי סטאַלין האָט נאָכטוענדיק היטלערס בײַשפּיל, אויף זײַן אופֿן, גע־גרייט אַן „ענדגילטיקע לייזונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע" אויפֿן באָדן פֿון דער סאָוועטישער אימפּעריע. ער האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן דעם פּלאַן נאָך דערפֿאַר, ווײַל ער האָט באַצײַטנס אײַנגענומען אַ מיתה־משונה. מענדל מאַן ווײַזט אונדז די באַהאַלטענע באַוועגקרעפֿטן פֿון אָט דעם מאָנסטע־ריעזן פּראָצעס, ווי אַזוי דער „אַפּאַראַט" האָט אויסגעשפּרייט זײַנע נעצן וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע אַספּעקטן פֿון לעבן און די דיאַלעקטיק, וואָס האָט פֿאַרקריפּלט דעם אמת און פֿאַרדאַרבן דעם מענטשן, אַזוי דעם הער־שער ווי דעם באַהערשטן. אַלע מיטלען זענען כּשר, וואָס דינען דער מאַכט און וואָס באַפֿרידיקן דעם ווילן פֿון די סאַטראַפּן. דאָס איז די איינציקע מאָראַל פֿון דעם רעזשים, וואָס האָט די „אַפּאַראַטשיקעס" קאָרומפּירט, זיי געגעבן אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט, און זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט דאָס ריזיקע לאַנד אין אַ הערמעטיש־געשלאָסענער תּפֿיסה, און דעם פֿון דער נאַטור אײַנגעבוירענעם גוטמוטיקן און ברייטהאַרציקן רוס — ווי מענדל מאַן שילדערט אים — אין אַ שטומען און אומבאַהאָלפֿענעם עדות און קרבן.

די געדאַנקען ביי אַ גרויסן קינסטלער זענען הויפּטזעכלעך רעשטלעך פֿון די עמאָציעס, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק. דאָס איז „דאָס גייסטיקע הינטערלאַנד", ווי עס האָט געזאָגט ה. ג. וועלס, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט פֿון עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אויסגעצייטיקט אין די טיפֿענישן פֿון דער נשמה, באַפּרוכטיקט דעם אינטעלעקט און געשאַפֿן אַ גרונטשטימונג, וואָס קאָן פֿאַרשטעלן אין איין פּרט דעם כאַראַקטער פֿון כלל, און אין איין פּונקט אויסדריקן דעם גורל פֿון מענטשן. מענדל מאַן האָט געשריבן זיין טרילאָגיע עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה, און אָט די קריסטאַליזאַציע פֿון זיין פּיינלעכער דערפֿאַרונג ווי אַ ייִד אין די שווערע יאָרן פֿון קריג, וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם אמתן פּרצוף פֿון די הויפּטהעלדן אין דער וועלטדראַמע, האָט באַקומען אַן אוניווערסאַלע באַטייטיקייט.

מיר וועלן דעריבער נאָכגיין אין די פּוסטריט פֿון זיין הויפּט־פּערסאָנאַזש, מנחם, אין צווייטן בוך פֿון דער טרילאָגיע „ביי דער ווייסל", כדי אויסצושעפּן דעם ערשטן פּונקט פֿון אונדזער טעמע: — דעם גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם, און אויסגעפֿינען דעם „קינסטלערישן אמת" פֿון דער אַקטועלער ייִדישער ווירקלעכקייט, וואָס איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון רעאַלע פֿאַקטן און וואָס האָבן געבילדעט דעם „גייסטיקן הינטערלאַנד" פֿון אַ הויך־טאַלענטירטן און שעפֿערישן מענטשן.

מנחם איז אָפּגעקומען זיין שטראָף פֿאַרן פֿאַרשוויגן פֿאַר זיינע עלטסטע די באַליידיקונג פֿון דעם דייטשן אָפֿיציר, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער וויל ניט ריידן מיט קיין ייִדן. איך האָב אויבן דערמאָנט, אַז ר' נתן האַנאָווער פֿון 17טן יאָרהונדערט, האָט אין זיין כראָניק וועגן כמעלניצקיס פּאָגראָמען געזאָגט, אַז „דאָס וואָס די קאָזאַקן האָבן געטאָן צו ייִדן טאָר מען פֿון מויל ניט אַרויסברענגען, כדי דעם נאָמען מענטש ניט פֿאַרשוועכן". זיין געפֿיל פֿון ייִדישער ווערדע האָט רעבעלירט קעגן דער מענטשלעכער געפֿאַלנקייט, און ער האָט ניט געקאָנט די שענדלעכע מעשׂים — פֿון וועל־

כע ער איז אַליין געווען אַן עדות און אַ קרבן — אַרויפֿגעבראַכט אויף די ליפּן. אַן ענלעך געפֿיל האָט באַהערשט דעם ייִדישן לייטענאַנט פֿון דער רויטער אַרמיי אין 20סטן יאָרהונדערט, און ער איז דערפֿאַר דעגראַדירט געוואָרן פֿון זיין ראַנג און פֿאַרשיקט געוואָרן אין די קוילנגרובן פֿון אוראַל, אויפֿן „אַרכיפּעלאַג גולאַג", ווו די פֿאַרשיקטע קומען אָפּ זייער שטראָף ביי קאַטאָרזשנער אַרבעט.

ביי די נאַציס איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער געווען אַ פֿאַבריק פֿון טויט, ווו מען האָט די קרבנות געלאָזט אויסגיין פֿון הונגער, אָדער לעבע־דיקערהייט זיי געטריבן אין די גאַזאויוונס. ביי די סאָוועטן, דערקעגן, האָט דער לאַגער זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל קודם־כּל אויסשעפּן פֿונעם פֿאַר־משפּטן זיין אַרבעטסקראַפֿט, ביזן לעצטן טראָפּן, און פֿאַרן ביליקסטן פּרייז. שטאַרבן פֿלעגט מען, געוויינטלעך, מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט: פֿאַלן אונ־טער דער לאַסט פֿון אַרבעט, פֿון אויסשעפּונג.

לויט דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער דיאַלעק־טיק מעג דער סאָציאַליזם געבויט ווערן מיט שקלאַפֿן־אַרבעט. דער הייליקער ציל כּשרט אַלע מיטלען. וועט דאָס פֿאָלק ניט געניסן אין דעם דור — איז אין די קומענדיקע דורות. מען דאַרף זיך מקריבֿ זיין פֿאַר דער צו־קונפֿט — דאָס איז די מאָראַל. אַ קרבן איז אָבער דאָס גאַנצע פֿאָלק, אויסער די „אַפּאַראַט"־מענטשן, די ביוראָקראַטן. די מינעס פֿון סיביר דאַרפֿן צענער מיליאָנען שקלאַפֿן, און די פּאַרטיי דאַרף זיי צושטעלן. אויף אַ פּאַר־טייער, וואָס „שטעלט ניט צו" קאָן פֿאַלן אַ חשד אין ניט־געטרייקייט צו דער באַוועגונג, און ער וועט אַרויספֿאַלן ביי דער ערשטער „טשיסטקע". פּריווילעגיע וויל קיינער אין די סיבירער טייגעס און אין די אוראַלער קוילנ־גרובן ניט גיין; און שאַפֿן באַדינגונגען מען זאָל יאָ ווען גיין, וועט אויס־טראָגן צו טייער. די קאָמוניסטן האָבן געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און זענען פּראַקטישע מענטשן, וואָס דענקען אין רעאַלע טערמינען.

דערציילט אַ פֿאַרמשפּטער: — דער פּרעזידענט פֿון קאַלכאָז איז צו מיין באַביאַנקע געקראָכן. פֿלעגט מיך אין די נעכט אין סטעפּ אַריין

אַוועקשיקן. דערנאָך האָט ער מיך געמסרט, אַז איך בין אַ „וואָרג", אַ שׂונא פֿון פֿאָלק... און אַ צווייטער זאָגט: — און איך האָב זיך מסתּמא אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, וואָס איז ניט געפֿעלן נאַטשאַלסטווע, בעת איך האָב גענומען אַן איבעריק גלעזל...

מען אַרבעט פֿון פֿאַר טאָג ביז אין די שפּעטע שעהען פֿון דער נאַכט. די מענטשן האָבן פֿאַרלאָרן זייער מענטשלעכן פּרצוף. אין שמאַטעס, מיט פֿאַרוויקלטע זעק אויף די פֿיס, פֿאַרהונגערטע, זעען זיי אויס ווי בלינדע פֿערד איינגעשפּאַנטע אין אַ דרעשבאַנק. עס איז אַ גיהנום־התּחתּון, וועלכן מענדל מאַן שילדערט מיט אַן איבערצייַגנדיקער קראַפֿט, און ווייַזט לעבע־דיקע געשטאַלטן און בילדער, וואָס זאָגן עדות אויף דער טראַגיק פֿון אַן עפּאָכע, וואָס איז אויפֿן וועג צו דער צוקונפֿט פֿאַרקראָכן אין אַ תּהום פֿון פֿאַרברעכן, און פֿאַרפּעסטיקט מיט שׂינאה און חשדים אַ וועלט, אין וועל־כער עס באַקומען אַן אייבערהאַנט איראַציאָנאַלע קרעפֿטן און אַפּעטיטן צו הערשן.

די העראָישע וויגעשרייען, וואָס זענען געקומען פֿון הינטער דעם אייַזערנעם פֿאָרהאַנג, האָבן אויפֿגעטרייסלט דאָס געוויסן פֿון דער וועלט און אויסגעניכטערט אַ סך פֿאַרחלומטע מוחות, וואָס האָבן מיט האָפֿענונג זיך צוגעקוקט צום רוסישן בייַשפּיל. אין אָט דעם פֿאַרצווייפֿלטן הילפֿס־רוף, איז די מלחמה־טרילאָגיע פֿון מענדל מאַן אַ ווערטפֿולער בייַטראָג, וואָס דאַרף אויסרייניקן די פֿאַרסמטע אַטמאָספֿער. סאָלזשעניצין האָט גע־ווירקט מיטן גייַסט פֿון זייַן מסירת־נפֿש, מיט זייַן פּערזענלעכקייט פֿון אַ מאַרטירער, מיט זיין אומקאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן דעם שלעכטס, וואָס שרייַט אַרויס פֿון אַלע זייַנע ווערק. ווען די קינסטלערישע אינטויִציע שעפּט איר יניקה פֿון די קוואַלן פֿון מאָראַלישן געוויסן, דערפֿילט אין זיך דער שעפֿער אַ נביאישע שליחות, און דער דיכטער ווערט אַ פּריידיקער און קעמפֿער.

מענדל מאַן האָט די לעצטע יאָרן געשטעלט זייַן גאָטגעבענטשטע פּע־

דער צום דינסט דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף אויף דער וועלטאַרענע פֿון די פּאָליטישע מאַכינאַציעס וואָס שמעקן מיט פּולווער. ער וואָרנט קעגן יעדער מין דיקטאַטור, דעמאַסקירט די דעמאַגאָגיע, קעמפֿט פֿאַר ייִדישע רעכט, און פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון דעם „וווּנדערלעך־גרויסן און לײַדנדיקן רוסישן פֿאָלק", ווי ער זאָגט אין איינעם פֿון זײַנע אַרטיקלען. אין האַרצן פֿון אַ ייִדישן שרײַבער האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג דער וויגעשריי פֿון אַלע לײַדנ־דיקע, אָן אונטערשייד פֿון נ אַ צ י ע און ר אַ ס ע. די נבֿיאים האָבן גע־פּריידיקט צו אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט...

סאָלזשעניצין האָט קוים באַרירט די טראַגעדיע פֿון ייִדן אין דער סאָ־וועטישער אימפּעריע, וואָס לײַדן טאָפּלט, ווי ייִדן און ווי בירגער. דער פּֿרומער פּראַוואָסלאַוונער רוס האָט נאָך, ווי עס שײַנט, ניט גובֿר געווען דעם אַנטי־ייִדישן מיטאָס, וואָס שטאַמט פֿון דער הייליקער עוואַנגעליע. עס איז אים ניט צום האַרצן די ייִדישע געטרײַשאַפֿט צו זייער נאַציאָנאַלער טראַדיציע; ער קאָן אויך ניט מוחל־זײַן זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און ער שטעלט אַרויס אין פֿאָדערגרונט וווּ ער גע־פֿינט נאָר אַ ייִדישן נאָמען אין סאָוועטישן אַפּאַראַט. אָבער ייִדן זענען גע־ווען די צום מערסטן אונטערדריקטע אין צאַרישן רעזשים, און דעריבער אויך די שאַרפֿסטע קעגנער קעגן אים.

די פֿרײַהייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט וואָרצלט טיף אין דער ייִדישער מסורה און אין דער נשמה פֿון ייִדישן מענטשן, און ייִדן זענען אויך אין די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס אין קאַמף קעגן דער סאָוועטי־שער דיקטאַטור. שקלאַפֿערײַ איז קיין מאָל ניט געווען קיין אינסטיטוציע אין היסטאָרישן ייִדישן לעבן, און אויף אַלע שלאַכטפֿעלדער פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון מענטשן, וואָס איז לויטן ייִדישן מיטאָס באַשאַפֿן געוואָרן „בצלמו", אין דער געשטאַלט פֿון גאָט, געפֿינען מיר ייִדן. דאָס איז אַ הומאַניזם וואָס נעמט אַרום אַלע מענטשנקינדער, און מענדל מאַן איז זײַן פֿאָנענטרעגער אין דער מאָדערנער ייִדישער און אוניווערסאַלער ליטע־ראַטור.

לעצטנס איז מענדל מאַן, דער דיכטער, נאָוועליסט און מאָלער, אַראָפּ פֿון זײַן העלפֿאַנדביין־טורעם, און געוואָרן אַ פּובליציסט, אַ פּ ר י י ד י ־ ק ע ר און ק ע מ פֿ ע ר, וואָס זוכט צו וואַרפֿן אַ שטראַל ליכט אויף דער רויטער פֿינצטערניש, וואָס דראָט איַינצושלינגען די וועלט. זײַנע פּאָליטישע אַרטיקלען זענען אַ דירעקטער המשך פֿון זײַנע ליטעראַרישע ווערק, און אייניקע פֿון זיי האָבן אַ דויערהאַפֿטיקן און קינסטלערישן ווערט.

מענדל מאַן הערט ניט אויף איבערצוחזרן, אַז דער מענטש איז גוט, נאָר די פֿ אַ ל ש ע תּ ו ר ו ת האָבן אים פֿאַרדאָרבן. ס'איז בײַ אים אַן איבערצײַגונג, וועלכע האָט זיך פֿאַרמירט דורך דער דערפֿאַרונג פֿון לעבן און אין קאָנטאַקט מיט מענטשן. אמת, ער אַליין האָט אַן אָפּן און גוט ייִדיש האַרץ צו מענטש און וועלט; און מענטשן ענטפֿערן אים מיט די זעלביקע געפֿילן.

„די שאָכטע־מענטשן זענען גוט געוועזן צו דעם שמאָלאָקסל־דיקן ייִדישן בחור פֿון פּוילן. זיי האָבן אים דערציילט וועגן די היימען, די ליכטיקע, די וואַרעמע, וואָס עמעצער האָט זיי פֿון דאָרט פֿאַרטריבן ערגעץ ווײַט, ווײַט, און דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיטן גערמאַניעץ. מנחם האָט זיי אויסגעהערט. מיט אויגן פֿיבערדיקע האָט ער געקוקט אויף זיי און אַן אָפּן האַרץ האָט ער זיי אַנטקעגן געטראָגן — אַ האַרץ וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך דעם גרויסן טרויער פֿון אומגליקלעכע און זײַנע אויערן האָבן אויפֿגענומען דאָס שטומע געוויין".
(„בײַ דער ווײַסל", ז' 11, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1958).

איין מאָל איז אין באַראַק אַרײַן אַ גוט־געקליידטער מיליטערמאַן און געפֿרעגט: „זענען פֿאַראַן צווישן אײַך סאָלדאַטן מיט מיליטערישע ראַנגען? אָפֿיצירן?"... מנחמען איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק זיך צו פּרעזענטירן, בײַטן דאָס לעבן, און זיך ראַטעווען פֿון דער שאָכטע, אין וועלכער ער וועט לאַנג ניט אויסהאַלטן. אמת, מען האָט אים דעגראַדירט פֿון ראַנג; אָבער זיי דאַרפֿן דאָ אַוודאי „גראַמאָטנע" מענטשן, און דאָס איז אַ גע־לעגנהייט זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן. ער האָט נאָכגעטראַכט אַ לענגערע

ווײַלע, און איז געבליבן ליגן אויף זײַן געלעגער. — ניין, ער וועט ניט גיין, ער וועט זיך ניט אויסטיילן פֿון דער אַרומיקער מאַסע.

„ער וואָלט געדאַרפֿט אַראָפּ פֿון דער פּריטשע און זיך מעלדן צום מיליטער־מאַן. הונדערטער אויגן וואָלטן אים נאָכגעקוקט. אָט גייט אַן אָפֿיציר... אָט איז ער... דוכט זיך ניט קיין רוסישער... אַ פּאָליאַק... ניין, ברודערל, ניט קיין פּאָליאַק... אַ יעווריי... אַ יעוו־רעי?... האַ־האַ, אומעטום קריכן זיי... אַפֿילו אין אָפֿיצערסטווע".
(דאָרט, ז' 30).

מנחם, דער ייִד, האָט ניט געוואָגט אויסצונוצן די געלעגנהייט; ער האָט ניט געוואָלט אויפֿוועקן דעם קינאה־ און שינאה־געפֿיל צו ייִדן, וואָס דרעמלט דאָרט ערגעץ אין די פֿינצטערע ווינקלען פֿון אַ סך קריסטלעכע נשמות, און וואָס ווערט סטימולירט דורך די אָנהענגער פֿון רעזשים. דער געזונטער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער טאָר ניט אײַנשטעלן. וועט ער דאַרפֿן זיך אומקערן אין שאַכטע, וועט מען דעם „יעווריעיסקי אָפֿיציר" דערגיין די יאָרן; זיך נוקם־זײַן אין אים פֿאַר אַלע טשינאָווני־קעס, און מאַכן אים, דעם ייִדן, פֿאַר אַ שעיר־לעזאָזל אויף וועלכן מען וועט אויסלאָזן דעם צאָרן.

ער האָט זיך געפֿילט „געפּענטעט", ווי יענער ייִדישער גענעראַל, וואָס האָט אונטערגעשריבן אַ טויטאורטייל קעגן זײַן ווילן. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן צוויי רוסן, וואָלט ער זיכער מיט אַ רויִקן געוויסן געזאָגט: — ניטאָ זיך וואָס צו אײַלן, מען דאַרף דעם ענין אויספֿאָרשן איידער מען שטעלט צו מענטשן „צום ווענטל". נאָר איינער פֿון די צוויי פֿאַרמשפּטע איז געווען אַ ייִד, און דער וואָס האָט צוגעשטעלט דעם אורטייל — אַן אַנטיסעמיט, וואָס איז געווען זיכער אַז דער ייִדישער גענעראַל וועט ניט אונטערשרײַבן אויף צו ראַטעווען אַ „זײַניקן"... האָט ער יאָ אונטערגע־שריבן, און באַלד חרטה־געהאַט, און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן זענען די צוויי אומגליקלעכע געווען אומשולדיק.

דאָס איז דער גלות־קאָמפּלעקס, וואָס האָט זיך פֿאַרמירט אין דער ייִדישער נשמה אין אַן אַטמאָספֿער, וואָס איז פֿאַרפּעסטיקט מיט שינאה און

חשד צום ייִדן, „פּענטעט” עס דעם פֿרײַען אויסדרוק פֿון זײַנע געפֿילן און קוקט אַרויס מיט טרויער פֿון זײַנע ייִדישע אויגן... ס'איז אַ „קאָמ־פּלעקס”, וואָס דינט ווי אַ שוצמיטל פֿאַרן ייִדן, וואָס וואָרנט אים ווו עס דראָט אַ געפֿאַר פֿאַר זײַן לעבן. ס'איז ניט קיין אײַנגעבוירן געפֿיל, נאָר אַ דערוואָרבענער סענטימענט, וואָס אַנטשטייט אין דער פּסיכיק פֿון יעדער אונטערדריקטער מינדערהייט, וועלכע דאַרף זײַן געהיט מיט אירע מעשׂים, כּדי ניט אַרויסצורופֿן דעם צאָרן פֿון דער פּריווילעגירטער מערהייט. דער קאָמפּלעקס קאָן פֿאַרשווינדן נאָר צוזאַמען מיטן גלות.

איין מאָל איז אין שאַכטע געקומען אַ מיליטערישע קאָמיסיע, וואָס האָט אָפּגעקליבן די יונגע און געזונטע שאַכטיאָרן, און זיי געשיקט אויפֿן פֿראָנט. מנחם האָט זיך צוגעשטעלט פֿרײַוויליק — האָסט ניט קיין מורא פֿאַר אַ ביקס ? האָט עמעץ מיט אַ שמייכעלע אים אָנגעקוקט, און דער פּאַרטיימאַן און אָנפֿירער מיטן ספּעציעלן אָפּטייל, האָט אים שפּאָטיש געפֿרעגט : — „וועסט שיסן אויף די גערמאַנצעס ?” מנחמען האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. — „גיט מיר אײַער אויטאָמאַט”, האָט ער געזאָגט — „וועל איך אײַך ווײַזן, אַז איך קאָן אויך טרעפֿן אין ציל”... די קאָ־מיסיע האָט אים באַשטעטיקט, און נאָך די נאַכט איז ער אין אַן איבערגע־פֿולטן עשאַלאָן מיט אויסגעהונגערטע און מיד־מאַטע מענטשן, געפֿאָרן פֿון ווײַטן מיזרח צום ברענענדיקן מערב.

דאָס איז געווען אָנהייב 1942, ווען די סאָוועטישע אַרמיי איז אַריבער אין אַ קאָנטעראָפֿענסיווע אַרום מאָסקווע. גרויסע הילף האָט די אַרמיי באַ־קומען פֿון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אָפּערירט אין הינטערלאַנד פֿון שׂונא ; זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און אָן אויפֿהער באַאומ־רויִקט די דײַטשע קאָנצענטראַציעס מיט נאַכט־איבערפֿאַלן, מיט בלאָקירן די וועגן, שטערן די קאָמוניקאַציעס, אויפֿרײַסן באַנליניעס און עשעלאָנען מיט מיליטער און וואָפֿן. די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס זענען געשטאַנען אין פּערמאַנענטער פֿאַרבינדונג מיט דער הויפּט־קאָמאַנדע פֿון דער רעגולערער

אַרמיי, און פֿלעגן דורכן לופֿטוועג באַקומען וואָפֿן, באַשפּײַזונג און מענטשן.

צו איין פּאַרטיזאַנער־איינהייט אַזאַ, אין די וועלדער אַרום סמאָלענסק, וועלכע האָט אָפּערירט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון קאַפּיטאַן מיכאַילאָוו, איז צוגעטיילט געוואָרן ווי אַ פּאָליט־קאָמיסאַר, ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש זשילין. מיכאַילאָוו האָט אין זײַן איינהייט אַרײַנגענומען נאָר אָפּשטאַמיקע פֿון די ווײַטע מיזרח־געביטן. זיי דעזערטירן ניט ווי די אוקראַיִנער און ווײַסרוסן פֿון די מערב־געביטן, וועלכע עס האָבן פֿאַרנומען די דײַטשן. זיי שטערט ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע, און זיי קאָנען גאָנץ לײַכט זיך דערשלאָגן צו זייערע היימען, נאָך וועלכע זיי בענקען. אויך די ייִדן, אַנטלאָפֿענע פֿון שחיטות, האָבן ניט געהאַט קיין בעסערן גורל בײַ מיכאַילאָוון, כאָטש זיי האָבן שוין ניט געהאַט קיין היימען און ניט געהאַט וווהין צו לויפֿן, און צוריקגיין אין די אָקופּירטע געביטן איז פֿאַר אַ ייִדן געווען אַ זיכערער טויט. אויף די וועגן האָבן געלויערט די דײַטשן און אין די אַרומיקע יישובים זענען די אַנגעשראָקענע פּויערים, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, געווען פֿײַנטלעך צו ייִדן.

אַן אוקראַיִנער, אָדער ווײַסרוס, וועלכער האָט זיך געוואָלט אָנשליסן אין דער פּאַרטיזאַנקע, און דער קאָמאַנדיר האָט אים ניט באַוויליקט, האָט געפֿונען שוץ בײַ די אײַנוווינער פֿון דער אַרומיקער געגנט. אַ ייִד איז גע־בליבן ווי צווישן פֿײַער און וואַסער, ער האָט ניט געהאַט וווהין זיך צו קערן און ווענדן. אַליין קאָן מען קיין קריג ניט פֿירן, און קיינער וויל אים פֿאַר קיין שותּף ניט האָבן. אין דער מלחמה איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק די טראַגיק פֿון ייִדישן מענטשן און ס'איז געוואָרן הפֿקר דאָס ייִדישע לעבן.

נאָר איין ייִד איז געווען אין מיכאַילאָווס איינהייט. דאָס איז געווען אַ פּוילישער ייִד, אינזשעניר גראָס. אַ נידעריקער קרעפּטיקער מאַן, מיט פּעך־שוואַרצע ברעמען און געקרײַזלטע וואָנצעס — אַ מענטש אין די דרײַסי־

קער. מיכאַילאָוו האָט געדאַרפֿט האָבן כאָטש איינעם וואָס קען דײַטש, און ער האָט אים אָנגענומען.

איין מאָל האָבן די וואַכלײַט געטראָפֿן אין אַ כאַטע צוויי פֿרעמדע, און זיי געבראַכט אין שטאָב אויף אַ פֿאַרהער. דאָס זענען געווען ייִדן. איינער פֿון מינסק און דער צווייטער פֿון אַ שטעטל בײַ האָמעל. זיי זענען געווען אין דער רויטער אַרמיי, אַרײַנגעפֿאַלן אין דער דײַטשער אַרומרינגלונג, און באַוויזן צו אַנטלויפֿן. געווען אין די וועלדער, געלויערט אויף דײַטשן. בײדע זענען פֿאַרוואַקסן, און אין צעריסענע שטיוול און קליידער. דער פּאָליט־קאָמיסאַר האָט זיי בייז אָנגעקוקט: „געזונטע מענטשן, — האָט ער געזאָגט — גראַמאָטנע, איינער אַפֿילו אַ פּאַרטיי־מיטגליד. און איר האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַן אויוון, אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף!... זיך אויס־באַהאַלטן ווען אונדזער לאַנד גייט אָפּ אין בלוט... ווען מען מאָרדעט אייך אײַערע ברידער... פּחדנים! דעזערטירן!״...

איינער פֿון די צוויי איז אויפֿגעשפּרונגען, האָט אויפֿגעריסן דעם שי־נעל, צעעפֿנט די רובאַשקע און אַנטפּלעקט די נאַקעטע ברוסט מיט אַ זיג־זאַגישן גרויסן רויטן שראַם ווי אַ בליץ.

„— איך אַ פּחדן? אַ דעזערטיר? אָט איז מײַן פּחדנות! דאָס איז בײַ גראָדנע! דאָס איז בײַ האָמעל! די האַנט איז דורכגעשאָסן געוואָרן אַנטלויפֿנדיק פֿון געטאָ! דאָס איז מײַן חבֿר... מיר האָבן מינירט וועגן, אויפֿגעריסן עשאַלאָנען... אַלע טרײַבן אונדז, אַלע, די דײַטשן, די אייגענע טרײַבן אונדז אויך... פֿאַר וואָס קומט עס אונדז?״ (דאָרט ז׳ 68).

בײַ די צוויי ייִדן האָט מען צוגענומען דעם אויטאָמאַט, און בלויז אי־בערגעלאָזן בײַ זיי אַ רעוואָלווער און עטלעכע גראַנאַטן. אונטער אַ קאָנ־וואָי האָט מען זיי אַרויסגעפֿירט פֿון וואַלד און אָפּגעלאָזן. דער שטאָב האָט זיי באַפֿוילן אויפֿצערײַסן די לאַדונג־סטאַנציע. דאָס איז דער באַדינג אָנגע־נומען צו ווערן אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט. ווען זיי דעם אויפֿרײַס ניט דורכפֿירן, וועט מען זיי משפּטן פֿאַר פֿאַרראַט... די ייִדן האָבן זיך גע־

בעטן בײַ מיכאַילאָוון און זשילינען: — גיט אונדז נאָך איינעם. גראָס האָט זיך פֿרײַוויליק אָנגעבאָטן, אָבער זשילין האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

מיכאַילאָוו האָט געשוויגן. אויף אויפֿצערײַסן די באַן־סטאַנציע, האָט ער געטראַכט, וואָלט מען געדאַרפֿט שיקן נאָך עטלעכע גוט־באַוואָפֿנטע פּאַרטיזאַנער. ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם קאָמיסאַרס כּוונה. ערשטנס, האָט ער די צוויי ייִדן ניט געוואָלט האָבן אין זײַן איינהייט. צווייטנס, וועט דאָס זײַן אַן אויסרייד אויף ניט אַרײַנצונעמען קיין ייִדן, ווײַל זיי פֿירן ניט אויס קיין באַפֿעלן. ער וועט זיי פֿאַרשטעלן ווי פֿאַררעטער... דאָס איז באַזונדערש נייטיק אין דעם מאָמענט אויף אויפֿצוהאַלטן די מאָראַל און די געטרײַשאַפֿט צום פֿאָטערלאַנד, ווײַל די דײַטשן הערן ניט אויף צו פֿאַרשפּרייטן פֿלוגבלעטלעך מיט אַ רוף: „איר שלאָגט זיך פֿאַר ייִדן! איר שטאַרבט פֿאַר ייִדן! אײַערע קאָמאַנדירן זענען פֿאַרשטעלטע זשידעס!"

האָט מיכאַילאָוו אויסגעמיטן יעדע באַגעגעניש מיט ייִדן אין די וועלדער, און האָט זיי ניט אַרײַנגענומען אין זײַן איינהייט. ער האָט אויך קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן אַ פּראָיעקט פֿון גראָסן צו באַפֿאַלן אַ קליינעם אַרבעט־לאַגער פֿון ייִדן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ געוועזענעם סאָווכאָז באַוואַכט פֿון אַ קליינער צאָל ס״ס־לײַט.

„— מיר טאָרן ניט דערשײַנען ווי ייִדן־פֿאַרטיידיקער. דער אײַבערפֿאַל אונדזוערער וועט אויסגענוצט ווערן פֿון די דײַטשן צו פּראָפּאַגאַנדע־צילן. זיי וועלן זאָגן: זעט פֿאַר וועמען איר שטאַרבט, רוסן. און וואָס וועלן מיר טאָן מיט די ייִדן? די דײַטשן וועלן באַקומען זייער באַצאָלונג אויף אַן אַנדער אופֿן. מיר וועלן אויפֿרײַסן עשאַלאָנען. שלאָגן זיך צוליב אַ לאַגער וווּ עס געפֿינען זיך נאָר ייִדן איז געפֿערלעך. עס קען צעלייגן אונדזער דיסציפּלין. דאָס וועט נאָר זײַן צום גונסטן פֿון די דײַטשן". (דאָרט, ז' 76).

גראָס האָט געשוויגן. וואָס האָט ער דען געקאָנט זאָגן? אויבנאויף זעט עס דאָך אויס, אַז דער רויטער קאָמאַנדיר איז גערעכט. די דײַטשן וועלן עס זיכער אויסנוצן פֿאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע און ווײַזן די רוסן, אַז מען שיקט זיי אין קאַמף אויף צו ראַטעווען ייִדן. עס קומט אויס, אַז די

מלחמה ווערט געפֿירט נאָר צוליב די ייִדן: די דײַטשן ווילן זיי אויסראָטן, און די רוסן מיט זייערע אַלייִרטע לאָזן ניט. דאָס קאָן דעמאָראַליזירן די סאָלדאַטן, וואָס וועלן ניט וועלן קעמפֿן אויף צו ראַטעווען ייִדן.

אַזוי האָבן מסתּמא אויך געטראַכט די דעמאָקראַטישע קאָמאַנדירן פֿון אַלע אַלייִרטע פֿעלקער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די רוסן געקעמפֿט קעגן דער נאַצישער אינוואַזיע אויף דער וועלט. אַלע הילפֿסרופֿן פֿון דער ייִדי־שער אונטערערד, פֿון די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן צו די גענע־ראַל־שטאַבן פֿון די אַלייִרטע האָבן ניט געהאָלפֿן. זיי האָבן געבעטן צו שיקן געווער און שפּײַז פֿאַר די געטאָס, באָמבאַרדירן די באַנוועגן און די גאַז־אויוונס, אָבער זייערע פֿאַרצווייפֿלטע הילפֿסרופֿן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף טויבע אויערן.

עס האָט אויך ניט געהאָלפֿן דער מאַרטירער־טויט פֿון אַרטור זיגעל־בוים, וואָס האָט אין לאָנדאָן געמאָנט הילף פֿאַר די פּוילישע ייִדן און דורכויס אָנגעטראָפֿן אויף פֿאַרמאַכטע טירן און פֿאַרשלאָסענע הערצער. זײַן פֿרײַוויליקער טויט אויס פּראָטעסט קעגן דער גלײַכגילטיקייט צו ייִדי־שע לײַדן, האָט ניט אויפֿגעטרייסלט דאָס געוויסן פֿון דער וועלט. טשער־טשיל, רוזוועלט און זייערע קאָמאַנדירן, האָבן געטראַכט דאָס זעלבע וואָס מיכאַילאָוו — מיר טאָרן ניט ווײַזן דער וועלט, אַז מיר ראַטעווען ייִדן, דאָס קאָן דעמאָראַליזירן די סאָלדאַטן... — „מיר האָבן ניט קיין אַוויאַנען פֿאַר הומאַניטאַרישע צוועקן", האָט אים ציניש דערקלערט אַ גענעראַל...

די קריסטלעכע וועלט איז געבליבן טויב און שטום צו די ייִדישע הילפֿסרופֿן. די סאָוועטישע — איז געגאַנגען נאָך ווײַטער, נאָך נענטער צו היטלערן ימח־שמו. נאָך פֿאַר דער מלחמה, באַלד נאָכן ריבענטראָפּ־מאָלאָ־טאָוו־פּאַקט, האָט סטאַלין אָנגעהויבן אַ „טשיסטקע" פֿון ייִדן אין זײַנע דירעקטיווע אינסטאַנצן. בעת דער מלחמה און נאָך איר, האָט ער עס גע־טאָן נאָך מיט מער אײַפֿער. מאָסקווע האָט געפֿאָדערט „אָפּהיטן דעם ר ו ־ ס י ש ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר פֿון די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן און פֿון זייערע

קאַדרען״. דײַטשלאַנד האָט געקעמפֿט פֿאַרן זעלביקן ציל: פֿאַר אָפּהיטן דעם אַרישן כאַראַקטער פֿון דער גאַנצער וועלט, אויסרײַסן מיטן וואָרצל יעדן שפּור פֿון ייִדישן גײַסט, אויסרייניקן די אַרישע קולטור פֿון ייִדישע מענטשן... ביידע עקסטרעמען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן...

אין דעם פּונקט האָט געהערשט אַן איינשטימיקייט, וואָס איז געווען צום הארצן אַ סך עלעמענטן, און וואָס האָט געפֿונען אַ סך אָנהענגער ניט נאָר אין דעם גאָטפֿאַרכטיקן וואַטיקאַן, נאָר אויך אין דער גאָטלאָזער מאָסקווע, און אין די דעמאָקראַטישע לענדער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין קריסטלעכן גײַסט. דאָס ייִדישע לעבן איז געוואָרן הפֿקר מיט אַלעמענס הסכּם, ווי דורך אַ ניט־געשריבענעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך זענען אַלע געווען קעגן ייִדן, פֿון עקסטרעם רעכטס ביז עקסטרעם לינקס, פֿון בפֿירוש־דיקע אַנטיסעמיטן ביז אויפֿריכטיקע הומאַניסטן — צו וועלכע עס קען צוגערעכנט ווערן דער קאָמאַנדיר מיכאַילאָוו — וועלכער האָט מקרבֿ געווען די ייִדן, כּדי ניט צו „דעמאָראַליזירן״ די סאָלדאַטן, וועלכע זענען פֿאַרסמט מיט פֿאָראורטיילן קעגן ייִדן.

בלויז יחידי־סגולה האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן אויף צו ראַטעווען ייִדן — די חסידי־אומות־העולם — און אויך אייניקע פֿעלקער, וועלכע האָבן מיט ווערדע און מסירת־נפֿש אויפֿגעהאַלטן דעם כּבֿוד פֿון נאָמען מענטש. עס זענען נאָך פֿאַראַן צדיקים אין סדום; די ערד איז נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרדאָרבן, און גאָט מעג נאָך האַלטן זײַן צוזאָג און ניט ברענגען קיין מבול. און פֿאַר קיינעם זענען ניט געווען קיין סוד די היטלעריסטישע פּלענער — פֿאַר די רוסישע קאָמוניסטן אַוודאי ניט — אַז דער מאַסנמאָרד פֿון ייִדישן פֿאָלק איז געווען ניט מער ווי אַ נאַציסטישע רעפּעטיציע צו אַ מאַסן־גענאָציד איבער די „נידעריקע״ ראַסעס, און צווישן זיי די סלאַוון, און די רעשטן פֿאַרשקלאָפֿן פֿאַרן זיגרײַכן „טויזנט־יאָריקן רײַך״.

דער קאָמאַנדיר מיכאַילאָוו איז ניט געווען קיין אַנטיסעמיט, און אפֿשר אויך ניט קיין קאָמוניסט. אָבער ער איז אַ מיליטער־מאַן און פּאַטריאָט וואָס פֿירט געטרײַ אויס די אוקאַזן פֿון גאָטשאַלסטווע.

„דו קוק ניט אויף מיר ווי אויף אַ פֿײַנד... [זאָגט ער צו גראָסן] איך וועל אָפּגעבן מײַן לעבן צו פֿאַרטיידיקן דיך, ווען דו וואָלסט איצט באַפֿאַלן געוואָרן... אָבער מיר וועלן זיך ניט שלאָגן פֿאַר אײַך אַלעמען"... (דאָרט, ז' 78).

ווען אין דעם דײַטשן אַרבעטס־לאַגער וואָלטן געווען קאַלמיקן, קיר־גיזן, גרוזינער, ווײַסרוסן, אָדער מענטשן פֿון אַ וועלכער ניט איז אַנדער נאַציאָנאַליטעט, וואָלט מיכאַילאָוו קיין רגע זיך ניט געוואַקלט, און געגאַנ־גען אין שלאַכט „פֿאַר זיי אַלעמען". דאָס וואָלט געווען אַ קלאַפּ פֿאַרן שונא און אַ סאָלידאַריטעט־אויסדרוק צו „סאָוועטישע מענטשן", וואָס וואָלט ניט געשטעלט אין געפֿאַר די מיליטערישע דיסציפּלין. נאָר ייִדן זענען פֿון דער דאָזיקער סאָלידאַריטעט געווען אויסגעשלאָסן. פֿאַרקערט, עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מין אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט קעגן ייִדן. דאָס איז דאָס טראַגישסטע פֿון דער ייִדישער לאַגע צווישן די אומות־העולם, וואָס בײַ געוויסע אומשטענדן קאָנען אויך ערלעכע מענטשן, אָן פֿאָראורטיילן, ווערן גלײַכגילטיק צום ייִדישן גורל.

מענדל מאַן גיט אַ געטרײַ און אַלזײַטיק בילד פֿון דער דינאַמיק פֿון לעבן, וואָס איז אויפֿגעטרייסלט געוואָרן דורכן ווולקאַן־אויסבראָך פֿון צווייטן וועלטקריג. דאָס האָבן אויך געטאָן אַנדערע שרײַבער, און עס איז פֿאַראַן אין אונדזער ליטעראַטור אַ צאָלרײַכע כראָניק פֿון דער עפּאָכע. דער גרויסער קינסטלערישער אויפֿטו פֿון מענדל מאַן באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַ קווערשניט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, און האָט מיט אַ שאַרפֿן פּסיכאָלאָגישן חוש, ווי מיט אַ בליץ, באַלויכטן די פֿינצטערע מלחמה־אַטמאָספֿער, און אין דעם ווירוואַר אַנטפּלעקט דעם אמתן פּרצוף פֿון פֿעלקער און פֿון מענטשן. אין זײַן שילדערונג דערשײַנט די העראָישע טראַגיק פֿון ייִדישן גורל, אַזוי פֿיל גרויסקייט פֿון נשמה, וואָס ווערט פֿאַרלאָרן אויף אַ פֿרעמדן באָדן!...

„ער [גראָס] האָט געקוקט אויפֿן קאָמאַנדיר מיט גרויסע ייִדישע אויגן, אָפֿענע, ליכטיקע, אַזוי ווי איינער וואָס קוקט אַרײַן אין די נאַכטוואָלקנס ערבֿ אַ שטורעם.

מיכאַילאָוו האָט זיך צעלאַכט.
— לאַדנאָ, לאַדנאָ... ביסט אַ מאָלאָדיעץ... אַ פּאָליאַק־יעווריי...
דו ביסט אַן אַנדערער... איך קען ניט קיין ייִדן. דאָס זענען דאָך
מענטשן ווי אַלע. די מלחמה און די גערמאַנצעס האָבן אונדז פֿאַר־
דרייט די קעפּ... וועסט זיך ניט פֿונאַנדערקלייַבן... (דאָרט, ז׳ 77).

דאָס מאָראַלישע געוויסן האָט אַ ציטער געטאָן פֿאַרן אַרבל דעם גוטן רוס, און עס האָט אים אויף אַ רגע באַהערשט אַ צווייפֿל צי זײַן האַנדלונג איז אַ באַרעכטיקטע. די ייִדן „זענען דאָך מענטשן ווי אַלע!" און מען דאַרף זיי העלפֿן. אָבער עפּעס פֿון אַנטיסעמיטישן מיטאָס האָט אויך אים אָנגעשטעקט און ער זאָגט: „דו ביסט אַן אַנדערער"; אָבער די אַלע איבעריקע ייִדן, הייסט עס, זענען ניט אַזעלכע ווי דו... און צום סוף האָט ער די גאַנצע שולד אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די גערמאַנצעס און אויף דער מלחמה, וואָס „האָבן אונדז די קעפּ פֿאַרדרייט", און ער האָט אַזוי אײַנגעשטילט זײַן געוויסן, און פֿאַרענטפֿערט די שאלה...

אַלע האָבן אונדז פֿײַנט, — האָט געטראַכט גראָס — די דײַטשן, די רוסן, די פּויערים. די ערשטע מאָרדן, די אַנדערע פֿאַרדעכטיקן, די דריטע — די פּויערים — פֿאַרפֿאָלגן די ייִדן ווײַל די סאָוועטישע „וולאַסט" שלאָגט זיך צוליב די יעווריעס מיט די דײַטשן... דער כּוח־הטומאה פֿון היטלערן, ימח־שמו, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט טיף פֿאַרשטאַנען די איראַציאָנעלע כּוחות, וואָס אַפּערירן אין אומבאַוווסטזיין פֿון מענטשן. ווי אַ שרץ פֿון גיהנום מיט פּערווערסע טענדענצן, האָט ער גוט געקענט די פֿינצטערע כּוחות וואָס לויערן אין די קעלערן פֿון דער מענטשלעכער נשמה, און האָט מיט זײַן ראַסן־טעאָריע אײַנגעטיילט די וועלט אויף אַריער און ייִדן. דאָס איז געווען זײַן אַטאָמיש וואָפֿן וואָס האָט פֿאַרסמט אַ סך מוחות און אים געגעבן גוטע רעזולטאַטן, באַזונדערש אין רוסלאַנד און אין פּוילן. ער איז געווען זיכער, אַז מיט דעם וואָפֿן וועט ער אין געציילטע וואָכן געווינען אויף זײַן צד די רוסן, וועלכע זענען אין גרעסטן טייל פֿײַנטלעך געשטימט צום סאָוועטישן רעזשים, און האָט דערקלערט דעם

ראַטן־פֿאַרבאַנד אַ קריג, קעגן דער וואָרענונג פֿון זײַנע גענעראַלן און דיפּלאָמאַטן. — „רוס, דו שלאָגסט זיך פֿאַר די ייִדן! דײַנע קאָמאַנדירן זענען זשידעס!“ האָבן אים ניט געגעבן קיין ענדגילטיקן זיג, אָבער ער האָט געוווּנען שותּפֿים פֿון אַלע מינים אין קאַמף קעגן די ייִדן, פֿון אײַנגעבוירענע אַנטיסעמיטן ביז סתּם נאַיִווע לײַכטגלייביקע מענטשן...

דער פּסיכאָלאָגישער אַספּעקט פֿון קריג האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער מלחמה־סטראַטעגיע פֿון די נאַציס, און עס איז אַ גרויסער אויפֿטו פֿון מענדל מאַן, וואָס ער ווײַזט אָט די פּסיכישע עפּידעמיע אין אַלע אירע שאַטירונגען און ניואַנסן, און ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער נשמה פֿון יחידים און פֿון מאַסן. די מלחמה־ליטעראַטור, וואָס פֿאַרזעט אָט די פֿאַזע פֿון קאַמף, האָט געגעבן נאָר אַ דרויסיק בילד פֿון די געשעענישן. מענדל מאַן האָט אונדז געוויזן די אַנאַטאָמיע פֿון אָט דעם קרענקלעכן פּראָצעס, וואָס האָט דעמאָראַליזירט די מענטשלעכע גײַסטער, און זײַן מלחמה־טרילאָגיע גייט אַרויס פֿון די ראַמען פֿון דער עפּאָכע און ווערט אַ דראַמע פֿון מענטשלעכן מין, אין וועלכער אויפֿן ייִדן איז אויסגעפֿאַלן די טראַגישסטע ראָלע.

עטלעכע וויאָרסט פֿון דער וואַלדבאַזע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זשילינען און מיכאַילאָוון, האָט זיך געפֿונען אַ פֿאַמיליען־לאַגער פֿון סמאָלענסקער ייִדן. געווען דאָרט פֿרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וואַלדגריבער פֿון אַ בערגיקער געגנט. נאָר אַ קליינע גרופּע מענער זענען געווען באַוואָפֿנט מיט נאַגאַנעס און עטלעכע ביקסן. ווען די פּויערים פֿון שכנישן דאָרף נאַדיעזשדינאָ האָבן זיך דערוווּסט, אַז די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער וועלן ניט פֿאַרטיידיקן די ייִדן, האָבן זיי זיך באַוואָפֿנט מיט העק, מעסערס אוןווידלעס, זענען אַוועק צום לאַגער, און זיך פֿאַרטײַעט הינטער די אַרומיקעביימער, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון געוועזענעם קאָלכאָזנעם פּרעדסעדאַטעל. איינער פֿון זיי איז אַרויס פֿאָרויס מיט אַ געשריי: — ברידער! ברידער!... דײַטשן זענען באַפֿאַלן זשילינס

מענטשן! זייַן באַזע דאַרף הילף! ער האָט מיך געשיקט צו אייַך! העלפֿט סאָוועטישע מענטשן!...

זענען די מענער געלאָפֿן העלפֿן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. מיט זיי זענען אויך מיטגעגאַנגען עטלעכע פֿרויען, און ווי נאָר די באַוואָפֿנטע האָבן זיך דערווייַטערט, און עס איז שטיל געוואָרן, זענען די פּויערים אַרויס פֿון די קוסטעס און דורכגעפֿירט אַ שחיטה איבער די זקנים, פֿרויען און קינ־דער. צעשטיקלט די קערפּערס, קיין איינעם ניט געלאָזט מיטן לעבן...

ווי זאָל מען פֿאַרשטיין אַזאַ שוידערלעכע רציחה אויף אומבאַוואָפֿנטע מענטשן, וועלכע האָבן ווי פֿאַרפֿאָלגטע חיות זיך אויסבאַהאַלטן פֿון אַ געמיינזאַמען שׂונא? מענדל מאַן גיט עס אונדז צו פֿאַרשטיין אויף זייַן אופֿן. ער קוקט אַרייַן אין נשמה פֿון מענטשן און זעט די גיפֿטיקע פֿלאַנצן, וואָס שטעקן דאָרט פֿאַרוואָרצלט. פֿאַקטן זאָגן נאָך גאָרניט; מען דאַרף זען די סיבות, די באַוועגקרעפֿטן פֿון די מענטשלעכע מעשׂים, וואָס ליגן פֿאַר־טייַעט ווי די רוצחים צווישן די קוסטעס, אין די קעלערן פֿון מענטשלעכן וועזן. לאָזט ער ריידן אַן אַלטע פּויערטע, וואָס גיסט אויס איר ביטער האַרץ פֿאַר אַ יונגער דאָקטערין פֿון דער פּאַרטיזאַנער־באַזע:

„— דו, טאָכטער פּראַוואָסלאַוונע, מען זאָגט אַז צוליב די זשי־דעס סטראַדאַיען מיר... זיי האָבן די סאָבאָרן די פּראַוואָסלאַוונע צעראַבירט... זיי האָבן אונדזערע פֿאַרפֿירט... געמאַכט זיי פֿאַר אַנטי־כריסטן, פֿאַר באַלשעוויקעס... איצט איז געקומען דער שטראָפֿער. ער קומט פֿון דער גערמאַנסקער ערד. די אַנטיכריסטן באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער. אונדזערע מוזשיקעס האָבן שוין די אייגעלעך געעפֿנט. מען טרייַבט זיי. מען גיט זיי איבער צו גאָטס משפּט. אָר־מעטום זענען זיי, די אַנטיכריסטן. זיי זענען צווישן די פּאַרטיזאַ־נער"... (דאָרט, ז' 97).

דאָס האָבן אויפֿן פּאַרפֿעסטיקטן באָדן פֿון דעם אַלטן קריסטלעכן מי־טאָס ברייט זיך צעוואַקסן די גיפֿטיקע בלומען פֿון דער נאַצישער פּראָ־פּאַגאַנדע און פֿון דער סאָוועטישער שׂינאה. יעדער איינער לייגט אַרייַן אין דעם מיטאָס זייַנע געפֿילן, און פֿאַרענטפֿערט מיט אים די אויסבראָכן פֿון

זײַן צאָרן. „צוליב די זשידעס סטראַדאַיען מיר", האָבן די מוזשיקעס שוין „די אייגעלעך געעפֿנט", און פֿירן דורך איבער די ייִדן „גאָטס מישפּט"... דער פויער האָט געליטן פֿון די דײַטשן און פֿון די סאָוועטן, האָט ער אויס־געלאָזן דעם כּעס צו די ייִדן, די אַנטיכריסטן, וואָס האָבן „די צערקוועס צעראַבירט". אין יעדער עפּאָכע און בײַ יעדן איינעם נעמט אָן דער מי־טאָס אַן אַנדער געשטאַלט, אָבער ער האָט שטענדיק איין ציל: געפֿינען אַ שעיר־לעזאָזל, אויף וועמען די שולד אַרויפֿצוואַרפֿן...

מענדל מאַן שילדערט די דערפֿאַרונגען פֿון זײַן אייגענעם לעבן; אָבער ער האָט יעדער איבערלעבונג געגעבן אַ פֿולן קינסטלערישן אויסדרוק, און יעדע שפּירונג אַנגעטאָן אין לעבעדיקע געשטאַלטן. ער האָט אונדז געלאָזט פֿילן די פּסיכישע אַטמאָספֿער פֿון דער עפּאָכע, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט גיפֿטיקע גאַזן, און די פֿאַקטן זענען געוואָרן סימבאָלן פֿון אַ קינסטלערישן אמת, וואָס ווײַזט, אַז דאָס וואָס איז געשען האָט געמוזט געשען, ווי אַ לאָגישער פּועל־יוצא פֿון אומצאָליקע פֿאַקטאָרן, וואָס וואָרצלען אין יאָרטויזנטער און אין די טיפֿסטע געאָלאָ־גישע שיכטן פֿון מענטשן.

מיר האָבן ביז איצט שוין גענוג געזאָגט וועגן אונדזער ערשטער טע־מע: „דער גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם", אין דער אָפּשאַ־צונג פֿון מענדל מאַנס מלחמה־טרילאָגיע. אָבער מיר וועלן פֿאַרזעצן אונד־זער אַנאַליטישן שפּאַציר איבער די דראַמאַטישע געשעענישן פֿון הויפּט־העלד, ווײַל יעדער „עפּיזאָד" וועלכן ער דערציילט, וואַרפֿט אַ שײַן אויף אַ נײַעם אַספּעקט פֿון דער וועלט־קאַטאַסטראָפֿע, אין וועלכער ס'איז אומגע־קומען אַ דריטל פֿון ייִדישן פֿאָלק; דעקט אויף אייניקע דערשײַנונגען, וועלכע זענען ביז איצט געווען אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן שלייער, און פֿאַרענטפֿערט אַ סך פֿראַגעס, וועלכע זענען נאָך עד־היום ניט אויפֿגעקלערט געוואָרן, ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען עס זאָל זיך אײַנשטעלן אַזאַ אידעיִשע האַרמאָניע איןביידע עקסטרעמען — פֿון דײַטשן נאַציזם און פֿון

רוסישן קאָמוניזם — אין דער באַציִונג צו ייִדן, וואָס האָט זיך אויך אויס־געשפּרייט אויף אַ גרויסן טייל פֿון דער קריסטלעכער וועלט.

איך האָב אויבן דערמאָנט, אַז צוויי ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן גע־וואָלט צושטיין צו זשילינס גרופּע; אָבער דער פּאָליט־קאָמיסאַר האָט זיי געשיקט אויפֿרײַסן די שכנישע באַנבריק, ווי אַ תּנאַי אָנגענומען צו ווערן אין דער איינהייט. זיי האָבן געבעטן צו הילף נאָך אַ פּאָר מענטשן, אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט. ווי נאָר די צוויי ייִדן זענען אַרויס פֿון וואַלד, האָט זיי בײַם דאָרף נאַדיעזשדינאָ אַ פֿויער פֿאַרמסרט פֿאַר אַ דײַטשן פּאַטראָל וואָס איז אין דעם מאָמענט פֿאַרבײַגעפֿאָרן. איין ייִדן האָבן די דײַטשן גע־כאַפּט און גלײַך אויפֿגעהאַנגען אויף אַ בוים, און צוגעקלעפּט אַן אויפֿשריפֿט אויף דער ברוסט: „זשיד!"... דער צווייטער, מאַרק כינאָי, אַ ייִד פֿון באַ־ריסאָוו, האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן. ער האָט נאָר באַמערקט, אַז דער מסר איז געווען אַ נידעריק פויערל, וואָס האָט געהונקען אויף איין פֿוס. כינאָי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און דאָרט אָנגעטראָפֿן דעם פֿאַמיליען־לאַגער פֿון די סמאָלענסקער ייִדן. צוויי פֿון זיי האָבן אים באַגלייט צו דער באַנסטאַנציע, און זיי האָבן אויפֿגעריסן די בריק. צוריקגייענדיק אויף צו מעלדן זשילינען, אַז זיי האָבן אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל, זענען זיי אַרײַן אין דאָרף און דערזען אַ חתונה אין אַ פויערשער כאַטע. כינאָי איז אַרײַן אינעווייניק, און די צוויי זענען געבליבן בײַ דער טיר. דערזען די באַ־וואָפֿנטע האָט מען דעם אַרײַנגעקומענעם אויפֿגענומען פֿרײַנדלעך.

אַ הינקענדיקער פויער אין אַ קורץ פעלצל, איז צוגעקומען צום גאַסט מיט אַ פֿלעשל אין האַנט: — „גיב אַ זשליאַקע, פֿאַרשעם ניט דעם חתן". כינאָי האָט אים גלײַך דערקענט, דאָס איז געווען דער פויער, וואָס האָט זיי פֿאַרמסרט פֿאַרן דײַטשן פּאַטרול. ער האָט געזען ווי דער הינקעדיקער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם דײַטשן שליטן, עפּעס אײַנגערוימט די סאָל־דאַטן, אָנגעוויזן אין זייער ריכטונג און גלײַך זיך אָפּגעטראָגן. ער האָט אים דערקענט לויטן הינקען.

— ווער איז דאָ דער חתן? [פֿרעגט כינאָי].

„—ווער? אַ שיינע מעשׂה! דו דערקענסט דען ניט? דו דער־קענסט ניט דעם „זשעניך״ לויט די אייגעלעך די גליקלעכע, די גלאַנציקע?... עך, דו קענסט זיך ניט אויף אונדזער נאַראַד? דו פֿאַרשטייסט זיך ניט אין אַזעלכע זאַכעלעך... נו, טרעף, ווײַז אָן ווער פֿון די באַביאַנקעס איז די כּלה... דערקען דאָס גאָט־געבענטשטע פּאַרל... נו, דאַוואַי, דערקען!״... (דאָרט, ז׳ 95).

דער הינקעדיקער האָט גענומען אַן איבעריק גלעזל און האָט אָן אויפֿ־הער געפּלאַפּלט. „איך דערקען, איך דערקען דיך״... האָט געזאָגט כּינאַי. „קום, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן״. ער האָט דעם „זשעניך״ אַרויסגעפֿירט אויף דער גאַס, און אים אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ...

די דרײַ באַוואָפֿנטע מענער זענען נאָך דעם אַרײַן אין וואַלד און ניט געוואָרן.

די קורצע דראַמאַטישע סצענע איז מלא חן, און איז באַזונדערש כאַ־ראַקטעריסטיש פֿאַר מענדל מאַנס קינסטלערישן סטיל. מען דאַרף זײַן אַ גרויסער מײַסטער אויף אויסצומאָלן אַ סיטואַציע, ווײַזן אַ נשמה־צושטאַנד פֿון אַ מענטשן, און יעדן העלד צו לאָזן ריידן מיט ז ײַ ן שפּראַך, פּונקט ווי דער מחבר זאָל האָבן אַרײַן אין זײַן הויט. אַזוי, און ניט אַנדערש, האָט געדאַרפֿט ריידן דאָס כּיטרע פּויערל, וואָס איז געווען אַ באָלשעוויק און גלײַכצײַטיק געדינט די דײַטשן, און אַפֿילו אַן אַנגעזשליאָקעטער האָט ער ניט פֿאַרגעסן אַרײַנצוזאָגן דעם גאַסט, אין וועלכן ער האָט זיכער דער־קענט אַ ייִדן: „דו קענסט זיך ניט אויף אונדזער נאַראַד״... און דער: „—נו, דאַוואַי, אוזנאַי, דערקען, ווער פֿון די באַביאַנקעס איז די כּלה?״... דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער מענטאַליטעט און פֿאַרן פּויערישן לשון, און נאָך מער פֿאַר דער האָפֿערדיקער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויף דער פּויערישער חתונה.

די געשיכטע האָט זיך אויסגעלאָזן מיט זייער טראַגישע קאָנסעקווענצן. די פּויערים זענען אויפֿן צווייטן טאָג אַוועק מיט אַן אָנקלאָגע אין שטאַב פֿון דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט. דער ראָש המדברים איז געווען דער פּרעד־

סעדאַטעל פֿון נאַדיעזשדינאַ. „אײַערע מענטשן — האָט ער געזאָגט צום קאָ־מאַנדיר און פּאָליט־קאָמיסאַר — האָבן דערשאָסן אונדזער קאָלכאָזנעם חשבון־פֿירער, מיכאַיליוק. אַ קאַנדידאַט אין פּאַרטיי געווען, אַ ליכטיקער גן־עדן אים... מיר שטעלן צו עסן פֿאַר די פּאַרטיזאַנער, און איר מאָרדט אונדז און נאָך צוגענומען בײַ דעם דערמאָרדטן דאָס פּעלצל... דאָס איז אַ שאַנד פֿאַר די פּאַרטיזאַנער"... ער האָט דערקענט מאַרק כינאַיען און אָנגעוויזן אויף אים: „דאָס איז דער מערדער!"... „יאָ, דאָס איז ער, ווי גאָט איז אונדז ליב!" האָבן צוגעגעבן זײַנע באַגלייטער...

די פּויערים זענען אַוועק. זשילין האָט זיך אָנגעצונדן. „דאָס איז באַנ־דיטיזם!" האָט ער געשריִען. „אַנאַרכיע שפּרייט איר... דאָס איז שינאה צו דער באַפֿעלקערונג! אײַך דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז קעגן אײַך!... יעדער פֿרעמדער איז אין אײַערע אויגן אַ מערדער!"...

כינאַי האָט פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען ווי דער הינקעדיקער האָט זיי אויסגעגעבן צו די דײַטשן; ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן, אָבער זײַן חבֿר האָבן זיי געכאַפּט און געהאָנגען...

דער קאָמיסאַר האָט זיך ניט צוגעהערט צו זײַנע ווערטער. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער פֿאַררופֿן אַ זיצונג פֿון שטאַב, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטראָפֿן די מערדער פֿון מיכאַיליוקן. נאָר בעמענדיק אין אַכט, אַז זיי האָבן דורכגעפֿירט אַ דיווערסיע־אַקט קעגן די דײַטשן, וועלן די צוויי סמאָלענסקער אַרויסגעטריבן ווערן פֿון פּאַרטיזאַנער־ראַיאָן און דער דריי־טער, מאַרק כינאַי, וועט דערשאָסן ווערן.

זשילין האָט דערבײַ געטראַכט:

„מאָרגן, אַז די מענטשן זײַנע וועלן געפֿינען אין די וועלדער אויפֿרופֿן, געוואָרפֿענע פֿון דײַטשישע עראָפּלאַנען מיט גרויסע אויפֿ־שריפֿטן: „רוס, דײַן קאָמאַנדיר איז אַ זשיד! דו שטאַרבסט פֿאַר זשי־דעס און באָלשעוויקעס! דו לײַדסט צוליב זיי! [וועט ער זיי ווײַזן די אויפֿרופֿן און זאָגן:] זעט, רוסישע מענטשן, דעם שווינדל. אָט ווי זיי נאַרן די דײַטשן! ווער איז דען דאָ אַ זשידאָווסקי קאָמאַנדיר? איך אָדער מיכאַילאָוו? ווער באַשיצט דען די יעווריעס? אָט דאָס

הייסט אָפּטעמפּן די שאַרף פֿון זייערע [די דײַטשע] פֿײַלן״...
(דאָרט, ז׳ 112).

זאָלן, הייסט עס, די מענטשן זען און זיך איבערצײַגן, אַז מיר זענען ניט קיין זשידעס, אַז מיר שאַנעווען ניט קיין ייִדן און באַשיצן זיי ניט. די דײַטשן שלאָגן זייערע ייִדן, מיר שלאָגן אונדזערע ייִדן... אַזוי האָט דער פּאָליט־קאָמיסאַר, זשילין, באַשטימט „אָפּטעמפּן די שאַרף״ פֿון שונאס פֿײַלן מיטן בלוט פֿון אַ ייִדן. עד האָט געדאַרפֿט אַ ייִדישן קרבן, כּדי זיך צו פֿאַרזיכערן די מיטאַרבעט פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, וועלכע איז געווען פֿאַרסמט מיט שינאה צו ייִדן, און האָט אַזוי אַרום באַרעכטיקט דעם פֿאַרברעכן. עס האָט ניט געהאָלפֿן דער העראָיזם, וועלכן דער ייִד האָט אַרויסגעוויזן אין קאַמף קעגן די דײַטשן, דער קאָמיסאַר האָט ניט פֿאַראַרדנט קיין שום אויספֿאַרשונג, ער האָט אפֿשר אַפֿילו ניט געצווייפֿלט אַז מיכאַיליוק האָט געדינט די דײַטשן. אין דעם מאָמענט האָט ער ניט געדאַרפֿט קיין ייִדישן העלד; אַ טויטער ייִד האָט אים אין דעם פֿאַל געקאָנט ברענגען מער נוצן, און ער האָט אים פֿאַר־מישפּט צום שיסן. דאָס איז געווען אין הסכּם מיט דער פּסיכאָלאָגי־שער סטראַטעגיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿון די „העכערע קרײַזן״, און וואָס איז געטרײַ אויסגעפֿירט געוואָרן דורך די קאָמיסאַרן און קאָמאַנדירן, און איז געווען צום האַרצן די ברייטע מאַסן, וועלכע זענען דורך די מיטאָסן פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן פֿאַרבלענדט געוואָרן מיט פֿאַר־אורטיילן קעגן ייִדן.

די היסטאָרישע טראַגיק פֿון ייִדישן גורל צווישן די אומות־העולם, איז אין דעם פֿאַל געקומען צום העכסטן אויסדרוק אין דער סאָלידאַריטעט פֿון ביידע צדדים אין קאַמף, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם ייִדן ווי אַ צילברעט אויף צו טרעפֿן איינער דעם צווייטן. איינער האָט געטענהט: — איך גיי באַפֿרײַען די וועלט פֿון ייִדן, און דיך, רוס, בין איך קיין שלעכטס ניט אויסן!... די קאָמוניסטישע דיאַלעקטיק האָט צוריקגעוואָרפֿן דעם נאַצישן אַרגומענט, ווי אַ בומעראַנג: — מיר באַפֿרײַען זיך אַליין פֿון די ייִדן, און

דאַרפֿן אײַך ניט האָבן... ביידע עקסטרעמען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן און פֿאַרוואַנדלט אין אַ צילברעט דעם ייִדן.

דער פּאָליט־קאָמיסאַר, ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש זשילין, איז ניט געווען קיין וווּלגאַרער אַנטיסעמיט, וואָס האָט סתּם פֿײַנט געהאַט ייִדן. ניין, ער איז געווען אַ געטרײַער דינער פֿון רעזשים, אַ טיפּישער מוסטער פֿון אַן „אַפּאַראַטשיק", אַ ביוראָקראַט, וואָס האָט דעם נאָמען יאָסיף וויסאַריאָנאָ־וויטש סטאַלין אַרויסגערעדט מיט אַ הייליקן ציטער, מיט אַ געפֿיל פֿון ייִראת־שמים. די קינסטלערישע אינטויִציע פֿון מחבר ווײַזט אונדז אַ „טיפּ" וואָס איז אין זיך כּולל די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דעם קלאַס, וואָס הערשט הײַנט אין רוסלאַנד מיט אַן אײַזערנער האַנט. זײַן פּאָליטישע „לי־ניע" באַשטימט די פּאַרטיי, ער האָט צו איר אַ בלינדן צוטרוי; אָבער ער האָט זײַנע טיף־פֿאַרוואָרצלטע אידעיִשע פּרינציפּן און נאַציאָנאַלע סענטי־מענטן, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין דער אָפּשאַצונג פֿון אַ בילד פֿון אַ ייִדישן מאָלער, וואָס האָט געוויזן ווי אַ סאָלדאַט מיט ייִדישע פּנים־שטריכן, הייבט אויף אַ פֿאָן פֿון נצחון איבערן האָקנקרייץ. — אַזאַ פּנים דאַרף זײַן רוסיש! האָט קאַטעגאָריש געזאָגט דער קאָמיסאַר; אויב ניט באַקומט זיך אַן אײַנדרוק, אַז דעם זיג איבערן שׂונא „האָלט אָפּ אַ צווייטע נאַציע"...

דער פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין האָט, ווי געזאָגט, טיף פֿאַרוואָרצלטע נאַ־ציאָנאַלע געפֿילן, און דאָס איז נאַטירלעך פֿאַר אַ רוסישן מענטשן, וואָס האָט ליב זײַן פֿאָלק און זײַן לאַנד. אויך דער פּוילישער ייִד, מנחם, וואָס איז צופֿעליק פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם לאַנד, איז „אָנגעשטעקט" גע־וואָרן מיט אַזעלכע סענטימענטן. אין זשילינס נאַציאָנאַליזם לאָזט זיך אָבער פֿילן אַ גאַווהדיקער טאָן פֿון סופּעריאָריטעט, וואָס דערמאָנט דאָסטאָיעוו־סקין, וועלכער האָט גלאָריפֿיצירט דעם סלאַווישן גײַסט און געפּריידיקט, אַז „דאָס רוסישע פֿאָלק איז פֿאַרויס באַשטימט פֿון דער השגחה צו זאָגן אַ נײַ וואָרט דער מענטשהייט". („דניעוונִיק פּיסאַטיעליאַ").

די דאָזיקע מעסיאַנישע שליחות האָט טיפֿע וואָרצלען אין באָוווסט־

זײַן פֿון געוויסע פֿאָלקסשיכטן און ווערט סטימולירט דורכן סאָוועטישן רעזשים, און דאָסטאָיעיווסקי איז הײַנט געוואָרן די עוואַנגעליע פֿון דער רוסישער יוגנט. אין זײַן באַרימטער רעדע וועגן פּושקינען, וואָס איז אין זײַן צײַט מיט התלהבות אויפֿגענומען געוואָרן דורך די געבילדעטע קלאַסן פֿון לאַנד, זאָגט דאָסטאָיעווסקי:

— די רוסישע נשמה, דער זשעני פֿון רוסישן פֿאָלק, מאַכן אים פֿעיִקער ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, אויף אויפֿצונעמען די אידעע פֿון אייניקייט פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, פֿון ברידערלעכער ליבשאַפֿט... טראַגנדיק אין זיך די קראַפֿט פֿון גײַסט און ליבע צום מענטשלעכן מין, וועלן מיר געבן אַ ריכטונג דער וועלט... די קראַפֿט פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן גײַסט איז די אַספּיראַציע — אין איר לעצטן סך־הכל — צו אוניווערסאַליזם און הומאַניזם. פּושקין האָט דערפֿילט די צוקונפֿטיקע מיסיע פֿון אָט דער קראַפֿט. ער איז אַ פֿאָרויסגייער, אַ נבֿיא... ער האָט דערוויזן די אוניווערסאַליטעט און די ברייט־אַרומנעמענדיקע קראַפֿט פֿון רוסישן גײַסט אויף אַזאַ אופֿן, ווי ער זאָל פֿאָרויסזאָגן די צוקונפֿט פֿון רוסישן זשעני אין גורל פֿון דער מענטשהייט, צווישן וועלכער ער ווירקט ווי אַ פּרינציפּ פֿון אייניקייט, אויפֿלעבונג און שלום...

אַזוי האָט דאָסטאָיעווסקי אַרײַנגעטײַטשט זײַן פֿילאָסאָפֿיע אין דער קינסטלערישער שאַפֿונג פֿון דעם גרויסן רוסישן דיכטער. דאָסטאָיעווסקי האָט ליב זײַן פֿאָלק, ער גלייבט אין אים. אָבער זײַן פּראַוואָסלאַווער יעזוס איז אומטאָלעראַנט צו אַלעמען, ער שליסט אויס אַלע אַנדערע; ער וויל אונטער זײַן קרייץ די וועלט פֿאַראייניקן. דערפֿאַר אויך דאָסטאָיעווסקיס פֿאַרביסענע שׂינאה צו ייִדן און זײַן עקשנותדיקער גלויבן, אַז נאָר „די קראַפֿט פֿון רוסישן גײַסט" וועט די וועלט דערלייזן. דער ייִד איז פֿאַר אים אַ „פֿרעמדער", וואָס וועט אין זײַן פּראַוואָסלאַווער וועלט זיך ניט אויפֿלייזן און זײַן ייִדיש־היסטאָרישע אינדיווידואַליטעט ניט פֿאַרלירן. און אין דער סאָוועטישער אימפּעריע פֿאַרטרעט יעזוסן — ד ע ר ר ע ז ש י ם,

און דערפֿאַר האָט עס דער פּאָליט־קאָמיסאַר אַזוי ענערגיש רעאַגירט אויפֿן בילד פֿון ייִדישן מאָלער, וואָס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז דעם זיג איבערן שונא „האָט אָפּגעהאַלטן אַ צווייטע נאַציע"...

לעניַן, און אַלע זײַנע נאָכפֿאָלגער, האָבן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָפּגעפּסקנט, אַז ייִדן זענען ניט קיין נאַציע, אַז זיי זענען ניט קיין פֿאָלק. זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, און דאַרפֿן זיך אויפֿלייזן אין בלוט פֿון די פֿעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן, אַז אין עט־לעכע דורות אַרום זאָל פֿון זיי קיין זכר ניט בלײַבן. אין רוסלאַנד דאַרפֿן זיי זיך ר ו ס י פֿ י צ י ר ן, און אין דעם זינען האָט דער רעזשים די אָפּע־נע אָדער באַהאַלטענע הסכמה פֿון אַ סך אויפֿריכטיקע הומאַניסטן, פֿון „ערלעכע אידיאָטן" און אַפֿילו פֿון „דיסידענטן", פֿאַר וועלכע אַ לעבעדיקער ייִד איז אַן עדות, אַז דאָסטאָיעווסקיס „אוניווערסאַליזם און הומאַניזם" איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן מיט צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יאָר צוריק דורך די ייִדישע נבֿיאים. אַ לעבעדיק און שעפֿעריש ייִדנטום וועט שטעלן אין שאָטן דאָסטאָיעווסקיס מעסיאַנישע שליחות פֿון וועלט־אויסלייזונג, און וועט אַ שטערונג פֿאַר די סאָוועטן.

— איירָאָפּע קאָן אונדז געבן וויסן, זאָגט דאָסטאָיעווסקי, אָבער ניט קיין דערציִונג פֿון גײַסט, קיין גײַסטיק ליכט, קיין באַלויכטונג פֿון דער נשמה, פֿון האַרצן, וואָס זאָל אָריענטירן דעם פֿאַרשטאַנד און אים ווײַזן אַ וועג אין לעבן — דאָס קאָן אונדז איירָאָפּע ניט געבן! און ווײַטער זאָגט ער מיט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרדראָס, אַז די רוסן לעבן מער מיט אויסלענדישער ליטעראַטור און מיט מערבֿ־אידעאַלן ווי די דײַטשן, למשל. זיי זענען גע־וואָרן אמתע איירָאָפּעער, און רעדן מיט מער ליבע פֿרעמדע שפּראַכן, ווי די אייגענע רוסישע שפּראַך. שילער, זאָגט ער, האָט באַקומען ווי אַ פּרע־מיע די פֿראַנצייזישע בירגערשאַפֿט, אָבער אין פֿראַנקרײַך האָבן אים גע־לייענט בלויז ליטעראַטור־ספּעציאַליסטן, און אין רוסלאַנד — דאָס גאַנצע געבילדעטע פֿאָלק... פֿון דעם מאַכט ער דעם אויספֿיר, אַז אָנגעזאָפּט מיט

דעם אוניווערסאַלן גײַסט פֿון דער מערבֿ־קולטור, וועט רוסלאַנד ווערן די טרעגערין פֿון אַן „אוניווערסאַלער אידעע פֿון פֿעלקער־פֿאַרברידערונג".

אָבער די אידעע פֿון „פֿעלקער־פֿאַרברידערונג" איז אויסגעוואַקסן געוואָרן אין ייִדישן האַרצן און איז אַ פּראָדוקט פֿון דער ייִדישער מחשבֿה, וואָס האָט זײַן יסוד אין דעם תּנך. דער תּנך האָט געגעבן דער מענטש־הייט די אידעע פֿון אַן אוניווערסאַלן גאָט, פֿון אַ פֿאָטער פֿון אַלע פֿעל־קער, וואָס פֿאַרבינדט מיט ליבשאַפֿט אין איין משפּחה אַלע מענטשן־קינ־דער. „זאָלסט ליבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין" איז אַן עיקרדיקער פּרינציפּ אין דער תּורה. די עשׂרת הדיברות, וועלכע בילדן דעם יסוד פֿון דער ייִדי־שער ציוויליזאַציע, האָבן פֿאַרמענטשלעכט דעם מענטשלעכן מין, אים באַפֿרײַט פֿון געצנדינסט, פֿון פֿאַרגעטערן דאָס לײַב, פֿון דינען בלינד דעם אימפּולס פֿון די אינסטינקטן. די ייִדישע קולטור האָט צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע פּראָקלאַמירט דעם קולט פֿון גײַסט קעגן קולט פֿון קערפּער, און דערהייבן די חשיבֿות פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אָן אונטערשייד פֿון קלאַסן און ראַסן, ווײַל דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן „בצלמו", אין דער געשטאַלט פֿון גאָט.

אַז ייִדן זענען די שעפֿער פֿון דער „ראַסן־טעאָריע" און באַטראַכטן זיך ווי אַן „אויסדערוויילט פֿאָלק", איז נאָך אַ פֿאָראורטייל, וואָס שטאַמט פֿון אַ פֿאַלשער אָדער בייזוויליקער אויסטײַטשונג פֿון אַ פּסוק אין תּנך. אין זײַן לעצט ווערק „מאָנאָטעיִזם און דער ייִדישער גלויבן" זאָגט פֿרויד, אַז אויב אַ קינד פֿילט אויס די פֿאַרלאַנגען פֿון פֿאָטער, פֿילט עס זיך ווי אַ באַליבט קינד בײַם טאַטן. און אַז אַ פֿאָלק צוימט אויס ליבע צו גאָט זײַנע אינסטינקטיווע אימפּולסן, פֿילט עס זיך ווי אויסדערוויילט בײַ גאָט־פֿאָ־טער, אין פֿאַרגלײַך מיט אַלע אַנדערע פֿעלקער, וועלכע דערפֿילן ניט זײַנע מאָראַלישע געבאָטן.

דער רמב"ם, איינער פֿון די גרויסע פּערזענלעכקייטן אין דער ייִדי־שער געשיכטע און פֿון דער גרעסטער השפּעה אין רעליגיעזן לעבן פֿון

פֿאָלק, האָט דעפֿינירט די ייִדן ווי „מיטגלידער פֿון אַבֿרהמס הויז, וואָס איז דאָס הויז פֿון גאָט". אַ גר אָבער, זאָגט ער, וואָס האָט אָנגענומען פֿרײַוויליק דעם ייִדישן גלויבן „שטייט נעענטער צו גאָט ווי אַ געבוירענער ייִד; ווײַל ער איז אַ מיטגליד פֿון גאָטס הויז דורך אייגענער איבערצײַגונג".

דערמיט האָט דער רמב"ם פֿעסטגעשטעלט צוויי עיקרדיקע קאָנצעפּטן פֿון יהדות: ערשטנס, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדנטום וואַרפֿט אָפּ קאַטעגאָריש דעם פּרינציפּ פֿון אַ וועלכער ניט איז ראַסן־סופּעריאָריטעט פֿון אַ פֿאָלק, און שטעלט דעם טראָפּ ניט אויפֿן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם פֿון מענטשן, נאָר אויף זײַן גלויבן און מאָראַלישע ווערטן. אַזוי אַז אַ גר — צו וועלכן פֿאָלק און ראַסע ער זאָל ניט געהערן — איז חשובֿער בײַ גאָט ווי אַ געבוירענער ייִד. און צווייטנס, אַז די ייִדישע בחירה־חופֿשית, דאָס אָפּוואַרפֿן די עבֿודה־זרה „דורך אייגענער איבערצײַגונג", איז אַ הויכע מדרגה פֿון דערקענטעניש, פֿון שעפֿערישן גײַסט, וואָס דערהייבט די חשיבֿות פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, און דערנעענטערט זי צום שעפֿער פֿון אַלע וועלטן.

דער „ראַסיזם" איז פֿרעמד דעם ייִדישן גײַסט, ער איז אויסגעוואַקסן ווי אַווילדגראָז אויף אַ פֿרעמדן באָדן, און איז צום העכסטן אויסדרוק געקומען אין נאַציזם און ווערט הײַנט קולטיווירט דורכן רוסישן אימפּעריאַליזם.

די אידעאַלן פֿון מענטשלעכער פֿרײַהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, פֿאַר וועלכע עס ווערט נאָך הײַנט פֿאַרגאָסן אַ סך בלוט, האָבן זייערע וואָרצלען אין דער אידעען־וועלט פֿון תּנך. אויף דער געבײַדע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער, אין ניו־יאָרק, וואָס סימבאָליזירט דעם אידעאַל פֿון „פֿעלקער־פֿאַרברידערונג", זענען אויסגעקריצט פּסוקים פֿון די נבֿיאים, וואָס פֿאָדערן „איבערשמידן די שווערדן אויף אַקעראײַזנס". די מערבֿ־ציוויליזאַציע אָטעמט מיט דער לופֿט פֿון תּנך, און די לײַדנדיקע מענטשהייט פֿון אונדזער יאָרהונדערט זוכט ניט קיין נײַע ווערטער, נאָר מעשׂים און

גוטן ווילן די נבֿיאישע אידעאַלן פֿון ליבשאַפֿט און פֿרידן צו פֿאַרווירקלעכן אין לעבן.

אָבער דער סאָוועטישער רעזשים, האָט אין הסכם מיט דאָסטאָיעווסקיס שאָוויניסטישער פֿילאָסאָפֿיע, באַשטימט צו געבן מיטן כּוח פֿון דער שווערד א „נײַע ריכטונג דער וועלט", וואָס איז פֿולשטענדיק אין סתּירה צום גײַסט פֿון נבֿיאישן הומאַניזם און פֿײַנטלעך צו דער עקסיסטענץ פֿון ייִדישן פֿאָלק. לויטן נבֿיאישן קאָנצעפּט דאַרף רעספּעקטירט ווערן ניט נאָר די חשיבֿות פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אַז אַפֿילו אַ קעניג טאָר זיך ניט האַלטן העכער ווי זײַנע אונטערטאַנער, ווי עס האָט געזאָגט משה אין ספֿר „דבֿרים"; נאָר עס דאַרף אויך רעספּעקטירט ווערן די נאַציאָנאַלע אידענטיטעט פֿון יעדן פֿאָלק.

דער נבֿיא עמוס זאָגט אין נאָמען פֿון גאָט: „אַזוי ווי די קינדער פֿון כּושים זײַט איר מיר, קינדער פֿון ישׂראל. אַזוי ווי איך האָב אַרויסגע־פֿירט ישׂראל פֿון לאַנד מצרים, אַזוי האָב איך געבראַכט די פּלישתּים פֿון כּפֿתּור, און ארם פֿון קיר" (עמוס ט—7). פֿאַר גאָט, הייסט עס, זענען אַלע פֿעלקער גלײַך, ווי צווײַגן פֿון איין גענעאַלאָגישן שטאַם; אַזוי די כּושים — די שוואַרצע אין אַפֿריקע — ווי די שטענדיקע שׂונאים פֿון ישׂראל, די פּלישתּים און אַרמער. ער האָט זיי באַפֿרײַט פֿון פֿרעמדער הער־שאַפֿט און געזיכערט זייער נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ אויף וועלכער יעדעס פֿאָלק איז באַרעכטיקט.

דאָסטאָיעווסקי האָט צוגעשריבן דעם סלאַווישן גײַסט די נבֿיאישע שלי־חות פֿון „פֿעלקער־פֿאַרברידערונג", וועלכע איז מיט ענטוזיאַזם אַדאָפּטירט געוואָרן דורך די הערשער פֿון קרעמל, און אין אַ נײַער ווערסיע זי פֿאַר־וואַנדלט אין אַ **פֿאַרברידערונג אונטער דער סאָוועטישער פֿאָן**. דער ערשטער אַקט פֿון דער „פֿאַרברידערונג" איז פֿאָר־געקומען בײַ דער קאָנפֿערענץ אין יאַלטאַ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די זיגער האָבן זיך אײַנגעטיילט מיט דער וועלט, די מיזרח־לענדער זע־נען צוגעטיילט געוואָרן צו דער רוסישער ספֿערע, אָבער מיטן באַדינג, אַז

די לענדער זאָלן בלײַבן נאַציאָנאַל אומאָפּהענגיק. גלײַך נאָך דער קאָנ־פֿערענץ האָבן סאָוועטישע דיוויזיעס אינוואַדירט די לענדער, און געמאַכט אַ סוף צו זייער זעלבשטענדיקייט. זיי האָבן אין בלוט דערשטיקט אַן אויפֿשטאַנד אין אונגאַרן, און ווען טשעכאָסלאָוואַקיע האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו גיין מיט אַן אייגענעם וועג און געבן דעם סאָציאַליזם אַ „מענטש־לעך פּנים", האָבן ווידער די רויטע דיוויזיעס דערשטיקט אין בלוט דעם „אָפּנייג", און באַדראָען איצט דעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט און דער רויטער פֿלאָט — די גאַנצע וועלט.

דאָסטאָיעווסקי איז דער גײַסטיקער פֿאָטער פֿון דער אתּה בחרתּנו־אָט־מאָספֿער, וואָס הערשט אין דעם הײַנטיקן רוסלאַנד. די זעלבע שאָוויניס־טיש־אַנטיסעמיטישע אַטמאָספֿער, וואָס האָט אַמאָל גענערט די „שוואַרצע מאה", וועלכע האָט דורכגעפֿירט פּאָגראָמען אויף ייִדן. פֿון זײַן אַרסענאַל שטאַמט עס, אַז „מי רוסקיִע ליודי" זענען דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל. אַ מין רוסישע ווערסיע פֿון דעם נאַציסטישן „האַרן־פֿאָלק". די הערשנ־דיקע קאַדרען פֿון דעם לאַנד — די אַלמעכטיקע קאָמוניסטישע ביוראָ־קראַטיע — איז דורכגעפּרעסן מיט אָט דעם גײַסט, און ווען דער פּאָליט־קאָמיסאַר, זשילין, שטויסט זיך אָן אויף אַ ווידערשטאַנד פֿון אַ ייִדישער דאָקטערין, צו וועלכער ער איז געווען ניט גלײַכגילטיק, וואַרפֿט ער איר פֿאָר, אַז „איר ציט צו די אייגענע... צו די פֿרעמדע... ניט רוסישע... ניט סאָוועטישע". אַ „בלוטבונד אַ געהיימער" בײַ זיי, האָט ער געטראַכט. ס'הייסט, אַז אַ ייִד איז אַ „פֿרעמדער", אַפֿילו ניט קיין „סאָוועטישער", און אַז עפּעס האָבן זיי אַ געהיימען „בלוטבונד" קעגן די רוסישע מענטשן, אַ פֿאַרשווערונג קעגן רוסישן פֿאָלק.

די דאָקטערין אַנאַ סאַמועלאָוונאַ קאַרינאַ איז די טאָכטער פֿון דער אַלטער ייִדישער פֿרוי, וועלכע איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דער ריי פֿאַר אַ שפּײַזקראָם אין מאָסקווע. זי האָט געאַרבעט אין אַ מאָסקווער שפּי־טאָל, און איז אין שטוב געווען די איינציקע פֿאַר וועמען די אַלטיטשקע

האָט אָנפּאַרטרויט אירע צרות וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין שטוב און אין גאַס. זי האָט געוווּסט פֿון די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין די צאַרישע צײַטן, און האָט פֿון די פֿאַרוווּנדיקטע ייִדישע סאָלדאַטן געהערט וועגן דער באַציִונג צו ייִדן אין דער סאָוועטישער אַרמיי און וועגן ייִדישן גורל בײַ די דײַטשן.

צופּעליק איז אַרײַן אין זייער שטוב מנחם, וואָס איז לײַכט פֿאַר־וווּנדיקט געוואָרן, און אַ קורצע צײַט געווען אין שפּיטאָל אויף היילונג. די אַלטע ייִדישע פּרוי האָט אין אים דערפֿילט אַן אייגענעם מענטשן. זי האָט גערעדט ייִדיש מיט אים, און אין האַרצן זיך געוווּנטשן אַזאַ מאַן פֿאַר איר טאָכטער. דער יונגער ייִדישער מאָלער איז אויך געווען צום האַרצן דער דאָקטערין און עס האָט זיך צווישן זיי פֿאַרבונדן אַ שטומע פֿרײַנד־שאַפֿט, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן קומען צום אויסדרוק. מנחם איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט, און אַנאַ פֿלעגט נאָר אויסשנײַדן זײַנע קאַריקאַטורן, וועל־כע זי פֿלעגט טרעפֿן אין די צײַטונגען, און זיי קלעפּן אין אַן אַלבאָם. מנחם פֿלעגט זי אויך אָפֿט דערמאָנען...

זשילין האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף דער ייִדישער דאָקטערין נאָך אין מאָסקווע. און ווען ער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ פּאָליט־קאָמיסאַר אין דער ווײַטער פּאַרטיזאַנער־איינהייט אין די בלאָטעס פֿון די סמאָלענסקער וועלדער, האָט ער פֿאַראָרדנט זי צו ברענגען. אין אַן אָפֿענעם עראָפּלאַן האָט מען זי געבראַכט אין אַ נאַכט, און זי האָט איבערגענומען די אָנ־פֿירונג פֿון דעם פֿעלד־לאַזאַרעט.

קורץ נאָך דעם איז פֿאָרגעקומען דער מישפּט איבער די ייִדישע פּאַרטיזאַנער, פֿון וועלכע איינער האָט באַקומען טויטשטראָף. ווען אַנאַ האָט זיך דערוווּסט דערפֿון האָט זי פֿאַרשטאַנען זשילינס כּוונה, און גע־ווען זיכער אַז כּינאַי איז אומשולדיק. זײַן חבֿר האָבן דאָך די דײַטשן גע־כאַפּט און אויפֿגעהאַנגען, און ער האָט נאָך דעם אַ בריק אויפֿגעריסן מיט דער הילף פֿון צוויי סמאָלענסקער ייִדן. זי האָט געוווּסט, אַז צווישן די פּויערים זענען פֿאַראַן אַ סך פֿאַררעטער וואָס העלפֿן אַרויס די דײַטשן אין

געיעג אויף די ייִדן. איז זי אַרײַן צום פּאָליט־קאָמיסאַר און אים געזאָגט:

„— ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש! כ'האָב געהערט וועגן אורטייל וואָס איר האָט אַרויסגעטראָגן. איר ווילט באַגיין אַ מאָרד איבער אַן אומשולדיקן. דאָס איז אַ מאָרד! דאָס וואָס איר טוט איז פֿון אײַער שוואַכקייט, איר ווילט געפֿעלן די נאַדיעזשדינער פּויערים, די אַלערלײַ פֿאַררעטער! דאָס איז קאַפּיטולאַציע ניט פֿאַר דײַטשן, נאָר פֿאַר זייערע אידעען! מאָרגן גייט איר אין שלאַכט. מאָרגן גיי איך אויך. ניט ווי אַ דאָקטערין נאָר ווי אַ זעלנער. איר דאַרפֿט גיין אין שלאַכט אַרײַן מיט ריינע הענט, ניט מיט פֿאַרבלוטיקטע פֿון אַ ברודערמאָרד! מיט אומריינע הענט קען מען ניט זיגן! מיר זענען שטאַרק, מיר וועלן זיגן ווײַל מיר זענען ריינע מענטשן, ווײַל מיר מאָרדן ניט. און איר ווילט מאָרדן!"... (דאָרט, ז' 116).

זשילין איז אויפֿגעשפּרונגען. „דאָס איז היסטעריע! — האָט ער געשריגן.

— אײַער באַקאַנטע היסטעריע... געזען זי בײַ אײַערע מענטשן. דאָס איז אומצוטרוי! פֿאַרראַט!... באַשולדיקן דעם פּאָליט־קאָמיסאַר אין מאָרד! מען דאַרף אײַך מישפּטן... מיר זענען אײַך פֿרעמד... ווען איר זײַט ניט קיין ייִדישקע וואָלט איר אַריבער צו די דײַטשן"... ער האָט זיך געוואָרפֿן צו איר, און זי האָט קוים זיך אַרויסגעדרייט פֿון זײַנע הענט.

שפּרעָץ אויף טאָג האָבן די דײַטשן אַטאַקירט די באַזע. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן, און די איינהייט איז צעשטויבט געוואָרן. אַנאַ האָט זיך געשלעפּט איבער די זומפּן צוזאַמען מיט עטלעכע פֿאַרוווּנדיקטע, אין אָוונט זענען זיי אַרײַן אין אַ כוטאָר. זי האָט געגעבן די ערשטע הילף די פֿאַרוווּנדיקטע און אַ מידע זיך אָוועקגעלייגט אויפֿן אויוון. אין מיטן דער נאַכט האָט אַ דײַטשע אָפּטיילונג זיך אַרײַנגעריסן אין כוטאָר און דערשאָסן די פֿאַרוווּנדיקטע. אַ פּויערטע האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער שלאָפֿנדיקער איר סאַראַפֿאַן. פֿאַר טאָג איז געקומען דער „סטאַרשע" פֿון שכנותדיקן דאָרף. ער איז געווען פֿאַר דער מלחמה אַ קאָלכאָזנער בריגאַדיר, וואָס האָט איצט געדינט די דײַטשן. ער איז געקומען מיט אַ פּאָליציאַנט, און האָט אַנאַן איבערגעגעבן אין די הענט פֿון די דײַטשן. „אַ פֿרעמדע פּלאָנטערט זיך אַרום אין כוטאָר — האָט ער געזאָגט — אפֿשר איז עס אַ זשי־

דאָווקע און אפשר ניט"... און אַזוי ווי מען האָט גאָרניט געקאָנט דערגיין פֿון דער אַרעסטירטער, האָט מען זי צוגעטיילט צו אַ מחנה יונגע פּויערטעס, וועלכע זענען מיט אַן עשעלאָן אַפּגעשיקט געוואָרן אויף שקלאַפֿן־אַרבעט קיין דײַטשלאַנד.

און דער אינזשעניר שמעון גראָס, וועלכן דער קאָמאַנדיר מיכאַילאָוו האָט ניט זייער גערן באַוויליקט אין זײַן אײנהייט, און וואָס האָט ווי אַ סאָלדאַט און ווי אַ ייִד, אויסגעטראָגן אויף זיך אַ טאָפּעלע לאַסט פֿון דעם שווערן פּאַרטיזאַנער־לעבן, האָט באַשלאָסן זיך דורכצורײַסן קיין פּוילן, איבער בלאָטעס, אין דער ריכטונג צו מערבֿ. דאָרט וועט ער טרעפֿן נאָענטע, אייגענע... די פֿרעמדקייט אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנער־אײנהייט האָט אים פֿאַרטריבן...

אָנהייב זומער 1944 איז מנחם געווען אויפֿן ווײַסרוסישן פֿראָנט. זײַן דיוויזיע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּאָלקאָווניק יעפֿימאָוו, האָט דורכגע־מאַכט אַ שווערע שלאַכט. כאַטשאַפּורידזע, וועלכן די סאָלדאַטן האָבן גע־רופֿן כאַטשאַפּ, איז געווען פּאָליט־קאָמיסאַר. בעת די מאַרשן איבער ווײַס־רוסלאַנד, איז מנחמען אויסגעקומען צו באַגעגענען אייניקע ייִדן, וואָס האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען פֿון דער נאַצישער אויסראָטונג. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט הילפֿלאָזיקע איבער די וועגן און אַרײַנגעקוקט אין די אויגן פֿון יעדן רוסישן זעלנער. — „איך בין אַ ייִד, אַ ייִד", פֿלעגט זיי מנחם אַרײַנשעפּטשען. ער פֿלעגט זיך אָפּזונדערן מיט זיי און צוריקקומען אַ דערשלאָגענער, מיט אַ פֿינצטערן פּנים. ער האָט געזען פֿאַרברענטע ייִדישע שטעטלעך, דערקענט סימנים פֿון געוועזענעם ייִדישן לעבן, אָבער ניט קיין לעבעדיקע ייִדן.

אַ ייִדישע פֿרוי האָט ער געטראָפֿן מיט אַ גרויען קאָפּ האָר, איז ער צו איר צוגעגאַנגען. גערעדט צו איר ייִדיש. זי האָט זיך דערפֿרייט מיטן ייִדישן זעלנער. האָט אָנגעהויבן דערציילן ווי די דײַטשן האָבן אויסגע־מאָרדעט די ייִדן פֿון שטעטל, און זיך ביטער צעוויינט. זי האָט אָנגעוויזן

אויף די אַרומיקע דערפֿלעך ווו עס האָבן זיך געררייכערט קוימענס. — „דאָרטן, דאָרטן, — האָט זי געזאָגט — זענען די מערדער, זיי האָבן גע־האַלפֿן די דײַטשן... דאָרט, בײַ דעם אַלכע־וועלדל ליגן אונדזעריקע״...

אויף דער צווייטער נאַכט זענען די דײַטשן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון זייערע טראַנשייען הינטערן אַלכע־וועלדל, און אין עטלעכע טעג אַרום איז יעפּימאָווס דיוויזיע געווען בײַ דער צפֿון־גרענעץ פֿון פּוילן, האַרט בײַ דער פּרײַסישער גרענעץ... „דו ביסט איצט בײַ זיך אין דער ראָדינע, אין פּאָלשע״ — האָט מנחמען געזאָגט ראַביצעוו, אַ פּויער פֿון הינטער פּערם. „די ערד איז דאָ אַ שוואַכע... ס׳טרעפֿן זיך גוטע ערטערלעך אויך... אָבער מיסטיקן דאַרף מען אַ סך״...

— דו ביסט אַ פּאָליאַק, מיכאַיל? — האָט ער געפֿרעגט. — ניין, אַ ייִד — האָט אים מנחם געענטפֿערט. — אַ ייִד פֿון פּוילן איז ניט קיין פּאָ־ליאַק? — אַמאָל איז עס געווען דאָס זעלבע. הײַנט איז עס שוין ניט דאָס זעלבע. ראַביצעוו האָט געצויגן מיט די אַקסלען און געפֿירט מיט דער דלאָניע איבערן שטערן. — זאָג מיר, פֿאַר וואָס האָט דער גערמאַניעץ אויס־געהרגעט די יעווריעס? מען זאָגט אַז עס איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן.

„מנחם האָט געשוויגן. וואָס זאָל ער זאָגן ראַביצעוון? וואָס זאָל ער זאָגן דעם רוסישן פּויער פֿון הינטער פּערם, דעם פּויער וואָס האָט אַ קאַלמיקיש פּנים, טאַטערישע אויגן און מאָנגאָלישן געשטעל? ער וואָלט געקענט זײַן אויף יענער זײַט פֿראָנט, צווישן די דײַטשן און וואַרפֿן זיך מיט אַ נאַקעטן באַגנעט אויף זײַנע אייגענע ברידער די רוסן און וואָלט קיין ציטער ניט געטאָן. ער וועט צו יעדער רגע, אויף יעפּימאָווס באַפֿעל גיין אין אַטאַקע קעגן די דײַטשן. און אַז מען וועט אים זאָגן — ראַביצעוו, ביסט פֿרײַ — וואָלט ער געלאָזן די אַקאַפּעס און אַוועקגעשפּאַנט צו פֿוס ביז פּערם. און אַז עמעצער וועט אים אַרײַנשעפּטשען אין די נעכט, אַז מנחם [דער ייִד] איז אין אַלעם שולדיק, וועט ער מנחמען דערווערגן. דער זעלביקער ראַ־ביצעוו וואָס וועט ניט איבערלאָזן אַ פֿאַרוווּנדעטן אויפֿן שלאַכטפֿעלד און וועט אײַנשטעלן דאָס לעבן אים צו ראַטעווען״.

(דאָרט, זז׳ 153—154).

ראַביצעוו, דער פויער פֿון פּערם, איז פֿון דער נאַטור ניט שלעכט. ער וועט איינשטעלן דאָס לעבן אויף צו ראַטעווען אַ חבֿר, ער וועט אויך העלפֿן אַ מענטשן אין נויט, און וועט מיט אַ הונגעריקן זיך טיילן מיטן ביסן. אָבער זײַן פּרימיטיווע נאַטור איז ניט אין שטאַנד זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן און לאָזט זיך פֿאַרפֿירן אויף פֿאַלשע וועגן. ער איז אַ מבֿין אויף פֿערד, און ווייס ווו מען דאַרף באַמיסטיקן דעם באָדן, אָבער ער פֿאַרשטייט גאָר־ניט אין פּאָליטיק און אידעאַלן. צו אַזעלכע אַבסטראַקציעס איז זײַן מוח ניט צוגעוווינט. ער קאָן ניט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס אַ ייִד פֿון פּוילן איז ניט קיין פּאָליאַק. און ווען ער זאָל זײַן אויף „יענער זײַט" פֿראָנט, וואָלט ער געשלאָגן די רוסן, און אַז מען וועט אים אָנרעדן אויף ייִדן וועט ער אַרויס־העלפֿן די דײַטשן. ער איז אַ לײַכטער קרבן פֿון אַלערליי מיטאָסן, בילבולים און פֿאָראורטיילן, און אין דעם איז די טאָפּעלע טראַגיק פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם, ער איז דער מאַרטירער, וואָס צאָלט מיטן לעבן פֿאַר דער אַלגעמיינער איגנאָראַנץ, וואָס ווערט אויסגענוצט דורך אַלע מינים דעמאַגאָגן — פֿון היטלערן ביז סטאַלינען — אויף צו פֿאַרוואַנדלען דעם ייִדן אין אַ שעיר־לעזאָזל.

אויך פֿאַרן פּאָליט־קאָמיסאַר, כאַטשאַפּורידזע, איז „דאָס ייִדן־פּראָבלעם" אַ רעטעניש. אָט איז ער אַ גרוזין און אויך סטאַלין איז אַ גרוזין, און די רוסן האָבן צו זיי אַ באַציִונג ווי צו אייגענע ברידער, און זיי פֿילן זיך ווי רוסישע מענטשן. אָבער די פּאָליאַקן און ייִדן קאָנען זיך ניט פֿאַרטראָגן. מוז דאָך עפּעס זײַן? ער דאַרף אַ דאָלמעטשער אין שטאַב, וואָס זאָל קאָ־נען פּויליש און דײַטש. אָבער ער האָט צו מנחמען ניט קיין צוטרוי. רופֿט ער אים און זאָגט: „הער, מיכאַיִל, דו ביסט אַ גראַמאָטנער, קאָנסט פּויליש, קאָנסט דײַטש. מען האָט זיך געפֿרעגט אויף דיר פֿון דער דיוויזיע, און דו שלאָנדערסט זיך אַרום איבער די גאַסן... לאָזט זיך אַרײַן אין געשפּרעכן מיט אומבאַקאַנטע, מיט ציווילע מענטשן. דו ביסט אַ גוטער סאָלדאַט... דו זוכסט אָבער געשפּרעכן מיט פֿרעמדע... דאָס איז געפֿערלעך... דאָס איז פֿאַרבאָטן!... עס איז פֿאַראַן ווער עס זאָל זיך אינטערעסירן מיט ציווילע,

מיט פֿרעמדע. דו ביסט אַ סאָלדאַט!..."'. ער האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און אומגעריכט געפֿרעגט:

„פֿאַר וואָס גיסטו ניט אָן קיין ווענדונג מען זאָל דיך אַריבערפֿירן אין די פּוילישע דיוויזיעס?" „מיר איז אַלץ איינס. איך קאָן אויך בלײַבן דאָ", ענטפֿערט מנחם. — „עס מוז דאָך זײַן אַ סיבה וואָס דו ווילסט ניט?" — „ער באַהאַלט זיך אוודאי אויס פֿון די אייגענע". האָט כאַטשאַפּ גע־טראַכט, און די רוסישע איינהייט איז פֿאַר אים אַן אַנטרינונג... נעכטן האָט ער אַרײַנגעקוקט אין מנחמס מיליטער־אַקטן, וועלכע זענען אָנגעקומען פֿון דיוויזיע. קיין פּחדן איז ער ניט, אָבער פֿאַר וואָס האָבן אַלע פֿײַנט די ייִדן? עס מוז דאָך עפּעס זײַן אין דעם! די פּאָליאַקן האָבן זיי אויך ניט ליב...

און ער דערציילט מנחמען, אַז דער אַלטער פּריץ, דער באַלעבאָס פֿון דעם הויז אין וועלכן דער שטאַב געפֿינט זיך, האָט אים געזאָגט:

„מיר, פּאָליאַקן, האָבן גאָרניט פֿאַרלאָרן... גאָרניט פֿאַרלאָרן אין דער מלחמה... יאַק באָגאַ קאָכאַם... פֿאַר די גערמאַנצעס האָבן מיר געהאַט אַן אינעווייניקסטע אָקופּאַציע פֿון אונדזערע זשידעס... אַז די גערמאַנצעס האָבן אונדז אָקופּירט, האָבן זיי אָבער אונדז באַ־פֿרײַט פֿון די זשידעס, זיי האָבן אָפּגערייניקט די שטעט פֿון ייִדן. די שטעט זענען פֿאַרפּוילישט געוואָרן. איצט זײַט איר, רוסן, אַרײַנגע־קומען אויפֿן אָרט פֿון די דײַטשן... [אַזוי אַז] מיר האָבן גאָרניט פֿאַרלאָרן, גאָרניט פֿאַרשפּילט... פּוילן בלײַבט פּוילן... אַלץ איז ווי געווען... — אַזוי האָט גערעדט דער גאָספּאָדין וואָלסקי".

(דאָרט, ז' 155).

מנחמען האָבן די ווערטער געשניטן ווי מיט אַ מעסער אין לײַב. — אַזוי זאָגן זיי די פּאַנעס, די פּאַטריאָטן, האָט ער געטראַכט. דער דײַטש האָט באַרויבט זייער נאַציאָנאַלן פֿאַרמעגן, האָט ליקווידירט די גײַסטיקע עליטע פֿון פֿאָלק, די פּראָפֿעסיאָנאַלן, אין ווידערשטאַנד בײַם ערשטן דײַטשן אָנ־גריף זענען געפֿאַלן בײַ אַ מיליאָן מענטשן און בײַם אויפֿשטאַנד — ווען די רוסן זענען געשטאַנען בײַ דער פּוילישער הויפּטשטאָט — אויך קרוב צו אַ מיליאָן. הונדערטער טויזנטער זענען פֿאַרשלעפּט געוואָרן אויף שקלאַפֿן־אַרבעט, פֿרויען — אין זנות־הײַזער. די רוסן זענען וואָכן־לאַנג

געשטאַנען בײַ װאַרשע און ניט געקומען צו הילף די אױפֿשטענדלער, ביז די דײַטשן האָבן זײ צעבראָכן. זײ האָבן געװאָלט פּױלן זאָל אָפּגײן אין בלוט, זאָל פֿאַרלירן אירע װיטאַלע קרעפֿטן. זײ האָבן נאָך דעם, אין קאַטין, ליקװידירט די לעצטע צען טױזנט פֿון דער פּױלישער אַרמײ, װאָס האָבן געזוכט אױפֿן װעג צו די רוסן אַ רעטונג. דאָס אַלץ איז געװען כּדאַי בײַ דעם פּריץ פֿאַרן פּרײַז, װאָס דער דײַטש האָט געמאַכט די פּױלישע שטעט „יודנריין". אױף דעם געביט האָבן די מערדער געהאַט די פֿולע צושטימונג און מיטאַרבעט, ניט נאָר פֿון דער פּױלישער אונטערװעלט, װאָס איז געװען אַ שותּף צום רױב, נאָר דער עיקר פֿון דער פּױלישער אַריסטאָקראַטיע, די „פּאַטריאָטן", די באַלעבאַטים פֿון די מאַיאָנטקעס. און אַמאָל האָבן ייִדן געקעמפֿט פֿאַר דער פּױלישער „װאָלנאָשטש", האָט געטראַכט מנחם, און װער האָט געבױט די פּױלישע שטעט? — ייִדן האָבן זײ געבױט! ייִדן האָבן אַרױסגעפֿירט פּױלן פֿון פֿעאָדאַלן צושטאַנד, און עס געמאַכט פֿאַר אַן אײראָפּעיִש לאַנד...

דער אינזשעניר שמעון גראָס האָט דורכגעמאַכט אַ שװערן װעג דורך די װײַסרוסישע װעלדער, דורך זײַטיקע װעגן, דורך זומפּן, האָט ער זיך דורכגעשלאָגן צו מערבֿ. אין װילנער געטאָ האָט ער אָנגעטראָפֿן אױף אַ פּױלישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע און ער האָט זיך באַטײליקט אין די שלאַכטן פֿאַר װילנע. די רוסן האָבן אָבער נאָך דעם אָנגעהױבן צו אַנטװאָפֿענען די פּױלישע פּאַרטיזאַנער, און גראָס האָט זיך געלאָזן אױפֿן װעג קײן װאַרשע. ער האָט באַװיזן אָנצוקניפּן אַ פֿאַרבינדונג מיט די אױפֿשטענדלער און איז צוגעטײלט געװאָרן װי אַן אָפֿיציר צום שטאַב פֿון אַן אײנהײט. די רוסן זענען געװען נאָענט, די דײַטשן האָבן געליטן מפּלות און זיך צוריק־געצױגן. האָט װאַרשע ניט געקאָנט בלײַבן הינטערשטעליק, און זיך געגרײט צו אַן אױפֿשטאַנד. געװאָלט װערן אַ שותּף צום זיג פֿון די אַלײִרטע.

אין אַ האַלב־חרובֿער שטוב האָט געװאַרט גראָס מיט זײַנע מענטשן. זײ זענען געלעגן אױפֿן פּאָל, אױפֿן טיש, געדרימלט אױף די בענקלעך

מיט פֿאַרגלײַזטע אויגן, מיט די ביקסן אין די הענט. ער דערקענט אין די דאַזיקע מענטשן, אַז זיי זענען ניט געוווינט צו אַזאַ שטייגער לעבן. עס זעט אויס, אַז זיי האָבן געלעבט גאַנץ נאָרמאַל, זיך ראַזירט יעדן טאָג, זיך געוואַשן מיט זייף, געשלאָפֿן אין וואַרעמע בעטן. זיי האָבן מיט אַ פּאָר טעג צוריק געטרונקען יעדן פֿרימאָרגן קאַווע, וואָס זייערע פֿרויען האָבן זיי צוגעגרייט. איצטער ליגן זיי מידע, צעבראָכענע און צאַפּלען בײַ יעדן שאָס.

— וואָס האָט איר געטאָן ווען דאָס געטאָ האָט געברענט? — האָט גע־טראַכט גראָס, — ווען עס זענען צו אײַך דערגאַנגען די אָפּהילכן פֿון דער שיסערײַ אויף דזשיקע, אויף מילע, אויף מוראַנאָוו? ווו זײַט איר געווען ווען מען האָט אויפֿגעשטעלט מויערן אַרום די ייִדישע גאַסן?...

אין איינעם אַן אָוונט האָט דער גענעראַל, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע, אינספּעקציאָנירט אַ גרופּע וואָלונטירן. איינער האָט אים אויסגעזען באַקענט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו אים: — יאָ, דאָס איז ער, דער מיט דער פֿאַרריסענער נאָז און צעשטשערבעטע ציין. ער האָט אים דערקענט. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז ער אַרײַן מיט נאָך איינעם אין זײַן קאָנספּיראַטיווער וווינונג, און מיט רעוואָלווערן אין די הענט באַ־פֿוילן: ביסט אַרעסטירט! זיי האָבן אים געפֿירט, די צוויי ציווילע פּאָליאַקן, צום געשטאַפּאָ־פּאָסטן. בײַ אַ טויער האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן און אַרײַן אין אַ האַלב־פֿינצטערן הויף. — דו קאָנסט זיך אויסקויפֿן, האָבן זיי צו אים געזאָגט, — ביסט דאָך אַ ייִד! האָסט געלט? וועלן מיר דיך באַפֿרײַען... דער גענעראַל האָט זיך צעלאַכט, ער האָט דערפֿילט אַ דערלײַכטערונג. די דײַטשן האָבן זיכער זײַן בילד, און ווייסן אַז ער איז דער קאָמאַנדיר פֿון דער אונ־טערערדישער באַוועגונג... — וואָס פֿאַלט אײַך אײַן, פּאַנאָוויע? — האָט ער געזאָגט. — איך בין אַ פּאָליאַק ווי איר, אָט האָט איר מײַנע פּאַפּירן. — אַלע זשידעס אויף דער אַרישער זײַט האָבן דאָקומענטן, — האָבן זיי אים געענט־פֿערט. — שפּיליע אויף דעם מאַנטל!... זיי האָבן אַראָפּגעריסן פֿון אים

דאָס רעקל, די אונטערוועש, און נאָך דעם אַזוי אַ האַלב־נאַקעטן געלאָזט שטיין, און זיך אָפּגעטראָגן.

— יאָ, דאָס איז איינער פֿון די, וואָס האָבן גערייניקט וואַרשע פֿון ייִדן מיט דער הילף פֿון די דײַטשן. ער וועט גלײַך באַפֿעלן מען זאָל אים צושטעלן דעם דאָזיקן מענטשן! אויב שלאָגן זיך פֿאַר פּוילן דאַרף מען זיך שלאָגן מיט ריינע הענט. אַזעלכע הענט באַשמוצן אונדזער געווער...

דער גענעראַל האָט ניט געקאָנט פֿאַרגעסן די איבערגעלעבטע באַליי־דיקונג... ער האָט זיך צוגעלייגט און ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. פֿאַרשיידענע געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט, ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה און ניט געקאָנט זיך באַרויִקן. אָבער ער האָט קיינעם פֿון די וואַכלײַט ניט גערופֿן, און איז ענדלעך אײַנגעשלאָפֿן...

דער גענעראַל האָט גובֿר־געווען זײַן מאָראַלישן געוויסן. דער פּויל־שער פּאַטריאָטיזם האָט באַזיגט דעם אויפֿבליץ פֿון הומאַניזם. — ער האָט דאָך קיין פּאָליאַקן קיין שלעכטס ניט געטאָן! ער האָט נאָר בײַ די אומ־גליקלעכע זשידעס צוגענומען די לעצטע פּאָר גראָשן, און זיי איבערגעגעבן, אָדער ניט איבערגעגעבן, די דײַטשן... איצטער גייט ער קעמפֿן פֿאַר פּוילן... אין דער ערשטער מינוט האָט בײַם גענעראַל יאָ אויפֿגעבליצט אַ פֿונק פֿון געוויסן: „אויב שלאָגן זיך פֿאַר פּוילן דאַרף מען מיט ריינע הענט"... אָבער ער האָט מיט קריסטלעכן יישובֿ־הדעת דעם פֿונק אויסגעלאָשן, פּוילן דאַרף איצט האָבן פּאַטריאָטן, ער וועט אין קאַמף פֿאַרן פֿאָטערלאַנד די זינד אויס־קויפֿן, און ער איז רויִק אײַנגעשלאָפֿן...

אַ דײַטשער געפּאַנצערטער צוג באַשיסט וואָליע. די הײַזער ברענען, פֿרויען מיט קינדער קאָנען ניט אַרויס פֿון די טויערן וואָס זענען אײַנגעהילט אין פֿלאַמען. טייל געפֿינען זיך אין די קעלערן. די אַרויסגאַנגען זענען פֿאַרשאָטן פֿון די אײַנגעפֿאַלענע ווענט. דורך אַ קעלער־פֿענצטער רײַסט זיך אַרויס אַ יונגע פֿרוי מיט אַן עופֿעלע אויף די הענט. — „אַ יעזו... היי־ליקער דו"... כליפּעט זי. — „גוט אַזוי, גוט אַזוי!" רײַסט אויף זיך דאָס העמד אַן אַלטיטשקער מיט ברילן. „מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען ווען דאָס געטאָ

האָט געברענט. דאָס איז גאָטס שטראָף פֿאַר אונדזער גלײַכגילט, פֿאַר דער בלינדקייט... ער שלאָגט דער דײַטש יעדן באַזונדער. ער האָט אָנגעהויבן פֿון עלטסטן פֿאָלק, ער וועט ענדיקן מיטן ייִנגסטן״... דײַטשע אַוויאָנען זע־נען געפֿלויגן אין געשלאָסענע פֿאָרמאַציעס און געוואָרפֿן צינדבאָמבעס אויף דער שטאָט.

דער הויפּטשטאָב פֿון די אויפֿשטענדלער האָט אויפֿן זעקסטן טאָג זיך צוריקגעצויגן פֿון וואָליע, און זיך געלאָזט צו דער אַלטשטאָט. דער וועג האָט געפֿירט דורך די חורבֿות פֿון געטאָ. הונדערט מעטער פֿאַרן שטאָב איז געגאַנגען דער שוצאַפּטייל אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גראָסן. דער הויפּט־קאָמאַנדיר און די פֿאָרשטייער פֿון דער אויפֿשטאַנד־רעגירונג שאַרן זיך בײַ די חורבֿות.

„וואָס טראַכטן זיי אין דער רגע? [האָט זיך געפֿרעגט גראָס]. ווייסן זיי, אַז דאָ האָבן ייִדן די ערשטע געראַטעוועט דעם כּבֿוד פֿון דער דאָזיקער שטאָט? ווייסן זיי אַז ייִדן האָבן די ערשטע גע־שטעלט אַ ווידערשטאַנד די דײַטשן? איר האָט דעמאָלט געשוויגן [האָט געטראַכט גראָס]. איר האָט געוואַרט. איצט ריידן צו אײַך די חורבֿות. זיי מאָנען בײַ אײַך מעשׂים״. (דאָרט, ז׳ 210).

עס האָט זיך אויך געשאַפֿן אַ ייִדישע אײנהייט. ייִדן פֿון אונגאַרן, פֿון גריכנלאַנד, פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרי־שער זײַט. זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. ניט אַלע פּאָליאַקן באַציִען זיך צו זיי פֿרײַנדלעך. מען קוקט זיי אָן מיט שפּיזיקע בליקן, בייזע, פֿול מיט אומצוטרוי, מיט שפּאָט. „— אוי, וויפֿל זשידעס עס זענען נאָך פֿאַר־בליבן, — זאָגט איינער. — מען שלאָגט זיי, מען ברענט זיי, און זיי זענען נאָך אַלץ דאָ״...

די אײַנגעבוירענע שׂינאה צום ייִדן איז אין באַוווּסטזײַן פֿון פּאָליאַק נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן מיט די דײַטשע פֿאַרפֿאָלגונגען. די דײַטשן האָבן דאָך געזאָגט וועגן די ייִדן דאָס אַלץ וואָס ער, דער פּאָליאַק, האָט וועגן זיי געטראַכט, וואָס ער האָט געוואָלט מען זאָל וועגן זיי זאָגן, און וואָס ער האָט נאָך געהערט אין די קינדער־יאָרן, אין קאָשטשאָל, אין גאַס,

געלייענט אין צייַטונגען, געלערנט אין שול, אין דער פּאַרטיי... איז גוט וואָס ס'איז געקומען אויף זיי גאָטס שטראָף. דער פּאָליאַק האָט זיך דער־פילט אידענטיפיצירט מיטן דייַטש, ווי דער פּאַן וואָלסקי, וואָס האָט אין אים דערזען אַ שליח פון יעזוסן, וואָס באַפרייַט פּוילן פון „אינעווייניקסטע שונאים". דער פאַקט וואָס דער דייַטש פירט אויך אויס שחיטות אויף פּאָ־ליאַקן, האָט ניט געקאָנט מיט אַ מאָל אויסוואָרצלען די פאָראורטיילן און געפילן, וואָס שטעקן אין די אונטערבאַוווסטזיניקע שיכטן, וועלכע מען האָט אייַנגעזויגן מיט דער מוטערס מילך...

מנחם איז פאַרווונדיקט געוואָרן, און ליגט שוין די דריטע וואָך אין אַ מיליטערישן לאַזאַרעט ניט ווייַט פון וואַרשע, אין דער געגנט ווו ער איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. די ווונד איז ניט קיין שווערע, היילט זיך גוט, און אין די שיינע טעג פלעגט ער אַרומוואַנדערן איבער דער געגנט. ער קען די אַלע וועגן און שטעגן. נאָר די ייִדן וואָס זענען אויף די וועגן געגאַנגען זענען ניטאָ. אַ גאַנץ פאָלק איז פאַרשווונדן. — די ווער־בעס ווייִנען דאָ מיט ייִדישע תּפילות, — האָט געטראַכט מנחם... — די שטילקייט רייַסט אין האַרצן...

„די שטילקייט מאָנט! זי שרייַט! איך הער דאָס געוויין פון די וועגן, פון די סעדער, פון די לאָנקעס, פון די קליינע, אָרעמע, פּוסטע ייִדישע שטעטלעך. איך קאָן ניט אַנטלויפן פון דעם געוויין. ס'איז אַרום מיר. עס איז אין מיר". (דאָרט, ז' 236).

ער שלאָפט שלעכט אין די נעכט. אין איין נאַכט האָט דער פּאָלקאָוו־ניק יעפימאָוו באַזוכט די קראַנקע. ער איז צוגעגאַנגען צו מנחמס בעטל.

— וואָס טראַכסטו, סאָלדאַט, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט — האָט ער געפרעגט, — בענקסט אַהיים? — איך האָב ניט נאָך וועמען צו בענקען... איך האָב ניט קיין היים — האָט געענטפערט דער קראַנקער. — אַ מענטש טאָר ניט זאָגן, אַז ער האָט ניט קיין היים. יעדערער מוז האָבן אַ היים. מען דאַרף זי טראָגן אין האַרצן... אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין היים קאָן ניט זייַן קיין גוטער סאָלדאַט... קאָן ניט זייַן קיין רוסישער מענטש... ער וועט

בײַ דער ערשטער געלעגנהייט אַנטלויפֿן... ער האָט ניט פֿאַר וואָס זיך צו שלאָגן...

ייִדן אין פוילן האָבן זיך געשאַפֿן אַן אילוזאָרישע היים, און מיט ליב־שאַפֿט זי געטראָגן פֿאַרבאָרגן אין האַרצן. זיי האָבן מיט זייער שווייס און גײַסט באַפֿרוכפּערט אַלע געביטן פֿון פּוילישן לעבן, אָבער עס האָט זיי פֿאַרטריבן די קינאה און שׂינאה פֿון פּוילישן מענטשן, פֿאַר וועלכן דער ייִד האָט ניט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ „פֿרעמדער" אויף זײַן באָדן, וועלכן ער האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילן.

דרײַ און זעכציק טעג האָט זיך געראַנגלט וואַרשע קעגן דער מעכטי־קער מיליטערישער מאַשין פֿון די דײַטשן. די אַוויאַציע, טאַנקען, געפּאַנ־צערטע צוגן און אַרטילעריע האָבן חרובֿ געמאַכט די שטאָט. די באַפֿעל־קערונג האָט זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, אין בונקערס, זיך פֿאַרגראָבן אין די חורבֿות. און פֿון דער צווייטער זײַט ווײַסל איז געשטאַנען רויִק ווי אַ שמירה די אַרמיי פֿון די רוסן. דעם 2טן אָקטאָבער 1944 האָט קאַפּיטו־לירט די שטאָט, און אויפֿן באַפֿעל פֿון די דײַטשן זענען די לעבנגעבלי־בענע אַרויסגעקראָכן פֿון אַלע באַהעלטענישן און זיך געלאָזן צו די אָנ־געוויזענע זאַמלפּונקטן. אַ המון פֿון צענער טויזנטער מענטשן, אויסגע־מאַטערטע, הונגעריקע, דערשלאָגענע, האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פֿון די פֿאַרבאַריקאַדירטע גאַסן, אונטער אַ וואַך פֿון באַוואָפֿנטע דײַטשן. אויפֿן וועג ווײַזט מען אָן אויף ייִדן, און זיי ווערן גלײַך דערשאָסן.

„איצט קען מען ייִדן לײַכט דערקענען. זיי טיילן זיך אויס פֿון המון דורך דעם אומענדלעכן טרויער, דורך דעם צווייפֿאַכן צער וואָס ליגט אויף זייערע פּנימער. דורך אָט די טיפֿע פֿאַראומערטע ייִדישע אויגן. זיי זענען איינזאַם אין דער מאַסע פּאָליאַקן.

— — — — — — — —

זיי זענען צווייפֿאַכיק געפֿאַנגען. דאָפּלט פֿאַרשפּילטע; ווי פּאָליאַקן און ווי ייִדן. געפֿאַנגענע בײַ די דײַטשן און געפֿאַנגענע בײַם געפֿאַנגענעם המון פּאָליאַקן. אָט קאָן זיך אויפֿהויבן אַ האַנט פֿון איינער פֿון די פֿרויען אין שוואַרצן, פֿון אַ מיד־און־מאַטן מענטשן און טײַטלען: אַ ייִד! אַ ייִד!

זיי וואַלגערן זיך דערשאָסענע אין די זײַטן פֿון וועג. מען שטויסט זיי אַוועק מיט די פֿיס.

„היט זיך פֿאַר פֿרעמדע! לאָזט ניט אַרײַן אין די רייען קיין ייִדן!" הילכט אין אַ גוטן פויליש דער הילכער פֿון אַ דײַטשישן אויטאָ" (דאָרט, ז' 308).

דער המון האָט דערפֿילט אַ דערלײַכטערונג: זיי זוכן נאָר זשידעס און באָלשעוויקעס, וועט מען קיין פּאָליאַקן ניט טאָן שלעכטס... אָבער זיי האָבן אַ טעות געהאַט. נאָך די נאַכט האָבן די דײַטשן אויף זיי אָנגעשיקט די וולאַסאָוצעס, די געפּאַנגענע אוקראַיִנער, לעטן, רוסן און אַנדערע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן ווי „הילפֿסמיליטער". זיי האָבן ווי היענעס זיך געוואָרפֿן אויפֿן לאַגער פֿון די פּליטים, גערויבט, פֿאַרגוואַלדיקט און געמאָרדעט די מענער וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט. די דײַטשן האָבן דערבײַ געהאַט אַ טאָפּעלן ציל: באַשטראָפֿן די פּאָליאַקן פֿאַרן אויפֿשטאַנד און געבן די וולאַסאָוצעס אַ „שאַנס" אויף צו הייבן זייער דיסציפּלין, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען נאָך די מפּלות אויף די פֿראָנטן.

נאָך מיט חדשים צוריק האָבן די רוסן אַרויסגעשיקט אַ שליח מיט אַ ספּעציעלער מיסיע צו די דײַטשן. דאָס איז געווען אַן אָפֿיציר, אַ געניטער אַגענט פֿון געהיימדינסט, זירקאָוו, וואָס האָט אויך גוט געקענט דײַטש. ער האָט זיך דערקלערט ווי אַן איבערלויפֿער, און ווי אַ שונא פֿון באָלשעוויסטישן רעזשים און פֿון די זשידעס, וואָס האָבן באַהערשט רוסלאַנד. מיט זײַנע אַנטיסעמיטישע רעדעס און אַרטיקלען, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרן אין די מיליטערישע צײַטשריפֿטן, האָט ער גיך געוווּנען דעם צוטרוי פֿון די דײַטשן און פֿון די וולאַסאָוצעס, וואָס האָבן געוואָרפֿן פֿלוגבלעטלעך פֿון אַעראָפּלאַנען און גערופֿן די רוסישע סאָלדאַטן צו דעזערטירן. האָט זיך זירקאָוו דערקלערט פֿאַר אַזאַ „דעזערטיר", און ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער קאָמאַנדע פֿון אַ באַטאַליאָן. און אָט דעם באַטאַליאָן האָט ער געבראַכט אויף יענער זײַט ווײַסל, צו די רוסן...

„— אַוודאַי דאַרף מען אויסראָטן די פֿרעמדע פֿון רוסלאַנד, [האָט ער געפּריידיקט פֿאַר זײַנע סאָלדאַטן], דער עיקר די זשידעס. אומעטום זענען זיי דאָ. זיי האָבן דעם קאָמוניזם באַשאַפֿן. אָבער איר ווילט אַנשטאָט זיי אַרײַנפֿירן די גערמאַנצעס! און איך וויל אַז רוס־לאַנד זאָל זײַן פֿרײַ און ניט האָבן קיין אָקופּאַנטן. די דײַטשן פֿאַר־שפּילן דאָך די מלחמה... מען דאַרף ווײַזן אַז צווישן אונדז און זיי איז אַן אונטערשייד... מיר פֿאַרלירן דאָך דעם מיזרח און דעם מערבֿ”... (דאָרט, ז' 284).

און ער האָט אין אַ נאַכט זײַן באַטאַליאָן צוגעפֿירט צום ברעג טײַך, און דערקלערט: — סאָלדאַטן, רוסישע מענטשן, אוקראַיִנער! הערט אויס מײַן באַפֿעל: אַוועקלייגן דאָס געווער! יעדער פּרוּוו פֿון ווידערשטאַנד וועט דערשטיקט ווערן! איר זײַט אַלע אַרומגערינגלט דורך אונדזערע פּאַראַשו־טיסטן, וועלכע סטאַלין אַליין האָט געשיקט... און פֿון דער פֿינצטער האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסרוקן געשטאַלטן מיט אָנגעשטעלטע אויף זיי אויטאָ־מאַטן אין די הענט...

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אין דער פּסיכאָלאָגישער סטראַטעגיע פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָלע, און באַ־זונדערש בײַ די דײַטשן און בײַ די רוסן. היטלער, ימח־שמו, האָט אויפֿגע־הויבן די פֿאָן פֿון אַנטיסעמיטיזם, כּדי צו זאַמלען אַרום איר אַלע שׂונאי־ישׂראל אין דער קריסטלעכער וועלט. מיט דעם גײַסט האָט ער אין יעדן לאַנד געפֿונען חבֿרים לדעה און זיך געשאַפֿן פֿינפֿטע קאָלאָנעס, וועלכע זענען באַזונדערש געווען שטאַרק אין פּוילן און אין די מיזרח־אייראָפּעיִ־שע לענדער.

רוסלאַנד איז שוין פֿון לאַנג און זעלבשטענדיק געגאַנגען אויף דעם דאָזיקן וועג; אָבער להיפּוך צום נאַציזם האָט סטאַלין דעם אַנטיסעמיטיזם ניט גענוצט ווי אַן עקספּאָרט־אַרטיקל, נאָר אים פֿאַרברויכט אויפֿן אינער־לעכן מאַרק, ווי אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון ריינע נאַציאָנאַלע סענטימענטן, ווי אַ באַרעכטיקונג צו באַהערשן די וועלט, — צו געבן אַ „ריכטונג דער וועלט” — ווי עס האָט געזאָגט דאָסטאָיעווסקי.

עס איז אַ גרויסער אויפטו פון מענדל מאַן, וואָס ער האָט מיט אַ שאַרפן פּסיכאָלאָגישן חוש אַנטדעקט אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון דעם קאַטאַקליזם, די פאַרבאַרגענע קאַנאַלן דורך וועלכע עס האָט געשטראָמט דער גיפט, וואָס האָט אָנגעצונדן די מוחות מיט קינאה און שינאה צו יידן, מיט גלאָריפיקאַציע פון דער אַרישער ראַסע, מיט אַראַגאַנץ פון אַ „האַרן־פאָלק", מיט אַ מעסיאַנישער מיסיע צו זאָגן מיט דער שווערד אַ „ניי וואָרט דער וועלט", וועלכע זענען געווען דער ברענשטאָף, וואָס האָבן פון אַלע זייטן אויפגעבלאָזן דאָס פייער פון דער מלחמה, אין וועלכער דער ייד איז געווען דער גרעסטער קרבן.

מענדל מאַן האָט אינדיווידואַליזירט דעם מאַסן־פּסיכאָז, און געוויזן ווי מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן און אינטעלעקטן ווערן פאַרשיכּורט מיטן אַנטיסעמיטישן סם, וואָס שוועבט אין דער לופטן, און וואָס פלייצט פון די „אייבערשטע רערן". די רוסן האָבן דערגרייכט אַן אמתע ווירטואָזיטעט אין דעם טייוולאַנישן שפּיל אויף די סטרונעס פון מענטשלעכן האַרצן, אַז זיי האָבן אפילו באַוויזן צו כאַפּן אויף דער ווענטקע פון אַנטי־סעמיטיזם די „פאַרבלאָנדזשעטע" שעפעלעך פון פאָטערלאַנד — די וולאַ־סאָווצעס, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן — און זיי צוריקגע־בראַכט אַהיים.

אַנטיסעמיטיזם איז פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט ניט קיין כשרער טערמין, וואָס שמעקט מיט ראַסנהאַס; כאָטש מאַרקס אַליין האָט דעביוּ־טירט מיט אַן אַנטיסעמיטיש ווערק, פון וועלכן געבעלס האָט אַ סך גע־לערנט. אמת, זיינע אַנהענגער טענהן — און באַזונדערש די פון יידישן אָפּשטאַם — אַז ער האָט קיין מאָל מער ניט איבערגעחזרט די טעמע; אָבער ער האָט זי אויך קיין מאָל ניט אָפּגעלייקנט, און ניט חרטה־געהאַט אויף זיינע זינד פון דער יוגנט! האָבן סטאַלינס יורשים דיאַלעק־טיש געכשרט דעם באַגריף און פאַרביטן אַנטיסעמיטיזם אויף **אַנטי־ציוניזם**, וואָס גראַמט זיך מיט **אַנטיאימפּעריאַליזם**.

און אַנטיציוניזם איז אין דעם נייעם מאַרקסיסטישן וואַריאַנט געוואָרן

אַן ערשטראַנגיקער אַרטיקל פֿון מאַסן־עקספּאַרט, פֿון געווינען חבֿרים־לדעה אין דער ברייטער וועלט, ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז עס געווען פֿאַר די נאַציס. אויף זייער אינערלעכן מאַרק ווערט דער סלאָגאַן פֿון אַנטיציוניזם גענוצט ווי אַ באַרעכטיקונג אויפֿן גייַסטיקן גענאָציד פֿון די דרייַ מיליאָן ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין די אַלע אַנדערע לענדער — אויף צו שאַפֿן פּינפּטע קאָלאָנעס, וואָס זאָלן העלפֿן דער סאָוועטישער אימפּעריע אין איר פּאַנסלאַווישער שטרעבונג אַרייַנצודרינגען אין אַלע לענדער און באַהערשן די וועלט.

דָאס פַֿאַל פֿון בערלין

„דאָס פֿאַלן פֿון בערלין" איז דער לעצטער עטאַפּ פֿון מענדל מאַנס מלחמה־עפּאָפּעע. זי האָט זיך אָנגעהויבן ביי די טויערן פֿון מאָסקווע, האָט געהאַט איר טראַגישן ווענדפּונקט ביי דער ווייסל, וואָס האָט צום מערסטן געליטן פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, און זיך פֿאַרענדיקט מיט דער קאַפּיטולאַציע פֿון בערלין, ווו עס האָט זיך אויסגעכאַוועט דער נאַציסטישער מאָנסטער, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם צווייטן וועלט־קריג.

אויך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג געליטן פֿיל מער ווי אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס אויף די פֿראָנטן, און באַזונדערש אין היִנטערלאַנד. אין רוסלאַנד האָבן די געביטן הונדערטער וויאָרסט פֿון פֿראָנט געדאַרפֿט זיין „ייִדן־ריין". און הונדערטער טויזנטער ייִדישע „בעזשענצעס" זענען פֿאַרשיקט געוואָרן טיף אין לאַנד, צו דער וואָלגע און די אוראַלער בערג, ווו די באַפֿעלקערונג האָט זיי אויפֿגענומען מיט טאָלעראַנץ און מיטגעפֿיל. אין די געביטן, אָקופּירטע דורך די דייטשן, האָבן די ייִדן געליטן הונגער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, און די אוואַנטורעס פֿון די אַלע מינים „שמוגלאַרעס" כּדי זיך צו דעראַבערן דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט זענען אַריין אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ זכר פֿון יענע טרויעריקע צייטן.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דער ייִדישער גורל אין צווייטן וועלט־קריג, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אונטער דער נאַצי־פֿאָן פֿון באַפֿרייען די וועלט פֿון ייִדנטום. דער נאַציזם האָט נאָך מיט יאָרן פֿאַרן קריג אָנגעהויבן אַ פֿראָנטאַלן פּסיכאָלאָגישן אָנגריף אויפֿן ייִדישן פֿאָלק, אין נאָמען פֿון דער אַרישער ראַסע. צום ערשטן מאָל האָט דער אַנטיסעמיטיזם באַקומען

אַן אוניווערסאַלן אימפּולס צו געווינען חבֿרים־לדעה אין דער וועלט, אויף צו געבן אַן „ענדגילטיקע לייזונג" דער ייִדן־פּראַגע. היטלער, ימח־שמו, האָט פֿאַרמאַסקירט זײַנע אימפּעריאַליסטישע כּוונות פֿון וועלט־באַהערשונג, מיט אַן אידעע פֿון „וועלט־באַפֿרײַונג פֿון ייִדישן גײַסט", און ער האָט געפֿאַנגען אַ סך קריסטלעכע הערצער. אייניקע האָבן מיט אים געטיילט דעם ייִדישן רויב, אַנדערע האָבן אין אים געזען אַ שליח פֿון גאָט; אָדער האָבן זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז ער מיינט נאָר די „זשידעס", און וועט ניט טאָן קיין שלעכטס די קינדער פֿון דער ריינבלוטיקער אַריער־ראַסע.

די דעמאָנסטראַטיווע רדיפֿות אויף ייִדן און די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דײַטשלאַנד פֿאַרן קריג, איז געווען אַ פּרעלוד אויף צו נייטראַליזירן די קריסטלעכע געמיטער און געווינען קוויסלינגס אין אַלע אַנדערע לענדער, וואָס זאָלן אים עפֿענען די טויערן. דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען דאָס טראָיאַנער פֿערד, וועלכן דער נאַציזם האָט אַרײַנגעפֿירט אין אַלע לענדער, און פֿון זײַן אינגעווייד זענען אַרויס די לאַפּיטוטן, וואָס האָבן דערוועקט די דורך דור־דורות פֿאַרפֿלאַנצטע פֿאַראורטיילן קעגן ייִדן, און דער קאַמף קעגן „אינערלעכן שונא" האָט אָפּגעשוואַכט די וואַכזאַמקייט קעגן אמתן שונא פֿון דרויסן.

אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט האָבן די קרייצטרעגער צום ערשטן מאָל דורכגעפֿירט מאַסן־שחיטות קעגן ייִדן. אַ המון פֿון אָרעמע און פֿאַרוואָרלאָזטע מענטשן, אויפֿגערייצטע דורך פֿאַנאַטישע מאָנאַכן און אוואַנטוריסטישע ריטער, האָבן אונטערגענומען אַ קאַמף אויף צו באַפֿרײַען פֿון די מחמדאַנער ישו הנוצרים קבֿר אין ירושלים. און אויפֿן וועג פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און אַנדערע מערבֿ־אייראָפּעיִשע לענדער, האָבן זיי אויסגעשאָכטן און אויסגערויבט די ייִדישע קהילות, „די אינערלעכע שונאים פֿון קריסטוסן".

אַ סך פֿון די שארית־הפּליטה האָבן נאָך דעם אויסגעוואַנדערט אין די סלאַווישע לענדער, און זינט יענער פֿינצטערער צײַט, איז צום ערש־

טן מאָל דורכגעפֿירט געוואָרן אַ נײַער קרייצצוג אויפֿן ייִדישן פֿאָלק, און דאָס מאָל אונטער דער פֿאָן פֿון נאַצישן האַקנקרייץ, און ווי פּאַראַדאָק־סאַל דאָס זאָל ניט קלינגען — אויך אונטער דער פֿאָן פֿון סאָוועטישן סערפּ און האַמער. דער פֿיזישער און גײַסטיקער גענאָציד אויף די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד האָט גורם געווען ניט קיין קלענערן חורבן ווי די דײַטשע „ענדגילטיקע לייזונג" פֿון דער ייִדן־פֿראַגע אין די אָקופּירטע לענדער.

אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט דער אַנטיסעמיטיזם געפֿונען דעם שטאַרק־סטן אָפּקלאַנג, זײַן עכאָ האָט ממש אויפֿגעטרייסלט די יסודות פֿון רעזשים, מיט זייערע טראַגישע קאָנסעקווענצן פֿאַרן ייִדישן ייִשובֿ אין דער סאָוועט־טישער אימפּעריע, וואָס האָט אין אָנהייב פֿון דער מלחמה געציילט אַן ערך זעקס מיליאָן נפֿשות, אַרײַנגערעכנט פּוילן, ליטע און בעסאַראַביע. עס זעט אויס סימבאָליש דער פֿאַקט, וואָס דאָס האָט אויך געפֿירט צו דער אַפּאָפּ־לעקסיע פֿון טיראַן, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל — ווי סאָלזשעניצין גיט איבער — זיך אָנגעשטויסן אויף אומצופֿרידענע אויסרופֿן פֿון זײַנע שטענדיקע געהאָרכיקע סאַטראַפּן, בעת ער האָט בײַ דער זיצונג פֿון פּאָ־ליט־ביוראָ געמאָלדן, אַז ער האָט פֿאַראָרדנט צו הענגען „די מערדער אין די ווײַסע כאַלאַטן", און אַז כּדי צו פֿאַרהיטן די ייִדן פֿון „פֿאָלקס צאָרן" וועלן זיי אַרויסגעשיקט ווערן קיין סיביר, און אַז עס זענען שוין צו דעם צוגעגרייט געוואָרן עשעלאָנען...

אַזוי אַז סטאַלין האָט לויטן היטלעריסטישן בײַשפּיל אויך געפּלאַנט אַן „ענדגילטיקע לייזונג" פֿון דער ייִדן־פֿראַגע; עס הייסט מאַכן „ייִדן־ריין" די סאָוועטישע טעריטאָריע. אַז זײַן טײַוולאָנישער ווונטש האָט אויס־געדריקט דעם ווילן פֿון די רעגירנדיקע קרײַזן, און אַז דאָס איז אַן עיקר־דיקע טענדענץ אין דער סאָוועטישער אינעווייניקסטער — און הײַנט אויך דרויסנדיקער — פּאָליטיק, ווײַזט דער פֿאַקט, וואָס נאָך סטאַלינס טויט איז געוואָרן נאָר שטילער, אָבער ניט קלענער די דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן, וועלכע זענען דעגראַדירט געוואָרן אָפֿיציעל צו בירגער פֿון אַ צווייטער

קאַטעגאָריע. נאָך קאַרגע זעקס צענדליק יאָר פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע, הערשט דאָרט וויַיטער דער צאַרישער „קראָמיע יעווריעוו" מיט דער פֿולער קראַפֿט, יעדער אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַל־ייִדישן לעבן איז שטרענג פֿאַרבאָטן, און אין די רעגירונגס־אינסטאַנצן און העכערע בילדונג־אַנ־שטאַלטן, ווערט זינט די דריַיסיקער יאָרן דורכגעפֿירט אַ סיסטעמאַטישע „טשיסטקע" פֿון ייִדן.

*

די סאָציאָלאָגן און פֿאָרשער, וואָס באַהאַנדלען די פֿראַגע פֿון ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וויַיזן אָן אויף איין עיקרדיקע סיבה צו דערקלערן די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן: לעניִן, דער גרונטלייגער פֿון דער סאָוועטישער פֿילאָסאָפֿיע, האָט ניט באַטראַכט די ייִדן ווי אַ נאַציע, וויַיל זיי פֿאַרמאָגן ניט קיין טעריטאָריע, און זיַינע תּלמידים, סטאַלין און זיַינע נאָכפֿאָלגער, האָבן דערפֿירט די טעאָריע צו אירע טראַ־גישסטע קאָנסעקווענצן: אַז ייִדן זענען ניט קיין נאַציע, דאַרפֿן זיי זיך אַסימילירן מיט די אַרומיקע פֿעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן; אָבער יע־דער ייִד האָט אין זיַין פּאַספּאָרט די באַצייכענונג „יעווריי", וואָס איז ווי אַ געלע לאַטע אויף דער ברוסט ביַים נאַצישן רעזשים, וואָס דאַרף יעדן רייַנבלוטיקן אַריער וואָרענען אַז דער „יודע" איז מחוץ למחנה, און מען דאַרף זיך פֿאַר אים היטן...

עס קומט אויס, אַז די גאַנצע שולד איז פֿאַרבאָרגן אין דער טעותדיקער טעאָריע, וואָס האָט אָראָפּגעפֿירט פֿון וועג נאַיִווע מענטשן, און זיי גע־ברענגט צו פֿאַלשע אויספֿירן. אָבער וווּ שטעקן די וואָרצלען פֿון דער דאָזי־קער טעאָריע? און פֿאַר וואָס ווערט זי מיט אַזאַ אייפֿער דורכגעפֿירט אין סאָוועטישן לעבן, אין אַ לאַנד וואָס בויט אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפֿט, פֿריַי פֿון יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג? און ווי אַזוי האָט עס דאָרטן דער אַנטיסעמיטיזם באַהערשט די הערצער פֿון מיליאָנען מענטשן? אויף די דאָזיקע פֿראַגעס ענטפֿערט די מלחמה־טרילאָגיע פֿון מענדל מאַן, וואָס

וויַיזט אונדז פֿון אינעווייניק דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פֿון סאָוועטישן אַפּאַראַט און די נשמה פֿון רוסישן מענטש.

אַ וויסנשאַפֿטסמאַן זעט נאָר איין אַספּעקט פֿון דערווירקלעכקייט און ער מעסט זי מיט זײַנע ספּעציפֿישע מאָסן; דער קינסטלער אַנטפּלעקט מיטן כּוח פֿון זײַן אינטויִציע דעם „טיפֿסטן אמת״ פֿון לעבן, וועלכן ער זעט אין אַלע דימענסיעס. זיגמונד פֿרויד דערקלערט עס אויף אַזאַ אופֿן: „די גאונים פֿון אינטויִציע, — זאָגט ער, — די פֿילאָסאָפֿן, שרײַבער און דיכ־טער, זענען די וויניקע, וועמען ס׳איז דערלויבט כּמעט ווי אָן מי, אין גע־ווירבל פֿון די אייגענע עמאָציעס, זיך דערגרונטעוועז צום טיפֿסטן אמת, און לײַכט זיך באַוועגן אינעם טונקעלן לאַבירינט פֿון דער מענטשלעכער נשמה; דאָרט ווו מיר, די וויסנשאַפֿטלײַט, דאַרפֿן זיך עפּענען אַ וועג מיט שווערער אַרבעט, און אָפֿט מיט פֿײַנלעכן צווייפֿל, טאַפּן אין דער פֿינצ־טער״.

וועגן „קלאַסישן״ אַנטיסעמיטיזם איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנ־צע ליטעראַטור; דער„סאָציאַליסטישער״ אַנטיסעמיטיזם איז אָבער אַ גאַנץ נײַע און אייגנאַרטיקע דערשײַנונג, וואָס ווײַזט, אַז די אַנטיסעמיטישע פּעסט איז ניט נאָר אַ פּראָדוקט פֿון סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן און קאַפּי־טאַליסטישער קאָנקורענץ, נאָר אַז זי שטעקט אינעם „טונקעלן לאַבירינט פֿון דער מענטשלעכער נשמה״ און מען קאָן איר חושד פֿאַרטרײַבן נאָר מיטן ליכט פֿון דער פּסיכישער אינטויִציע — דער אויסשליסלעכער אינסטרומענט פֿון קינסטלער, מיט וועלכן עס אָפּערירט די קינסטלערישע שאַפֿונג.

וועגן ייִדישן עמק־הבכא אין די מזרח־לענדער איז שוין פֿאַראַן אַ רײַכע ביבליאָגראַפֿיע פֿון זכרונות, דאָקומענטן און ווערק אין אַלע ליטעראַ־רישע זשאַנערס, וואָס דערציילן וועגן אויסגאַנגסלאָזן ייִדישן פּײַן, פֿאַר־שוועכטע האָפֿענונגען און צעטראָטענע לעבנס אויפֿן באָדן פֿון „סאָוועטישן היימלאַנד״. די מ ל ח מ ה ־ ט ר י ל אָ ג י ע פֿון מענדל מאַן איז אָבער דאָס איינציקע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס וואַרפֿט אַ שײַן אויף

דעם סאַמע פּאַרטאַיעטן ווינקל פֿון דער סאָוועטישער ייִדן־אויסראָטונג, וואָס האָט „אויסגערייניקט" פֿון ייִדישע נעמען די בלעטער פֿון דער „פּאָטער־לענדישער" מלחמה. אַ ייִדישער מיליטער־שעף, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט און געוואָרן פּאָפּולער, איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף צו באַ־קומען אַ קויל אין קאָפּ, אָדער פֿאַרטריבן ווערן אין פֿאַרגעסנהייט אויף אַ וועלכן ניט איז אַנדער אופֿן.

אין דער טרילאָגיע קומט צום בולטסטן אויסדרוק די טראַגיק פֿון ייִדישן מענטשן אין צווייטן וועלטקריג, דער ייִדישער העראָיִזם אין די שלאַכטן, דער אָנטייל פֿון ייִדן אין די אָנפֿירנדיקע קאַדרען פֿון דער סאָ־וועטישער אַרמיי, און דער גרויליקער סוף וואָס איז אייניקע פֿון זיי צוגע־טיילט געוואָרן דורך די אָנפֿירער פֿון קרעמל.

*

ווערט דערציילט אין „דאָס פֿאַלן פֿון בערלין", אַז אין מאַר־שאַל וואַסילעווסקיס אַרמיי האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זײַן הע־ראָיִזם און סטראַטעגישן טאַקט, דער ייִדישער אַרמיי־גענעראַל טשערניכאָוו־סקי. לויט זײַנע פּלענער האָט מען אָפּגעהאַלטן וויכטיקע זיגן איבערן שונא און זיך דערנענטערט צו די טויערן פֿון בערלין. בראָש פֿון זײַן געפּאַנצערטן קאָרפּוס האָט ער געזאָלט אַרײַן דער ערשטער אין דער דײַטשער הויפּט־שטאָט. אַ זיג, וואָס וואָלט פֿאַראייביקט דעם נאָמען פֿון מיליטער־שעף. האָט מען אָבער פֿון אויבן באַשטימט, ניט צו דערלאָזן אַ ייִדן צו אַזאַ כּבֿוד און ניט „באַפֿלעקן" מיט אַ ייִדישן נאָמען די סלאַווישע ראַסן־ריינקייט פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי, און אין אַ קליין פּרײַסיש דערפֿל איז דער ייִדי־שער גענעראַל, דער הויך־געשעצטער און באַליבטער קאָמאַנדיר פֿון דריטן פֿראָנט, געפֿאַלן פֿון אַ „פֿאַרבלאָנדזשעטער קויל"...

דער פּאָלקאָווניק ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש זשילין, דער אָנפֿירער פֿון „ספּעצאָפּטייל" בײַ וואַסילעווסקיס אַרמיי און דער נאָענטסטער ראַטגעבער פֿון מאַרשאַל, איז אַראָפּגעקומען אין שטילן דײַטשן דערפֿל בעלזאַק, ערבֿ

דעם אומקום פֿון גענעראַל. ער האָט געבראַכט מיט זיך געהיימע פֿאַראָרדע־נונגען פֿון דער הויפּטקוואַרטיר און צו מאָרגנס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער קאָמאַנדיר פֿון פֿראָנט איז „געפֿאַלן פֿון אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער קויל״. אין זעלבן טאָג זענען אָנגעקומען פֿון מאָסקווע צוויי באַפֿעלן: איינער, האָט באַשטימט אַ פֿאַרטרעטער אויפֿן אָרט פֿון גענעראַל טשערניכאָווסקי און דער צווייטער האָט פֿאַראָרדנט דעם פּאָלקאָווניק זשילין זיך צושטעלן אין דער הויפּטסטאַווקע; עס הייסט, צום „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער״ בכבֿודו־ובעצמו.

אַ ספּעציעלער אַוויאָן איז אים געקומען נעמען, און דער פּאָלקאָווניק זשילין איז אַרויסגעפֿאָרן מיט געמישטע געפֿילן פֿון אומרו און האָפֿענונג.

„דער העלאָויגיקער יונגער רוס, וואָס איז פֿון ווײַטן צפֿון־דאָרף אַרויפֿגעשטיגן צו די העכסטע אויסצייכענונגען, האָט ניט געקענט פֿילן קיין שום פּחד. איצט איז ער אָבער אומרויִק געוואָרן. עס וועבט זיך אַרום אים אַ פֿאַרהוילענער געוועב און פֿאַרשאָטנט דאָס ליכט פֿון קליינעם עראָפּלאַן־פֿענצטערל״ („די מלחמה־טרילאָגיע״, נײַע אויפֿלאַגע, פּאַריז תשכ״ה, ז׳ 536).

די באַשרײַבונג פֿון דעם מאָרד, פֿון דעם שפּעטערדיקן פֿליצוג און אויפֿנעם אין קרעמל, איז אַ מײַסטערווערק וואָס שילדערט די פּערפֿידיע, די מיסטעריעזע מאַכינאַציעס און פֿאַרברעכנס — דעם „פֿאַרהוילענעם גע־וועב״ — וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די בלוטיקע מעשׂים פֿון דעם „ספּעצ־אָפּטייל״, פֿון דער געהיימער מלוכה־פּאָליציי בײַ דער סאָוועטישער אַרמיי.

ער איז ניט געפֿאָרן אַליין, דער פּאָלקאָווניק זשילין, אין דעם ספּע־ציעלן פֿאַר אים געשיקטן אַוויאָן. עס האָט אים באַגלייט עפּעס אַ צעיוירע־נער פּאַרשוין אין אַ לויזן שינעל פֿון ענגלישן שטאָף, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט וואָסערדיקע אויגן און געשוויגן. דאָס איז געווען אַוודאי אַ קאַזאָך — האָט זשילין געטראַכט — איינער פֿון דער אינטענדאַנטור. ער האָט אַפֿילו ניט געוווסט גענוי וווהין ער פֿאָרט. דער באַפֿעל איז געווען זיך צושטעלן צום הויפּטשטאַב. „אפֿשר האָט דער פֿרעמדער שווײַגנדיקער

באַגלייטער אָן אָנווײַז אים צו היטן? ניין, עס קאָן ניט זײַן, קיינער באַ־גלייט מיך ניט", האָט זשילין זיך אַליין באַרויִקט...

ווען נאָך אַ נאַכט פּליִען האָט דער אוויאָן געלאַנדט אויפֿן מאָסקווער פּליפֿאָרט, האָט זשילין שנעל אויסגעשטיגן און זיך געלאָזט מיט גיכע טריט צום אַרויסגאַנג. דער קאַזאַך איז אים נאָכגעגאַנגען. — „ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש, פֿאַר וואָס אַנטלויפֿט איר פֿון מיר? האָט ער געפֿרעגט, מיר האָבן זיך דאָך אַפֿילו ניט געזעגנט". פֿון וואַנען ווייס ער מײַן נאָ־מען? האָט זשילין אויפֿגעציטערט, אָבער געזאָגט האָט ער מיט אַן אײַנ־געהאַלטענעם טאָן: — „איר האָט זיך דאָך פֿאַר מיר אַפֿילו ניט פֿאָרגע־שטעלט". — „ באַבאַדזשאַנין... באַבאַדזשאַנין איז מײַן נאָמען... איצט קאָנען מיר נעמען אַ כּוסע, איר וועט דאָך ניט אָפּזאָגן?" זיי זענען אַרײַן אין רעס־טאָראַן פֿון פּליפֿאָרט, געטרונקען פֿולע גלעזער וואָדקאָ און געשוויגן, ווער וועט אָנהייבן דער ערשטער...

— באַבאַדזשאַנין? דער נאָמען דערמאָנט מיר אין קאַזאַכסטאַן...

„— דאָוואַי, זשילין, נאָך אַ גלאָז. לאָמיר טרינקען פֿאַרן ליכטיקן אָנדענק פֿון אַרמיי־גענעראַל טשערניכאָווסקי... וואָס איז מיט דיר, פּאָל־קאָווניק זשילין? דיר ציטערט די האַנט? עך זונעניו... פֿאַרליר זיך ניט ווען מ׳דערמאָנט דעם נאָמען... דאָס איז אַ שלעכטער סימן... כאַ־כאַ־כאַ"... (דאָרט, ז׳ 538).

און אַז זיי האָבן געענדיקט די צווייטע גלאָז, האָט דער קאַזאַך זיך אויפֿגעשטעלט: „נו! לאַדנאָ, פּאָלקאָווניק זשילין... איצט מעגן מיר זיך געזעגענען... איך האָף, אַז מיר וועלן נאָך ווו ניט איז זיך באַגעגענען"...

דער דאָזיקער טאָן פֿון בייזער אָנצוהערעניש האָט זשילינען באַאומ־רויִקט, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער דערפֿילט אַ דערלײַכטערונג, ווי אַ באַפֿרייונג פֿון אַ קאָשמאַר...

*

די סצענע רעדט מיט רמזים, מיט שטומע אָנצוהערענישן וועגן אַ סוד, וועלכן מען טאָר פֿאַר די ליפּן ניט ברענגען. די מיסיע צו דערשיסן אַ באַ־

רימטן גענעראַל האָט סטאַלין ניט געקאָנט אַנטרויען אַבי וועמען, און מאַכן פֿאַר אַ שותּף צו אַזאַ זאַך אַ וועלכן ניט איז דריטראַנגיקן מעסער־העלד. אַזאַ שטיקל אַרבעט „לטובֿת" דעם פֿאָטערלאַנד האָט געדאַרפֿט אויס־פֿירן אַן אויסגעפּרוווטער מענטש, אַן עכטער רוס, אַ געטרײַער סאָלדאַט, וואָס האָט זײַן לאַנגיעריקע קאַריערע געמאַכט אין דער „ענקאַוועדע" און דעם „ספּעצאָפּטייל"... זשילין, דער פּויערים־זון פֿון אַ ווײַטן צפֿון־דאָרף, איז געווען פֿאַר דעם דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט.

„אַנשטאָט נאָכצוגיין דעם אַקער, אַנשטאָט צו פֿירן די סאָכע אויף די היימישע פֿעלדער, איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זײַן היימדאָרף און פֿאַרטראָגן געוואָרן אין די באַראַקן פֿון אַ פֿאַרשטאָט, בײַ מאָסקווע, ווו מען האָט אים געלערנט צו זײַן אַ מענטש פֿון „ספּעצאָפּטייל", אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר פֿון דער רויטער אַרמיי. מען האָט פֿאַרפֿלאַנצט אין אים אומגלויבן, פֿאַרדאַכט און האַס; מען האָט די דרימלענדיקע פּויערשע כיטרעקייט אויפֿ־געוועקט און געשולט זי מיט ווייסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן. יעדעס וואָרט איז אויסגעטײַטשט געוואָרן ווי אַן אַקט — אויב עס האָט דאָס געזאָגט אַ פֿאַר־דעכטיקטער. די אייגענע רייד זענען געוואָרפֿן געוואָרן ווי זיסע לאָקנדיקע סם־קערנער פֿאַר פֿייגל. זשילינס לערערס זענען געווען ניט דערבאַקענע אינטעליגענטן, „פּראָפֿעסאָרן" פֿון די „ראַבפֿאַקן", פֿאַרשער פֿון לעניניזם, אויסגעגליטשטע פּאַרטיי־טעאָרעטיקער און טעמפּע זשורנאַליסטן, וואָס זע־נען מיד געוואָרן צו שרײַבן אייביק די זעלביקע לייט־אַרטיקלען.

ווען די מלחמה מיטן דײַטש איז אויסגעבראָכן, איז ניקאָלײַ פּיאָדאָ־ראָוויטש זשילין שוין געווען אַ געענדיקטער פּאָליט־קאָמיסאַר פֿון אַ מי־ליטער־אײנהייט. ער האָט שוין געקאָנט קאָמענטירן די רעדע פֿונעם „פֿאָ־טער פֿון די פֿעלקער" אין די „סוואָדקעס" פֿון אינפֿאָרמביוראָ. ער האָט געזוכט פֿאַרדעכטיקטע, די אונטערגראָבער פֿון דעם סאָוועטישן פֿאָטערלאַנד. און זײַנע אויגן זענען ניט איין מאָל אָנגעלאָפֿן מיט שיכּרות פֿון פֿאַרטילי־קונג. און דאָך האָט אים געצויגן צום אָפֿענעם מענטשישן וואָרט... זײַן האַרץ איז שוין אָבער געווען פֿאַרשטיינערט, און דאָס געפֿיל אַז אין זײַן

וואָרט ליגט כּוח, האָט אים שיכּור געמאַכט. מען האָט געמאָנט ביי אים באַוויַיזן פֿון זיַין וואַכזאַמקייט, און אין האַלב־שיכּרות האָט ער געוויגן מענטשלעכע לעבנס אויף דער וואָג פֿון זיַין אויסגעקרימטער מאָראַל. וועמען? — עמעצן דאַרף ער דאָך אויסגעבן?... דער מולך וואַרט! וועמען? ער האָט געלאָזט דורכשפּאַנען דורך זיַינע אײַזיק־קאַלטע אויגן אַ לאַנגע שורה מענטשן, די אַלע וואָס ער האָט באַגעגנט. וועמען וועט ער איבערגעבן?...

> „ער האָט געשיכּורט, געלאַכט מיט אַ קאַלט געלעכטערל צו די נאָענטסטע אַפֿילו, גוטברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, און געזען יעדן איינעם אויף די סיבירער שנייפֿעלדער, אויף שטיינערנע טרעפּ פֿון פֿינצטערע קעלערן. טייל מאָל איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיטן וויסטן שטראָם פֿון פֿאַרמשפּטע און אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגעכאַפּט צום אייגענעם אָרעמען גוף. ער האָט געגלייבט אַז עס איז דאָ אַן אינעווייניקסטער שונא. ווער איז ער אָבער?" (דאָרט, ז' 509).

דאָס איז אַ קינסטלערישע ביאָגראַפֿיע פֿון אַן „אַפּאַראַטשיק", פֿון אַ סאָוועטישן ביוראָקראַט, פֿון אַ „פּראָפֿעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער", וועלכן לענין האָט נאָך פֿאַר אָקטאָבער באַשטימט ווי דעם שעפֿער פֿון דער רעוואָלוציע, און וואָס איז נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן די הויפּטקראַפֿט — די געהיימע מלוכה־פּאָליציי — וועלכע האָט אָפּעריִרט אונטער פֿאַרשיידענע נעמען און באַשיצט דעם קאָמוניסטישן רעזשים, געזיכערט די עקסיסטענץ פֿון רעגירונגס־„אַפּאַראַט", וואָס הערשט איבערן פֿאָלק מיט אַן אײַזערנער האַנט.

זשילין איז פֿון דער נאַטור ניט שלעכט, ער בענקט נאָך אַן אָפֿן און אויפֿריכטיק „מענטשלעך וואָרט"; עס מאַטערט אים אויך אָפֿט דאָס געוויסן, און עס דערוועקט זיך אַ „רחמנות" צו די פֿאַרמישפּטע. אָבער ער האָט געגלייבט און געזען, אַז עס זענען פֿאַראַן שונאים און שעדיקער אין לאַנד, און ער דאַרף טאָג־טעגלעך דערוויַיזן זיַין „וואַכזאַמקייט", זיַין געטרײַשאַפֿט צום רעזשים...

מענדל מאַן האָט די טרילאָגיע געשריבן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מל־חמה. שפּעטער זענען באַקאַנט געוואָרן נאָך אייניקע פּרטים וועגן דער דראַמע אין דײַטשן דערפֿל בעלזאָק. דער מערדער האָט פּחדניש געשאָסן דעם גענעראַל אין פּלייצע, און ווען דער קרבן האָט, ווי עס שײַנט, זיך אויס־געדרייט צו אים מיטן פּנים, האָט ער אים אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. אַזוי אַז עס זענען געווען צוויי „פֿאַרבלאָנדזשעטע קוילן" וואָס האָבן אָפּ־געראַמט פֿון וועג אַ ייִדישן העלד, און צוגעטיילט דעם כּבֿוד אַרײַנצוגיין קיין בערלין בראָש פֿון דער געפּאַנצערטער דיוויזיע זײַן פֿאַרטרעטער, אַ רייגבלוטיקן רוס...

*

אַזוי האָט מען בעת דער מלחמה ייִדישע העלדן איגנאָרירט, אינטרי־גירט, דענונצירט און געמאָרדעט, און נאָך דער מלחמה האָט מען פֿאַרגע־זעצט די פּאָליטיק פֿון „אָפּראַמען" ייִדישע נעמען און פֿעלשן די געשיכטע.

אין „װ א ָ ל ק א ָ ל א ַ ם ס ק ע ר ש א ָ ס י י" פֿון אַלעקסאַנדער בעק, אַ בוך וואָס פּרעטענדירט צו געבן אַן אויסשעפּנדיק בילד פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און וואָס האָט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון די העכסטע סאָ־וועטישע מאַכטאָרגאַנען, זענען די נעמען פֿון ייִדישע קאָמאַנדירן פֿאַר־ביטן מיט נעמען פֿון רוסן, אוקראַיִנער און אַרמענער. דאָס בוך איז דער־שינען אין פֿיל אויפֿלאַגעס און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פֿיל שפּראַכן — בלויז אין ישׂראל זענען דערשינען אַכט אויפֿלאַגעס פֿון דעם „ווערק", וואָס דערמאָנט אַפֿילו ניט דאָס וואָרט ייִד, אַזוי ווי עס וואָלטן קיין ייִדן בכלל ניט געווען אויף דער מלחמה, אין דער צײַט ווען די אָפֿיצירן פֿון די אַרטילעריע־ און פּאַנצער־אײנהייטן — ווי עס פֿאַרזיכערט מענדל מאַן — זענען געווען דאָס רובֿ ייִדן אינזשענירן.

מענדל מאַן האָט געקענט דעם מחבר. אַלעקסאַנדער בעק איז געווען אַ צײַט „פּאָליטרוק" אין זײַן אײנהייט און ער, ווי אַלע אַנדערע, האָבן

געשריבן געשיכטע לויטן דיקטאַט פֿון „נאַטשאַלסטווע", די סאָוועטישע מאַכטהאָבער.

דער פּאַלקאָווניק זשילין, וועלכער האָט מיט דערפֿאָלג אויסגעפֿירט די געהיימע אויפֿגאַבע, וואָס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן, האָט באַקומען זײַן לוין: די העכסטע אויסצייכענונג פֿון לאַנד, דעם אָרדן „העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד", וועלכן דער „פֿאָטער פֿון פֿעלקער" האָט אייגנהאַנטיק אים אַרויפֿגעלייגט אויפֿן לאַץ.

אָט דער נײַער „העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד" האָט נאָך מיט יאָרן צוריק שאַרף קריטיקירט מנחמס אַ בילד, וואָס האָט געוויזן ווי אַ סאָלדאַט מיט יידישע פּנים־שטריכן האָט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון נצחון איבערן האַקנ־קרייץ. אַזאַ פּנים, האָט ער געטענהט, דאַרף זײַן אַ רוסיש; אויב ניט באַ־קומט זיך דאָך דער אײַנדרוק, אַז דעם זיג איבערן שׂונא „האָלט אָפּ אַ צווייטע נאַציע"... לעניִן און זײַנע נאָכפֿאָלגער האָבן געלייקנט, אַז ייִדן זענען אַ נאַציע; דאָך האָט אַ ייִדיש פּנים אויף אַ בילד, אָדער אַ ייִדישער נאָמען אין דער געשיכטע, אַרויסגערופֿן בײַ זיי דעם געשפּענסט פֿון אַ „נאַציע", וואָס האָט טיפֿע געשיכטלעכע וואָרצלען און שטעלט אין שאָטן די אַלע אַנדערע. עס הייסט, אַ זיג פֿון אַ ייִדן איבער היטלערן איז ניט קיין „סאָוועטישער" זיג, נאָר אַ ייִדישער; און אַ ייִדישער העלד איז ניט „אונדזער" סאָוועטישער העלד, נאָר אַ העלד פֿון אַ „צווייטער" נאַציע. פֿון אַזאַ פֿילאָסאָפֿיע, ביזן מאָרד פֿון אַ דערפֿאָלגרײַכן ייִדישן גענעראַל, וואָס איז געוועזן פּאָפּולער איז ניט מער ווי אַ לאָגישער און אומפֿאַרמײַד־לעכער שפּאַן...

ניקאָלײַ פֿיאָדאָראָוויטש זשילין, דער פּויערים־זון, וואָס איז אויפֿגע־שטיגן צו די העכסטע שטאַפּלען פֿון דער קאָמוניסטישער היעראַרכיע, איז געוועזן אידענטיפֿיצירט מיט די אידעאַלן, וואָס האָבן געהערשט אין די פּאַרטייששפּיצן, און איז געוועזן גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן „זאַ פּאַרטיו אי זאַ אָטיעטשעסטוואָ", דער לאָזונג מיט וועלכן די פּאַרטיימענטשן האָבן גע־

פֿירט די פֿאָטערלענדישע מלחמה. פֿאַרן פֿאָלק איז אָנגעגאַנגען באַר די צווייטע העלפֿט פֿון דער פֿאָרמול: פֿאַרן פֿאָטערלאַנד!

די מ ל ח מ ה ־ ט ר י ל אָ ג י ע פֿון מענדל מאַן איז אַן אויטאָביאָגראַפֿיש און רעאַליסטיש ווערק, וואָס גייט אין די פֿוסטריט פֿון די מלחמה־אָפּעראַציעס, איז פֿאַרבונדן מיט אָרט און מיט צייַט, און דערציילט די איבערלעבונגען פֿון מחבר און די דערשייַנונגען פֿון דער ווירקלעכקייט. אויטאָריטעטן און מלחמה־סטראַטעגן האָבן געפֿונען אַ באַזונדער אינטערעס אין דעם בוך, און אים רעקאָמענדירט פֿאַר די מיליטערישע שולן אין פֿראַנקרייַך. אונדז אינטערעסירט אָבער אין דער ערשטער ריי, דער ייִדישער און דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַספּעקט פֿון דער דראַמע, און דערבײַ דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז דער רעאַליזם שליסט ניט אויס די מיטאַרבעט פֿון דער פֿאַנטאַזיע. פֿאַרקערט, דער מחבר בלאָזט אַרייַן אין די טרוקענע פֿאַקטן אַ רוח־החיים פֿון זייַן וויזיע, וואָס ווערט אינספּירירט דורך דעם מיסטעריעזן חוש, וועלכן מיר רופֿן אַן א י נ ט ו י צ י ע. דער קינסטלער וואָס באַזיצט אָט די העכסטע מתּנה פֿון דער נאַטור פֿעלשט ניט די ווירקלעכקייט, נאָר דערגאַנצט און באַלעבט זי. נאָר אַ דאַנק די „גאונים פֿון דער אינטואיציע" ווי עס האָט געזאָגט פֿרויד קאָנען מיר דערזען דעם „גאַנצן אמת פֿון לעבן", און אין דעם פֿאַל: דעם אמת פֿון ייִדישן גורל אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי עס שילדערט אים מענדל מאַן אין זייַן טרילאָגיע.

*

קורץ נאָכן טויט פֿון גענעראַל טשערניכאָווסקי, האָט די גאַנצע וועלט חושד געווען, אַז ער איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון טיראַן. דאָס איז אַ לעבעדיקער פֿאַקט. אָבער ווער און וואָס איז באַהאַלטן הינטער דעם פֿאַקט, איז געווען אײַנגעהילט אין טיפֿסטן סוד, וועלכן עס קאָן אַנטפּלעקן בלויז די קינסטלערישע וויזיע. און מענדל מאַן גיט אונדז אַן דעם ווי אַזוי און פֿאַר וואָס עס איז אויסגעפֿירט געוואָרן דער מאָרד; עס איז ניט וויכטיק צי דער מערדער איז טאַקע געווען זשילין, אָדער ער האָט געטראָגן אַן אַנדער

באַמען. ער האָט אָבער ניט געקאָנט זײַן קיין אַנדערער ווי אַ טיפּ פֿון דער מדרגה זשילין, און אויך די מיסטעריע פֿון פֿאַר וואָס — דער גורם פֿון פֿאַרברעכן — ווערט אויפֿגעקלערט אין דער קינסטלערישער שילדערונג, ווי מיר וועלן עס ווײַטער דערוויזן.

זשילין האָט זיך דערמאָנט די סצענע ווי זיי האָבן געטרונקען „פֿאַרן ליכטיקן אָנדענק" פֿון אַרמיי־גענעראַל טשערניכאָווסקי. די הענט האָבן אים געציטערט ווען ער האָט גענומען צום מויל דעם באָקאַל... באַבאַדזשאַנין האָט אים דעמאָלט געזאָגט:

> „— ווייסטו וואָס דער פֿאָטער פֿון די פֿעלקער האָט מיר איין מאָל געזאָגט? דו ווייסט ניט? טאָ הער דאָס און געדענק: דער הויפּט־קאָמאַנדיר סטאַלין האָט געזאָגט: דעם פֿײַנט מײַנעם קלײַב איך זיך אַליין אויס. פֿאַרשטייסט דאָס? געדענק, זשילין, דאָס זענען גרויסע ווערטער! חזר זיי איין טויזנט מאָל: דעם פֿײַנט זאָלסטו אַליין אויסקלײַבן! זאָלסט ניט וואַרטן ביז ער וועט דיך באַשטימען פֿאַרן שונא — דו באַשטים ווער איז דײַן שונא!" (דאָרט, ז' 557).

סטאַלין פֿלעגט ניט וואַרטן ביז יענער זאָל אים ווערן אַ שונא, נאָר אים ליקווידירט באַצײַטנס ווי אַ פּאָטענציעלן שונא, וואָס קאָן מיט דער צײַט ווערן אומבאַקוועם און פֿײַנדלעך. די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער סאָ־וועטישער דיקטאַטור האָט ער נאָך געלערנט פֿון לענינען, וועלכער האָט גלײַך נאָך דעם זיג איבער קערענסקיס אַרמיי, פֿאַרנאַרט אויף אַ הוליאַנקע די קראָנשטאַטער מאַטראָסן, וועלכע זענען געווען דער הויפּטפֿאַקטאָר פֿון נצחון, און דורכגעפֿירט איבער זיי אַ מאַסן־שחיטה. צווישן די מאַטראָסן האָבן שטאַרק געהערשט די אַנאַרכיסטישע שטימונגען, און זיי וואָלטן מיט דער צײַט געקאָנט ווערן אַן אומבאַקוועמער שותּף, וואָס וועט שטערן דער אַליינהערשאַפֿט פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

אַזוי האָט אויך שפּעטער סטאַלין פֿאַראָרדנט צו ליקווידירן צען טויזנט פּוילישע אָפֿיצירן און סאָלדאַטן אין קאַטין, וועלכע האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון וואַרשע. דאָס זענען געווען רעשטלעך פֿון דער פּויליִ־שער נאַציאָנאַלער אַרמיי, וועלכע וואָלטן מיט דער צײַט געקאָנט ווערן

פֿייַנדלעך צו רוסלאַנד. איז דער „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער״ זיך פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און באַצייַטנס זיך „אויסגעקליבן פֿאַר שׂונאים״. אויף אַן ענלעכן אופֿן זענען אויך פֿאַרבעטן געוואָרן צו פֿייַערן דאָס אייַנגעמען ווילנע די אָפֿיצירן און סאָלדאַטן פֿון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־טיילן, וועלכע האָבן אָפּערירט אין די אַרומיקע וועלדער. נאָך דער שׂימחה האָט מען אַרומגע־רינגלט דאָס הויז און זיי אויסגעשאָסן...

סטאַלין, און נאָך פֿריִער פֿאַר אים זייַנע לערער: לענין — און ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט אויסזען — אַפֿילו קאַרל מאַרקס, האָבן „אויס־געקליבן״ די ייִדן פֿאַר פּאָטענציעלע שׂונאים פֿון דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָלוציע. ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, איז דער יונגער קאַרל אָפּגעשמדט געוואָרן דורך זייַנע עלטערן אין די פֿריִע קינדער־יאָרן „ער זאָל ניט לייַדן פֿון זייַן ייִדישקייט״ און ווי עס שייַנט, האָט די שׂינאה און ביטול פֿון די עלטערן צו זייער אָפּשטאַם, געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען אין זייַן האַרצן. זייַן ערשטן עפֿנטלעכן אַרויסטריט אויף דער סאָציאַליס־טישער וועלט־אַרענע האָט ער געשריבן שוין אין רייַפֿן עלטער און אין דער עמיגראַציע, אונטערן נאָמען „אַ וועלט אָן ייִדן״...

מאַרקס האָט מקדים־געווען די אַלע אַנטיסעמיטישע אידעאָלאָגיעס פֿון 20סטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן געפּריידיקט וועגן אַ וועלט וואָס זאָל זייַן „ייִדן־ריין״. „די בורזשואַזע געזעלשאַפֿט, האָט ער געשריבן אין דעם ווערק, איז אַרויסגעוואַקסן פֿון ייִדישן אינגעווייד... און דאָס ייִדנטום קאָן ניט שאַפֿן קיין נייַע וועלט... די סאָציאַלע עמאַנציפּאַציע פֿון ייִדנטום, איז די עמאַנציפּאַציע מצד דער געזעלשאַפֿט פֿון ייִדנטום״... עס הייסט, אַז אויב די וועלט וועט זיך באַפֿרייַען פֿון ייִדנטום, וועט עס אויך זייַן אַ דער־לייזונג פֿאַר די ייִדן... היטלער האָט געגרייט אַזאַ דערלייזונג, און אויף די וועגן איז אויך געגאַנגען סטאַלין. נאָך דער דערפֿאַרונג מיט טראָצקין, האָט אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד יעדער טאַלענטירטער און דערפֿאָלגרייַ־כער ייִדישער גענעראַל, און עס איז אים ניט ליב געווען יעדער ייִד. זייַן טאָכטער האָט ער פֿאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט אַ ייִדן.

אין די סאָציאַליסטישע לענדער ווערט די שטודירנדיקע יוגנט דער עיקר געשפּײַזט מיטן קאַפּיטאַל פון קאַרל מארקס, און מיט די ווערק פון ענגעלס. דאָס ערשטלינגווערק פונעם פאָטער פון „וויסנשאַפטלעכן" סאָציאַליזם איז ניט פּאָפּולער צווישן ברייטן עולם, עס וואָלטן געוועזן פאַר אים זייער שאָקירנדיק אַזעלכע פּאָסטולאַטן ווי: „דער גאָט פון ישראל איז דער גאָלדענער קאַלב... דאָס איז דער יידישער מאָנסטער, וואָס באַהערשט די וועלט און פירט אָן מיט איר... די אילוזאָרישע נאַציאָנאַליטעט פון יידן איז די נאַציאָנאַליטעט פון סוחר, דעם פינאַנצמאַן"... אָבער אין די „ארבּפּאַקן", ווו עס ווערן אויף גיך אויסגעבאַקן פּאַרטיי־פונקציאָנערן, ווו עס האָבן שטודירט די זשילינס, ווערט „אַ וועלט אָן יידן" יאָ געלערנט...

*

ווי נאָר לענין איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער געשיקט אַ פאַר־טרויונגסמאַן אין זיין געבוירן־שטאָט, ער זאָל פאָרווישן דאָרט יעדן שפּור פון זיין יידישער באָבען, שרה בלאַנק. ער האָט געוואָלט אַז זיין פּערזענ־לעכע ביאָגראַפיע אין די בלעטער פון דער רוסישער געשיכטע זאָלן זיין ריין פון יידישע נעמען. דאָס האָט אויך גאָר אין קורצן געבראַכט צום אויסדרוק אַ גאַנץ אַלטן באַגער, וואָס האָט געדרימלט אין די אונטערבאַ־וווסטזיניקע שיכטן: אַ באַגער צו זען „ריין" די גרויסע רוסישע שטעט פון יידישע מענטשן.

ווען די דײַטשע אינוואַזירער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס, און די אַלייִרטע אַרמייען זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון בערלין, האָבן די פּליטים פון טאַשקענט, פון אַלמאַ־אַטאַ, פון די מיטל־אַזיאַטישע מדבריות, אָנגעהויבן צוריקקומען, אין אָפּגעריבענע וואַטענע שפּענצערס, צעיוירענע לאַפּטשעס, אין אויסגעריבענע וואַליקעס. די קינדער געוויקלט אין קאָלדרעס, אין שמאַטעס, זיצן זיי גאַנצע משפּחות אויף הילצערנע קעסטלעך אין די וואַקזאַלן, אויף די גאַסן. זיי קאָנען ניט אַרײַן אין זייערע אַמאָליקע דירות, עס וווינען שוין דאָרט נײַע באַלעבאַטים. דער

גרעסטער טייל פֿון זיי זענען ייִדן, און גאָר אַ קליינער טייל פּאַרטיימענטשן און וויסנשאַפֿטלער, אָבער פֿאַר די לעצטע זאָרגט די רעגירונג.

יעדן טאָג ברעכן אויס געשלעגן, אָבער די מיליציאָנערן מישן זיך ניט אַרײַן אין די קריגערײַען. זיי דערלאָזן נאָר ניט צו קיין אָנלויף, און האַלטן אַ וואַך אויער צו די געשפּרעכן.

„אויף נײַ־פּיעשטשאַנער גאַס קלאַפּט אין טיר אַ זקן, אַ ייִד, מיט ציטערנדיקע הענט. וועט מען אים אַרײַנלאָזן אין זײַן היים? ער קומט צוריק פֿון אַזיע. זײַן זון איז געפֿאַלן בײַ סטאַלינגראַד.

אַ שטילע ייִדישע פֿרוי אין אָרעמע, טונקעלע קליידער, האָט אָוועקגעלייגט פֿאַרן ראַיאָנעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר פֿון מאָסקווע אירע פּאַפּירן.

— זעט, מײַן זון איז יוסף יאָפֿע. ער איז איצט זיבן און צוואַנציק יאָר. שעף פֿון שטאַב פֿון אַ מיליטער־איינהייט. ער פֿירט אָן מיט די גוואַרדייאישע מינעוואַרפֿער... אויפֿן בערלינער פֿראָנט... איך מוז דאָך צוריקבאַקומען מײַן היים...

דער רוס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ״. (דאָרט, ז׳ 541).

אויפֿן קאַזאַנער וואָקזאַל האָבן אינוואַלידן צעשלאָגן ייִדישע צוריקוואַנדערערס. זיי זענען געגאַנגען פֿון וואַגאָן צו וואַגאָן און געזוכט די „אַבראַשעס״ — די זשידעס זענען פּאַראַזיטן. האָט איינער געשריִען, זיי האָבן אין טאַשקענט פֿאַרמעגנס אָנגעשאַרט, און פֿירן מיט זיך גאָלד פֿון גאַנץ אַזיע...

*

באַלעסטיקט מיט דער מאַסע צוריקגעקומענע ייִדן פֿון דער עוואַקואַציע, וועמענס ווױנונגען זענען שוין פֿאַרנומען אין די גרויסע שטעט, האָט אַ מיטגליד פֿון דעם מעכטיקן פּאָליט־ביוראָ פֿון דער פּאַרטיי, „אַ נידעריקער אוקראַיִנער, אַ קרעפּטיקער, מיט אַ גלאַנציק פֿעט פּנים, פֿאַרריסענער נאָז און קליינע באַוועגלעכע אייגעלעך״, ווי עס שײַנט כרושטשאָוו בכבֿודו־ובעצמו, פֿאַרבעטן צו זיך אַ ייִדישן פֿאַרשטייער, אַ באַוווּסטן זשור־

נאַליסט, און געהאַלטן פֿאַר אים, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אַ לאַנגע אָבער זייער כאַראַקטעריסטישע רעדע.

ווער פֿון אונדז האָט זיך ניט געשאַפֿן אַ וועלכע ניט איז פֿאַרשטע־לונג וועגן אָט דעם דורכגעטריבענעם מוזשיק, וואָס האָט ווי אַ קאָמעט זיך דורכגעטראָגן איבערן סאָוועטישן הימל, אַראָפּגעריסן פֿון זײַן פּעדעס־טאַל דעם „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער" און אַליין גיך אײַנגעזונקען אין פֿאַר־געסונג? דאָס איז געווען אַ פֿאַרבנרײַכע פּערזענלעכקייט מיט אַ בײַסיקן הומאָר, זיכער איינער פֿון די צום מערסטן טאַלענטירטע סאַטראַפּן, וועל־כער האָט זיך אויסגעהאַדעוועט אין דער שלאַנגען־נאָרע פֿון דער באַלשע־וויסטישער דיקטאַטור.

ווי אַן עכטער קינסטלער, אידענטיפֿיצירט זיך מענדל מאַן מיט זײַנע ליטעראַרישע פֿיגורן, דרינגט אַרײַן אין זייערע נשמות, און ווײַזט יעדן איינעם ניט נאָר מיט זײַן אויסערלעכן פּרצוף, נאָר אויך מיט זײַן אינע־וויניקסטן מהות, מיט זײַן שפּראַך, זשעסטן און הוויות. ווי אַ הויך־טאַלענ־טירטער אַקטיאָר וואָס „פֿאַרקערפּערט" זיך אין זײַן ראָלע, וואָס „גייט אַרײַן" אין הויט פֿון זײַן העלד, אַזוי אינדיווידואַליזירט מענדל מאַן זײַנע פּערסאָנאַזשן, און לאָזט יעדן איינעם מיט זײַן שפּראַך און אויף זײַן אופֿן זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן. אָט ווי מענדל מאַן שטעלט אונדז פֿאַר אַ טיפּ כרושטשאָוו:

„— דו ביסט דאָך אַ ייִד פֿון אָפּשטאַם, ווייסטו אַז אײַערע רו־דערן אויף מאָסקווע? ממש אַן אינוואַזיע. כאַ־כאַ־כאַ... ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין טאַשקענט האָבן זיי פֿון די דאָרטיקע שענסטע גאַסן פֿאַרטריבן די אַלט־אײַנגעזעסענע. איצט האָבן זיי איבערגע־לאָזט אַ לײדיקע טאַשקענט... אַ פֿאַרוויסטע... זיי קומען אָן ווי הײי־שעריקן. יעדער סאָוועטישער מענטש, וואָס זיצט אין מאָסקווע, האָט קינדער אויפֿן פֿראָנט... פֿון ווען אָן איז עס בײַ אונדז, אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, דאָ ירושה־אייגנטום?... רוסלאַנד איז גענוג גרויס. וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט גראָד אויף מאָסקווע?...

ער האָט געשמייכלט, דער מענטש פֿון פּאָליט־ביוראָ, מיט אַ דראָבנעם צעריסענעם שמייכל.

דער ייִד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— וואָס ביסטו אַזוי טויט ערנסט? גיב אַ טראַכט, אַזוי פֿיל פּאַרוויסטע שטעט און דערפֿער, אַזוי פֿיל קאָלכאָזן צעשטערטע? פֿאַר וואָס זאָלן אײַעריקע אַהין ניט פֿאָרן? מאָסקווע איז איבערגע־לאָדנט.

— — — — — — — —

— וווּ איז אײַער קרבן־גרייטקייט פֿאַר אונדזער זאַך? איר האָט געליטן, איך פֿאַרשטיי אײַך. אָבער צום ווינציקסטן קענען זיך באַקלאָגן די ייִדן פֿון מאָסקווע... מיר האָבן אײַך באַשיצט...

— — — — — — — —

דער אוקראַיִנער האָט גוטברודעריש אַ שטויס געטאָן אים מיט אַ פֿינגער אין דער ברוסט און פֿאַרגעזעצט:

— כ'וועל זײַן מיט דיר אָפֿן. ביסט דאָך אַן אייגענער. דאָ רעדט מיט דיר אַ גוטער ברודער. איך בין דער באַלעבאָס פֿון אוקראַיִנע, ווייסטו אַז איך לאָז ניט אַרײַן די ייִדן קיין קיִעוו? איך טו עס צו־ליב אײַער טובֿה־וועגן. זאָלן זיי גיין קיין דרום. קיין קרעמענטשוג... נײַן, נאָך דרומער, קיין סימפֿעראָפּאָל... אַלע עשאַלאָנען מיט ייִדן שיקן מיר קיין דרום־אוקראַיִנע... דו פֿאַרשטייסט מיך? איך ווייס, אַז אויך ע ר שעצט דיך...

דער מאַן פֿון פּאָליט־ביוראָ האָט אויפֿגעהויבן די האַנט מיטן דראָענדיקן פֿינגער, און זײַן שטים איז געוואָרן ערנסט.

— דו דאַרפֿסט ווירקן אויף די ייִדן. איר האָט אַ צײַטונג. האָסט אַ פֿעדער פֿון אַ גענייטן זשורנאַליסט. איך לייען דײַנע אַרטיקלען אין פּ ר אַ וו ד אַ. עס זענען דאָ ייִדישע שרײַבער... צוויי מעגלעכקייטן זענען פֿאַראַן; בלײַבן אויף די ערטער וווּ די וואַקויִרטע זענען איצט דאָ — אין מיטל־אַזיע, אָדער — באַזעצן זיך אין די דערפֿער דרומדיק פֿון קיִעוו"... (דאָרט, ז' 542—543).

דער ייִד האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דער מאַן פֿון פּאָליט־ביוראָ מײַדט אויס אָנצורופֿן דעם קרימער האַלבאינדזל, פֿאַר וואָס ער וויל ניט אַרויסברענגען דאָס וואָרט „קרים" פֿון זײַן מויל. — איר מיינט אַז קרים וואָלט געווען פּאַסיק פֿאַר אַ באַנײַטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע? דער אוקראַיִנער איז אויפֿגעשפּרונגען און אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף דעם ייִדנס אַקסלען. זײַנע פֿעטע אייגעלעך האָבן זיך אַ גליטש געטאָן ווי קליינע פֿישעלעך אין די אייבערשטע מוטנע וואַסערן.

„— אַן אויסגעצייכנטער געדאַנק... קרים איז ליידיק... די טאַטערן האָבן פֿאַרראַטן... אַזאַ געטרײַ פֿאָלק ווי איר איז אַ גוטע גאַראַנטיע...

— די וואַנדערונג דאַרף קומען פֿון אײַך... איר דאַרפֿט דאָס טאָן... דער ייִדישער קאָמיטעט"... (דאָרט, ז' 543).

ברענגען אַזאַ פֿאָרשלאָג פֿאַר סטאַלינען האָט געהייסן אײַנשטעלן דאָס לעבן. אָפּגעבן קרים פֿאַר די ייִדן? אויב אַזאַ פּלאַן וועט דעם „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער" ניט געפֿעלן, וועט ער שווער באַשטראָפֿן... און אַזוי איז געווען, ווען די מיטגלידער פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, האָט מען זיי באַשולדיקט אין וועלן אָפּרײַסן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד דעם קרימער האַלבאינדזל...

אין דעם פּלאַן צו שאַפֿן אויף דער רוסישער טעריטאָריע אַ ייִדישע רעפּובליק, אָדער אַן אויטאָנאָמע געגנט, איז נאָר איין זאַך געווען זיכער: אַז מען האָט געוואָלט אויסראָטיקן די גרויסע שטעט פֿון ייִדן, און שאַפֿן ווי אין די גוטע צאַרישע צײַטן אַ מין נײַע „טשערטאַ אָסעדלאָסטי", אָבער אונטער אַ סאָוועטישער פֿאָן האָט זי געדאַרפֿט טראָגן אַן אַנדער נאָמען. דאָס איז געווען אַ באַהאַלטענע כּוונה פֿון די אַלע סאָוועטישע קאָלאָניזאַציע־פּלענער פֿאַר ייִדן, וואָס דער באַרעדעוודיקער כּאַכאָל האָט אויסגעפּלאַפּלט גאַנץ אָפֿנהאַרציק: „איך לאָז ניט אַרײַן די ייִדן קיין קיִעוו!" און האָט דערבײַ צוגעגעבן היפּאָקריטיש, אַז ער טוט עס „צוליב זייער טובֿה־וועגן", ווײַל מען וועט די זשידעס פּאָגראָמירן, און די פּאָליציי וועט, ווי אין מאָסקווע, אויב ניט צוהעלפֿן, איז ניט שטערן...

דער אַלטיטשקער קאַלינין, וואָס האָט אין אַ „ציוניסטישער" רעדע פֿײַערלעך פּראָקלאַמירט ביראָ־בידזשאַן פֿאַר ייִדן, האָט זיי פּאַטערלעך געראָטן צו פֿאַרלאָזן „די גרויסע שטעט" און בויען אַן „אייגן לאַנד" אויף אַ טעריטאָריע, וועלכע איז זיי צוגעטיילט געוואָרן הינטער די הרי־חושך, זייער ווײַט פֿון קיִעוו און ווײַט פֿון מאָסקווע...

אָבער אויך אויף דעם האָט מען צום סוף חרטה געהאַט, און סטאַלין האָט באַשטימט נאָכצוטאָן היטלערס בײַשפּיל און געבן דער ייִדן־פֿראַגע

אַן „ענדגילטיקע לייזונג״, זיי פֿאַרשיקן אויף אומקום אין די טײַגעס פֿון סיביר, און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן „ייִדן־ריין״ די סאָוועטישע טעריטאָריע.

*

די דײַטשן האָבן געשטעלט אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד, און האָבן געקעמפֿט פֿאַר יעדן שפּאַן פֿון זייער היימישער ערד. זיי האָבן געוווּסט אַז בײַ די רוסן וועלן זיי קיין האַניק ניט לעקן. צו פֿיל צאָרן האָט זיך אָנגעזאַמלט קעגן דײַטש אין האַרצן פֿון רוסישן פֿאָלק. אין די אָקופּירטע געגנטן האָבן זיי גרויזאַם באַהאַנדלט די רוסישע באַפֿעלקערונג. מאַסן־עקזעקוציעס, רויבערײַען, פֿאַרגוואַלדיקונגען, דעפּאָרטאַציעס אויף שקלאַפֿן־אַרבעט און שאַנדהײַזער, איז געווען אַ פּערמאַנענטע דערשײַנונג. לידיצע פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע, אין וועלכער די דײַטשן האָבן ניט געלאָזט קיין לעבעדיקן נפֿש, און די שטאָט פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַרג אַש, איז געווען אַ מוסטער פֿון דער נאַצישער הערשאַפֿט אויף דער רוסישער ערד.

דער רוסישער סאָלדאַט האָט געוווּסט, אַז אויב ער פֿאַלט אַרײַן אין דײַטשער געפֿאַנגענשאַפֿט דערוואַרט אים אַ ביטערער סוף, אָדער זיך אָנ־שליסן אין וולאַסאָווס „הילפֿסמיליטער״ און קעמפֿן קעגן די אייגענע ברי־דער. דער רוסישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט האָט אויף דעם געביט זיך אויסגעצייכנט, און אין דער צײַט פֿון דער מלחמה זענען דאָס פֿאָלק אין לאַנד און די זעלנער אויפֿן פֿראָנט, געווען גוט אינפֿאָרמירט וועגן די דײַ־טשע גרויל־מעשׂים אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. אין דעם איז באַ־זונדערש געווען גרויס דער פֿאַרדינסט פֿון איליאַ ערענבורג, וואָס האָט אויפֿגעטאָן פֿאַרן זיג איבערן שונא „מער ווי אַ טוץ גענעראַלן״, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער באַערונג, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן.

„דער רוסישער זעלנער [שרײַבט מענדל מאַן] האָט זיך געשלאָגן דערפֿאַר ווײַל ער האָט געגלויבט, אַז עס וועלן קומען צוזאַמען מיטן נצחון, גרויסע ענדערונגען אין לאַנד גופֿא, אַ נײַע פֿרײַע צײַט. זיי האָבן זיך געשלאָגן פֿאַרן לעבן, קעגן דיקטאַטור, קעגן הונגער, זיי

האָבן געוואָלט אויפֿברעכן דעם אײַזערנעם רינג פֿון טעראָר און שרעק וואָס האָט אַרומגעכאַפּט רוסלאַנד און גאַנץ אייראָפּע.

ביים סאָוועטישן פֿאָלק האָט זיך דער ווילן צו פֿרײַהייט אויסגע־דריקט אין אַ פֿאָלקסצאָרן קעגן נאָך אַ ברוטאַלער דיקטאַטור ווי די היימישע — קעגן די פֿאַרטיליקער פֿון פֿעלקער, קעגן די צעשיסער און פֿאַרגאַזער". (דאָרט, ז' 631).

דאָס האָט געגעבן די רוסן קראַפֿט צו קעמפֿן און צו זיגן.

סאָבאַיעוו, דער נײַער שעף פֿון שטאַב אין וועלכן מנחם איז געווען דאָלמעטשער, האָט איין מאָל געוויזן אַ מאָסקווער מיליטערישן קאָרעס־פּאָנדענט, סימאָנאָוו, די צייכענונגען, וועלכע מנחם האָט געמאַכט פֿון די געפֿאַנגענע דײַטשן.

„— זעסט די גערמאַנצעס ? אַלע זענען זיי דורכגעגאַנגען דורך דעם צימער. דאָס האָט זיי מיכאַיִל געצייכנט. אַזוי אַרײַנדרינגען אין די נשמות זייערע קאָן נאָר אַ קינסטלער, וואָס פֿאַרשטייט ווער עס זענען אָט די סוואָלאָטשעס...

דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט האָט געדריקט מנחמס האַנט.

— מאָלאָדיעץ. זיי וועלן אַמאָל דינען ווי אַ שטודיום פֿאַר אונדזערע היסטאָריקער פֿון דער פֿאָטערלענדישער מלחמה. די גערמאַנסקע נשמה ליגט אויבן־אויף. עס איז גענוג אָנצוקוקן איין ראָזשע ווי דו דערזעסט דאָס גאַנצע פֿאָלק. האָסט מיר געהאָלפֿן ריכטיק דערזען דאָס פּנים פֿון דײַטשישן פֿאָלק. אָ, מיר האָבן זיך אָפּילו ניט באַקענט ! מײַן נאָמען איז סימאָנאָוו". (דאָרט, ז' 591).

סימאָנאָוו האָט דערציילט וועגן זײַנע יידישע פֿרײַנד. ער האָט אָנגע־רופֿן נעמען פֿון יידישע אָפֿיצירן, וואָס ער האָט נאָר־וואָס באַגעגנט.

„— זיי זענען גרויסע העלדן, די יידן... באַדײַטנדיקע פֿאָלקן־פֿירער : גענעראַל־מאַיאָר קריוואָשיין... גענעראַל־מאַיאָר פֿון טאַנקן־מיליטער ווײַנריב... פֿאָלקאָווניק סמאָלין... גענעראַל־לייטענאַנט פֿון אַרטילעריע ראָזאַנאָוויטש... איר האָט געגעבן אַ גרויסן בלוט־צו־שטײַער... דאָס פֿאַרטיידיקן יידן האָט גערייניקט אונדזער געווער... אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פֿון אונדזערע פֿענער"... (דאָרט, ז' 592).

„סימאָנאָוו, האָט אים געזאָגט מנחם, דו ביסט אַ רוס און איך — אַ ייד,

לויט סאָבאַיעוון זענען מיר „סאָוועטישע מענטשן״... דער פֿײַנד, דער גרויזאַמער, האָט אונדז צונויפֿגעבונדן... וואָס וועט זײַן נאָך דעם? איך האָב מורא פֿאַר די נאָכמלחמה־טעג. די שׂינאה צו אײַך פֿון די דײַטשן וועט אָפּגעמעקט ווערן. אָבער די שׂינאה צו אונדז וועט בלײַבן...״.

עס איז זייער גיך אָפּגעמעקט געוואָרן די שׂינאה פֿון די רוסן צו די דײַטשן. באַזונדערש אין די „אָפֿיציעלע״ קרײַזן. נאָך אַ זיגרײַכן קאַמף בײַ די טויערן פֿון בערלין, האָט דער שטאָב געפֿײַערט די געשעעניש און בײַ דער געלעגנהייט האָט סאָלאָוכין, געוועזענער געשיכטע־לערער פֿון אַ סאַראַטאָווער מיטלשול געזאָגט: — „פֿראַנץ מערינג האָט אין זײַן ווערק „די לעגענדע וועגן לעסינג״ געשריבן: „אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע איז שווער צו געפֿינען אַזאַ קראַפֿט, וואָס זאָל זײַן אַזוי אָרעם אין גײַסט און אַזוי רײַך אין מענטשלעכער געפֿאַלנקייט ווי דער קלאַס דײַטשע פֿירשטן...״. דער איטאַליענישער פּאָעט אַלפֿיערי האָט געהאַלטן בערלין פֿאַר אַ „ריזיקער פֿינצטערער קאַזאַרמע״. אונדזער גרויסער שרײַבער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין האָט געזאָגט נבֿיאישע רייד: „בערלין איז געשאַפֿן געוואָרן אויף מענטשנמאָרד״.

מנחם איז געזעסן מיט סאָלאָוכינען און גערעדט וועגן די דײַטשן. זײַנע שאַרפֿע רייד קעגן די דײַטשן זענען אָבער זײַן מיטשמועסער ניט געפֿעלן.

„— דו ביסט אַ ייִד [האָט ער געזאָגט]. דאָס פֿיל איך פֿון דײַן שׂינאה צו די דײַטשן. ביזן אײַננעמען בערלין איז דאָס גוט געווען פֿאַר אונדז. ס׳האָט געשטאַרקט אונדזער קאַמף. איצט איז זי שוין ניט נייטיק. מײַן רעדע איז געווען די לעצטע. נאָך דער דײַטשישער קאַפּיטולאַציע וועלן מיר דאַרפֿן קאָרעגירן די רייד... מיר דאַרפֿן צופּאַסן אונדזערע רעדעס צו דער נויטווענדיקייט פֿון דער סיטואַציע. איך וועל דאָס קענען. דו וועסט בלײַבן מיט דער שׂינאה צו דעם דײַטשישן פֿאָלק. דאָס וועט דיך איזאָלירן״... (דאַרט, ז׳ 639).

אין שײַכות צו די ייִדן האָט די „סיטואַציע״ זיך ניט געענדערט. פֿאַרקערט, נאָך דער מלחמה האָט די שׂינאה צו ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד זיך

צעפּלאָקערט מיט אַ העלישן פֿײַער, וואָס האָט דעם פּיל אָנגעליטענעם ייִדישן פֿאָלק פֿאַרשאַפֿט גרויסע לײַדן.

*

פֿון אַ טויער האָט זיך ערגעץ אַרויסגעריסן אַ גרופּע קאַצעטלער אין פּאַסן־קליידער. זיי גייען דעראַבערן ציווילע באַקליידונג. עס פֿירט זיי אַ יונגער סאָוועטישער אָפֿיציר. אויפֿן וועג האָט איינער אַראָפּגעריסן פֿון אַ טיר אַן עמאַלירט בילד מיט אַ האַקנקרייץ. אַ צווייטער האָט געוואָרפֿן אַ שטיין אין אַ פֿענצטער. אַ גרופּע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ קליידער־געשעפֿט און אָנגעהויבן אויפֿברעכן די אײַזערנע טיר. אין דעם האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט אַ לאַסטמאַשין און צוויי רוסישע אָפֿיצירן זענען אַרויס.

— וואָס קומט דאָ פֿאָר ? — האָבן זיי מיט אַ געבייזער געפֿרעגט.

— מיר דאַרפֿן קליידער !

— ווער זײַט איר ?

— ווער מיר זענען ? קאַצעטלער זענען מיר. גענוג פּאַראַדירט אין שאַנדקליידער ! איר זעט די טראַנשייען ? דאָס האָבן מיר געגראָבן מיט עטלעכע טעג צוריק, זיי האָבן אונדז געבראַכט אויף צוואַנגאַרבעט קיין בערלין.

— פֿאַר וואָס האָט איר זיך ניט קעגנגעשטעלט ? פֿאַר וואָס האָט איר געהאָלפֿן באַפֿעסטיקן בערלין ? ווער זײַט איר ? איך מיין לויט דער נאַציאָנאַליטעט.

— ייִדן...

— ייִדן ? נו, איז שוין אַלץ קלאָר. — דער אָפֿיציר האָט אַ בייזן בליק געטאָן אויף די באַפֿרײַטע קאַצעטלער און צוגערופֿן דעם אָפֿיציר, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן אָן אַ זײַט. — דערלויבט, וואָס טוט איר דאָ צווישן דעם אָנלויף ?

— דאָס איז ניט קיין אָנלויף. דאָס זענען באַפֿרײַטע בירגער.

— איר ענטפֿערט ניט צו דער זאַך: וואָס טוט איר דאָ און ווער זײַט איר?

— ווער איך בין?... איך וועל זיך לעגיטימירן פֿאַר דער מיליטער־מאַכט...

— דײַן צונג איז ווי אויף שרויפֿן... האָסט אָודאי געטראָפֿן אייגענע? אַ יעווערעי האָט יעווריעיס געפֿונען... כ׳פֿאַרשטיי... כ׳פֿאַרשטיי...

— זעסט ווי מען נוצט אויס דעם נצחון? ווי דרייסט זיי זענען?... דאָס איז אַ דיסציפּלין־צעשטערערישער עלעמענט... — האָט געזאָגט איינער פֿון די רוסישע אָפֿיצירן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אָנגריף אויף דער רײַכס־קאַנצע־לאַריע, אין די אונטערערדישע לאַבירינטן אין וועלכע עס האָט זיך אויס־באַהאַלטן היטלער און זײַן סוויטע. סטאַלין האָט פֿאַראָרדנט מען זאָל אים יעדע שעה צושטעלן באַריכטן און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די פֿאַרנומענע פונקטן אין שטאָט. באַבאַדזשאַנין איז געווען זײַן פּערזענלעכער קוריער. איין מאָל האָט ער אים געבראַכט אַ ידיעה, אַז אַ סאָוועטישער אָפּטייל געפֿינט זיך שוין אַ טויזנט מעטער פֿון רײַכסטאַג, און האָט אים געוויזן אַ בילד פֿון דער האַלב־חרובֿער געבײַדע. סטאַלין האָט באַטראַכט דאָס בילד און מיט אַ רויטן בלײַשטיפֿט געמאַכט אַ צייכן אויף איר שפּיץ: — דאָ, באַבאַדזשאַנין, דאַרף הענגען די סאָוועטישע פֿאָן...

אַ שעה שפּעטער האָט באַבאַדזשאַנין געפֿירט פֿון מאָסקווע די פֿאָן, וואָס וועט אַרויפֿגעצויגן ווערן אויפֿן רײַכסטאַג. דאָס געצייכנטע בילד מיט דער ספּעציעלער פֿאָן זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם מאַיאָר דאַווידאָוו וואָס האָט צוזאַמען מיט די באַטאַליאָנען פֿון קאַפּיטאַן ניעסטעראָיעוו און עלטערן לייטענאַנט סאַמסאָנאָוו געדאַרפֿט שטורעמען דעם רײַכסטאַג.

„מיט צוויי טעג שפּעטער, האָט באַבדזשאַנין גערופֿן די הויפּטקוואַר־טיר אין מאָסקווע און געמאַלדן:

„— היינט דעם 30סטן אַפּריל, 14 אַ זייגער מיט 25 מינוט, האָט דער

רוסישער סאָלדאַט, יעגאָראָוו, און דער גרוזינער, קאַנטאַריאַ, אַרויפֿגעצויגן די פֿאָן פֿון נצחון איבערן רײַכסטאַג".

דער צעוירענער קאַזאַך באַבאַדזשאַנין האָט פֿאַרשטאַנען די וויכטי־קייט, אַז לעבן דעם רוס זאָל דערשײַנען אַ גרוזינער אין זײַן באַריכט. ער האָט ספּעציעל אָרגאַניזירט די דאָזיקע סצענע פֿאַר דעם גרוזינער פֿון קרעמל. דאָס וועט הייבן דעם אַנזען פֿון גרוזינישן פֿאָלק, דאָס וועט פֿרייען סטאַלינען, וואָס זײַנס אַן אָפּשטאַמיקער איז צוזאַמען מיטן רוס דערגאַנגען דער ערשטער צום רײַכסטאַג. דערמיט וועט צו נישט ווערן די שלעכטע רעפּוטאַציע פֿון די גרוזינער סאָלדאַטן. גרויסע טיילן פֿון אוקראַיִנער האָבן פֿאַרראַטן, די ווײַסרוסן האָבן זיך געלאָזט לײַכט אָקופּירן. די טאָטערן האָבן פֿאַרראַטן. די קאַווקאַזער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ניט שטאַנד־האַפֿטיקע, און די ייִדן ?... דאָס וואָלט געווען אַ שאָטן אויפֿן נצחון. עס וואָלט אויסגעקומען אַז ניט רוסלאַנד, נאָר דאָס וועלט־ייִדנטום האָט גע־זיגט !... באַבאַדזשאַנין האָט עס אַלץ פֿאַרשטאַנען. עס איז געווען אַ געהיי־מע אָנווײַזונג ניט אַרויסצוהייבן די ייִדישע העלדן און קאָמאַנדירן פֿון סאָ־וועטישן מיליטער, אויסצומײַדן בײַם פֿאַרעפֿנטלעכן די נעמען פֿון העלדן ייִדן, דעם ספּעציפֿישן קלאַנג פֿון זייערע נעמען... דאָס וועט זײַן אויף דער האַנט פֿון דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע וועגן בונד צווישן קאָמוניזם און ייִדן.

אַזוי האָט מען געפֿעלשט די פֿאַקטן בעתן קריג און געפֿעלשט די גע־שיכטע נאָכן קריג, מיטן אײנציקן ציל צו מינימיזירן דעם ייִדישן אָנטייל אין דער מלחמה און פֿאַרמינערן די ווערדע פֿון ייִדישן פֿאָלק. אַזוי פֿיל גבֿורה, בלוט, גײַסט און לעבנס האָבן ייִדן אַוועקגעגעבן אויף די שלאַכט־פֿעלדער פֿון מאָסקווע ביז בערלין, און דאָס אַלץ איז, אין גרעסטן טייל, געבליבן אַנאָנים. דער ייִדישער העראָיִזם איז דיאַלעקטיש אויסגעטײַטשט געוואָרן, ניט לשבֿח נאָר לגנאי, צו שאַנד און צו שפּאָט. גרויסע ייִדישע אַרמיי־פֿירערס זענען פּחדניש דערמאָרדעט געוואָרן דורך „פֿאַרבלאָנדזשעטע

קוילן", כּדי זייער רום זאָל ניט וואַרפֿן קיין שאָטן, זאָל ניט פֿאַרטונקלען דעם נצחון פֿון רוסישן פֿאָלק.

די באָלשעוויקישע טעאָרעטיקער, אָנהייבנדיק פֿון לענינען, האָבן אָפּ־געפּסקנט, אַז עס עקסיסטירט ניט קיין ייִדישע נאַציאָנאַליטעט; ייִדן, האָבן זיי געזאָגט, געהערן צו דער נאַציאָנאַליטעט פֿון דעם פֿאָלק צווישן וועלכן זיי לעבן. אַזוי אַז די ייִדן פֿון רוסלאַנד האָבן קיין שום געמיינזאַמס מיט די ייִדן פֿון אַנדערע לענדער. ווען עס איז אָבער געקומען צום העלדישן אָנטייל פֿון די רוסישע ייִדן אין דער לעצטער מלחמה, האָט עס דערוועקט בײַ זיי אַ מורא, אַז דאָס וועט ניט פֿאַררעכנט ווערן אויפֿן חשבון פֿון רוסישן געוועזער, נאָר אויפֿן חשבון פֿון די „ייִדישע קעפּעלעך", פֿון „וועלט־ייִדנטום". וואָס פֿאַראייניקט די ייִדן פֿון אַלע לענדער אין איין פֿאָלק, אין איין ייִדי־שער נאַציע, און לייקנט אָפּ לענינס טעזע, אַז ייִדן פֿאַרמאָגן ניט קיין נאַ־ציאָנאַלע אַטריבוטן, קיין נאַציאָנאַלע קולטור, קיין געמיינזאַמע היסטאָרישע וואָרצלען, און דאַרפֿן דעריבער אָ נ נ ע מ ע ן ד י נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט פֿ ו ן ד י פֿ ע ל ק ע ר צ ווי ש ן וו ע ל כ ע ז יי ל ע ב ן...

*

זייער אַ כאַראַקטעריסטישן שמועס אין דעם זינען האָט געהאַט מנחם מיטן גימנאַזיע־לערער, סאָלאָוכין. דער ערלעכער, אינטעליגענטער און אויפֿריכטיקער רוס האָט די ייִדן־פֿראַגע אָפֿנהאַרציק פֿאָרמולירט אויף זײַן אופֿן: ער האָט דעם גרעסטן רעספּעקט פֿאַר די ייִדן און שאַצט אָפּ זייער בײַטראָג פֿאַרן לאַנד נאָר ער וויל זיי זאָלן אויפֿהערן זײַן ייִדן; זיי זאָלן מער ניט קולטיווירן זייער שפּראַך און קולטור, נאָר אין רוסלאַנד זאָלן זיי זײַן רוסן, אין קאַזאַכסטאַן — קאַזאַכן, אין גרוזיע — גרוזינער... מיט איין וואָרט: זיי זאָלן זיך אַסימילירן עס זאָל פֿון זיי קיין ייִדישער זכר ניט בלײַבן.

מנחם האָט געלייענט די רשימה פֿון די אויסגעצייכנטע אָפֿיצירן און סאָלדאַטן בײַם אײַננעמען בערלין, און האָט אונטערגעשטראָכן מיט אַ

בלײַער אַלע ייִדישע נעמען. ער האָט נאָך דעם דעם צעטל מיט די באַ־צייכנטע נעמען געלייענט פֿאַרן לערער. „—דו געדענקסט אַזוי גוט גע־שיכטע, האָט ער געזאָגט, וועסטו דאָס זיכער ניט פֿאַרגעסן? הער: גע־נעראַל־מאַיאָר וולאַדימיר לייבאָוויטש צייטלין; קאַפּיטאַן באָריס כורגין, געפֿאַלן צו דרײַסיק יאָר; גוואַרדיע־מאַיאָר ניקאָלײַ אַבראַמאָוויטש בראַז־גאַל, קאָמאַנדיר פֿון אַן ארטילעריע־בריגאַדע; מאַיאָר גריגאָרי דראַגונסקי; פּאָלקאָווניק דוד מאַרגאָליס, העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד; גענעראַל־לייטענאַנט לוטשינסקי; גענעראַל־מאַיאָר בוקשטיינאָוויטש, ביעלאָווסקי, טאַרטשינ־סקי; מאַיאָר פֿון טאַנקן־מיליטער, ווײַנריב; גענעראַל־לייטענאַנט שאַמ־שין; גענעראַל־לייטענאַנט ראַזאַנאָוויטש; גענעראַל־מאַיאָר דאָברינסקי־קריוואָשין, העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד"...

דער לערער האָט אים איבערגעריסן: — וואָס ווילסטו דערמיט באַווײַזן, מיכאַיִל איסאַקאָוויטש?

— איך וויל באַווײַזן, האָט געזאָגט מנחם, אַז מיר זענען ניט גע־שטאָרבן מיט אַ פּאַסיוון טויט. מיר האָבן געפֿירט אַ מלחמה מיטן פֿײַנד... דאָס רוסישע פֿאָלק דאַרף געדענקען אונדזער בלוט־צושטײַער. דאָס איז דאָס צווייטע מאָל, ווי מיר ייִדן גיבן אונדזער בלוט פֿאַר רוסלאַנד. מיר האָבן דאָס געטאָן בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און איצט, אין דער מלחמה מיטן דײַטש.

— אַוודאי וועלן מיר געדענקען, האָט געענטפֿערט דער לערער, פֿאַר־געס ניט, אַז די אויסגערעכנטע העלדן זענען אין דער ערשטער ריי רוסישע מענטשן... צו וואָס דאַרפֿסטו אונטערשטרײַכן זייער ייִדישקייט?... ווילסט אָפּדינגען פֿון דער רוסישער העלדישקייט אַ טייל פֿאַר זיך?... די סאָוועטישע מאַכט האָט אײַך געמאַכט פֿאַר אמתע רוסישע בירגער — און דאָך קאָנט איר זיך ניט באַפֿרײַען פֿון דער איזאָלאַציע, וואָס דער צאַר האָט אויף אײַך אַרויפֿגעצוווּנגען, איר קולטיווירט די אַנדערשקייט, איר רעדט אַ ניט־סלאַווישע שפּראַך, וואָס שטערט דען איר זאָלט זײַן ווי די רוסן? איר זײַט פֿרעמדע אין מאָסקווע, פֿרעמדע אין קיִעוו, פֿרעמדע אין אַלע רע־

פּובליקן. אויך די קאַזאַכן, די גרוזינער, אַזערביידזשאַנער זענען אומצופֿרידן מיט די ייִדן, וואָס ווינען אין זייערע שטעט, איר זײַט דאָרט רוסיפֿיקאַטאָרן. איר האַלט ניט אויף די אָרטיקע קולטור און שפּראַך. איר זײַט אַרומגע־גאַרטלט מיט צוויי שוץ־גאַרטלען: דער גרעסערער איז אײַער רוסישקייט, און דער ענגערער — דאָס איז דער ייִדישער. קיין מאָל איז מען ניט זי־כער אין וועלכן קרײַז איר לעבט.

ער איז ניט קיין אַנטיסעמיט דער גימנאַזיע־לערער, סאָלאָוכין. ער איז אין תּוך אַן ערלעכער מענטש, אָבער ווי דער פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין, וויל ער ניט עס זאָל אויסזען, אַז „דעם זיג איבערן שׂונא האָט אָפּגעהאַלטן אַ צווייטע נאַציע". ער וויל אין גאַנצן ניט די ייִדן פֿאַר שותּפֿים צום זיג, ער וויל זיי גײַסטיק אַנולירן. „איר קולטיווירט, זאָגט ער, די א י ז א ל א ־ צ י ע, וועלכע דער צאַר האָט אויף אײַך אַרויפֿגעצוווּנגען". די נאַציאָנאַלע ייִדישע אָנגעהעריקייט, וואָס וואָרצלט אין הונדערטער דורות, וואָס איז אויסגעטראָגן געוואָרן דורך פֿײַער און וואַסער פֿון יאָרטויזנטער, וואָס שטיצט זיך אויף אַן אייגנאַרטיקער קולטור, איז פֿאַר אים „איזאָלאַציע" וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרשווינדן ווי נאָר מען האָט די ייִדן געמאַכט פֿאַר גלײַכבאַרעכטיקטע סאָוועטישע בירגער, און זיי האָבן תּיכּף געדאַרפֿט אָפּ־הייבן קולטיווירן די שפּראַכן און קולטורן פֿון די פֿעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן... קורץ: זיי האָבן געדאַרפֿט אויפֿהערן צו זײַן ייִדן, און פֿון הײַנט אויף מאָרגן ווערן רוסן, פּאָליאַקן, קאַזאַכן, קאַלמיקן, קירגיזן, אוקראַיִנער און אָנגעמען צענדליקער אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, און דאָס אַלץ נאָר דער־פֿאַר, ווײַל זיי האָבן ניט קיין אייגענעם שטיקל באָדן אויף אַ זעקסטל פֿון דעם גאַנצן ערדקוגל.

די ייִדן ווילן די פּרימיטיווע קולטורן און שפּראַכן פֿון אייניקע פֿעל־קער אין גאַנצן ניט לערנען, און רעדן מיט די אײַנגעבוירענע רוסיש. האָבן זיי דען ניט קיין רעכט צו קולטיווירן זייער אייגענע שפּראַך און קולטור ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער? איז דען דער פֿאַקט, וואָס ייִדן טראָגן אויס זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט דורך אַלע פֿעלקער און צײַטן, ניט גענוג אויף

צו געבן זיי דאָס רעכט צו זײַן ייִדן אין מאָסקווע, ייִדן אין קיִעוו, ייִדן אין קאַזאַכסטאַן און אין די אַנדערע רעפּובליקן? דער אמת איז, אַז די עק־סיסטענץ גופא פֿון ייִדישן פֿאָלק לייקנט אָפּ דעם מאַטעריאַליסטיש־טעריטאָריעלן פּרינציפּ, ווי דער איינציקער קענצייכן פֿון אַ נאַציע. די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט וואָרצלט אין אַ גײַסטיקער טעריטאָריע, אויף וועלכער דאָס פֿאָלק האָט ניט אויפֿגעהערט ממשיך צו זײַן, זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און זײַן היסטאָרישע קולטור־טראַדיציע; אַ טראַדיציע וואָס שפּײַזט זיך מיט די זאַפֿטן פֿון אַ טויזנטיאָריקער ציוויליזאַציע, וועלכע איז אין יעדן דור באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע ווערטן.

סטאַלין האָט פֿיזיש געוואָלט אויסראָטן די ייִדן, עס זאָל פֿון זיי קיין לעבעדיקער זכר ניט בלײַבן. סאָלאָוכין, דער גימנאַזיע־לערער, דער גוטער רוס, איז ניט אויסן צו טאָן די ייִדן קיין שלעכטס; פֿאַרקערט, ער שעצט זיי, ער חבֿרט זיך מיט זיי, נאָר וואָס דען? ער וויל זיי זאָלן וואָס גיכער זיך אַסימילירן — און אויפֿהערן זײַן ייִדן. ביידע פֿירן צום זעלבן ציל, נאָר דורך פֿאַרשיידענע וועגן.

*

פֿאַר וואָס טאָלערירט די סאָוועטישע מאַכט די עקסיסטענץ פֿון פֿיל צענדליקער נאַציאָנאַליטעטן, און איז אַזוי אומטאָלעראַנט און אומגעדולדיק, וואָס גיכער צו פֿאַרווישן אין לאַנד יעדן נאַציאָנאַלן שפּור פֿון ייִדן? אמת, די טאָלעראַנץ צו די אַנדערע טעריטאָריעלע פֿעלקער איז אויך אַ גאַנץ רעלאַטיווע. די רוסיפֿיקאַציע איז דאָרט אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג, און דער ציל איז צו שאַפֿן אַ גרויסע פּאַנסלאַווישע אימפּעריע, ווי עס האָבן געחלומט די מענטשן פֿון דער „שוואַרצער מאה" אין די אַלטע צאַרישע צײַטן. אָבער מיט די ייִדן איז דער חשבון אַ גאַנץ אַנדערער. די ייִדן זענען ווי אַ דאָרן אין אויג, וואָס קאָנען פֿאַרטונקלען די גלאָריע פֿון די רוסן. מען שרײַבט זיי צו דעם זיג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און מען קאָן זיי נאָך אויך צושרײַבן דעם זיג איבער די דײַטשן...

לעוו טראָצקי, אַ געניאַלער אָרגאַניזאַטאָר, אַ גײַסטרײַכער טריבון, וואָס האָט ממש באַצויבערט די צוהערער, אַ טאַלענטירטער שרײַבער און ליבלינג פֿון די מאַסן, איז נאָך בעתן רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטאַנד פֿון 1905 אויס־געוויילט געוואָרן ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון פעטערבורגער סאָוועט. צוועלף יאָר שפּעטער, בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווערט ער ווידער דערוויילט אויף דעם הויכן אַמט. ער איז אויך דער פֿירער פֿון „רעוואָלוציאָנערן קאָ־מיטעט״, וואָס האָט פּאַקטיש דורכגעפֿירט די רעוואָלוציע, וואָס האָט אָר־גאַניזירט די רויטע אַרמיי, און בראָש פֿון איר איז ער געווען דער זיגער אין בירגערקריג. אין יאָר 1922 שרײַבט לענין אין אַ בריוו צום פּאַרטיי־קאָנגרעס: „טראָצקי איז פערזענלעך דער פֿעיִקסטער מיטגליד פֿון צענ־טראַל־קאָמיטעט — ער איז אַ גאָון״... אָבער ווי אַ ייִד רעקאָמענדירט ער אים ניט פֿאַר קיין סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי און שלאָגט פֿאַר דעם גרו־זין, אַ גרויע פֿיגור, אַ נישטיקייט אין פֿאַרגלײַך מיט טראָצקין. ער האָט נאָך דעם חרטה־געהאַט, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. נאָך לענינען איז טראָצקי געווען די צווייטע פֿיגור פֿון דער רעוואָלוציע, און נאָך דעם איז געגאַנגען אַ לאַנגע שורה פֿון ייִדן, ווי זינאָוויעוו, קאַמענעוו און הונ־דערטער אַנדערע, וואָס האָבן אין די ערשטע יאָרן פֿאַרנומען שליסל־פּאָזי־ציעס אין סאָוועטישן אַפּאַראַט.

איך האָב אויבן דערמאָנט אַ גמרא, וואָס זאָגט: „בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו״ — אַ מענטש קאָן מקנא־זײַן אַלעמען, נאָר ניט דעם זון און ניט דעם תּלמיד. פֿאַר די רוסן זענען אַלע פֿעלקער, וואָס באַוווינען די רוסישע טעריטאָריע ווי „תּלמידים״, נאָכגייער, סאַטעליטן, וואָס שעפּן זייער יניקה פֿון רבין, פֿון רוסישן „עלטערן ברודער״, ווי זיי הייסן הײַנט אויפֿן קאָמוניסטישן לשון. אויף די נאָכגייער און נאָכפֿאָלגער איז מען ניט איי־פֿערזיכטיק. זיי דערוועקן ניט קיין געפֿיל פֿון קינאה. ייִדן, דערקעגן, האָבן זכות־עצמו, און מען קאָן פֿון זייערע מעלות גאָרניט „אָפּדינגען״ פֿאַר די רוסן, פּונקט ווי מען דינגט ניט אָפּ פֿון זייערע חסרונות, וועלכע ווערן גלײַך איבערגעטראָגן אויפֿן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. ווען אַ ייִד באַגייט אַ פֿע־

לער, ווערט באַשולדיקט דאָס „וועלט־ייִדנטום", וועלכן דער אַנטיסעמיטי־שער מיטאָס האָט צוגעשריבן איבערנאַטירלעכע קרעפֿטן. אין אַזאַ אַטמאָס־פֿער ווערט יעדער אויפֿטו פֿון אַ „ייִדיש קעפּעלע", פֿון „אַ צונג אויף שרויפֿן", פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן כּלל, און דערוועקט אַ געפֿיל פֿון קינאה און שׂינאת־חינם ביי די באַלעבאַטים פֿון די „טעריטאָריעס", וואָס באַ־טראַכטן דעם ייִדן ווי אַ פֿרעמדן. ווילן אים די שלעכטע אויסרייסן מיטן וואָרצל, און די גוטע — אַסימילירן...

ווען קרים וואָלט געוואָרן אַ ייִדישע רעפּובליק, וואָלט זי די ערשטע געמאַכט אַ רעוואָלט קעגן דער רוסישער העגעמאָניע — ווי אַ רעזולטאַט פֿון קעגנזייטיקער נאַציאָנאַלער גראַוויטאַציע פֿון וועלט־ייִדנטום — און דער רוסישער בער וואָלט זי אָן רחמנות צעטראָטן, אויף אָנצושרעקן דעם מאַרשאַל טיטאָ און טשאַושעסקון. דאָס וואָס די רוסן וואָגן ניט צו טאָן מיט רומעניע און יוגאָסלאַוויע, וואָלטן זיי געטאָן מיט די ייִדן.

*

סטאַלין וויל זען דעם טויטן היטלערן, און פֿאַראָרדנט אים צו ברענגען אין קרעמל. באַבאַדזשאַנין פֿירט אויס דעם באַפֿעל, און מענדל מאָן מאָלט אַן אַפּאָקאַליפּטיש בילד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ געניאַלן בינע־מייסטער. פֿירט עס אויף, אויף אַן אָפֿענער אַרענע אונ־טערן פֿרייען הימל, און איר האָט פֿאַר זיך אַ קלאַסישע טראַגעדיע, וואָס וועט די צושויער אויפֿציטערן. ס'איז שפּעט ביי נאַכט אויפֿן הויף פֿון קרעמל, ביי אַ בלינדער ציגלוואַנט מיט שפּיציקע טורעמס, האָט זיך אָפּ־געשטעלט אַ לאַסטמאַשין מיט אַראָפּגעלאָזטע פּלאַנדעקן. עס ווערט אַראָפּ־גענומען אַ טויטן־קאַסטן פֿאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. אויפֿן ספּאַסקער טורעם קלינגט דער זייגער צוועלף. דער קלאַנג ווערט צעטראָגן דורכן עטער איבער גאַנץ רוסלאַנד. סאָלדאַטן אויסגעשטעלט אין אַ ריי וואַרפֿן לאַנגע שאָטנס אויף דער וואַנט. נאָר איין מענטש שטייט פֿאָרויס. זיין פּנים איז געווענדט צום הויף פֿון וועלכן ע ר דאַרף קומען. ס'איז שטיל, אַלץ

אָרום האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם... מען דערהערט טריט. דער מענטש פֿאָרויס האָט אויסגערופֿן: ער גייט! אין דער זעלבער רגע האָבן די סאָל־דאַטן אויסגעשטרעקט די הענט צו די שטערנווינקלען, און זענען ווי פֿאַר־גליווערט געוואָרן. שטורקאַצן און שײַנוואַרפֿער האָבן צעשניטן דעם הויף, און באַלויכטן די מאַשין און דעם אָרון.

איינער איז אַרויס פֿון געזעמל, וואָס האָט אים באַגלייט און געבליבן האַרט בײַם טויטן־קאַסטן. דאָס ליכט איז געפֿאַלן אויפֿן מענטשנס קאָפּ און אַקסל, און צוגעגעבן אים אַ מיסטעריעזן שײַן, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ ליכטקרוין. דאָס איז דער „פֿ אָ ט ע ר פֿ ו ן ד י פֿ ע ל ק ע ר!". ער איז געקומען מיט זײַן סוויטע זען דעם טויטן היטלערן... קיינער האָט ניט גע־זען סטאַלינס פּנים. די וואַך און זײַנע באַגלייטער האָבן נאָר געזען זײַן רוקן. ער אַליין איז איצט געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן טויטן הערשער, וואָס ליגט צופֿוסנס פֿון דער בלינדער נאַכטיקער קרעמל־וואַנט. ער איז גע־שטאַנען ווי אויסגעהאַקט פֿון גראַניט.

ניין, האָט ער געטראַכט, ניט נאָר אַ באַזיגטער הערשער ליגט בײַ מײַנע באַשטיוולטע פֿיס. דאָ ליגט דײַטשלאַנד. דאָס יונקערטום. די סאָטע־ליטן־לענדער, גאַנץ אייראָפּע. דאָ בײַ דער וואַנט פֿון קרעמל!

„האָסט געוואָלט דערגרייכן מאָסקווע! דו ביסט אין קרעמל! דײַן פֿאָלק איז דיר געווען טרײַ. עס האָט דיך ניט פֿאַרלאָזן ביז דער לעצטע רגע. דו ביסט געווען זייער גאָט. האָסט געוואָרפֿן אין פּנים אַרײַן פֿון דער וועלט אָפֿענע קאָרטן. האָסט געזאָגט קלאָר וואָס דו ווילסט און וווהין דו צילסט. האָסט געבויט אַ ,טויזנט־יאָריקן רײַך' און אַנטפּלעקט אַן אָפֿן פּנים. דו האָסט פֿאַרלאָזט דײַן פֿאָלק און ניט דאָס פֿאָלק דיך. מיליאָנען דײַטשן באַווייִנען דיך. דו ביסט נאָך איצט זייער גאָט, וואָס אַ גרוזינער האָט אים געקרייצט מיט דער הילף פֿון... וועלט־ייִדנטום". (דאָרט, ז' 655).

סטאַלין האָט זיך אומגעקוקט אויף די שווײַגנדיקע סאָלדאַטן, אויף זײַנע שטומע באַגלייטער, און עס איז אים באַפֿאַלן אַ פּחד. ער האָט זיך ניט געשראָקן פֿאַרן טויטן הערשער, נאָר פֿאַרן טויט. ווי איז דאָס מעג־

לעך, אַז אַ הערשער זאָל זיך וואַלגערן אַ פֿאַרברענטער אויף די שטיינער פֿון ברוק? דער וואָס האָלט אין זײַנע הענט די מאַכט, דער וואָס באַפֿעלט, וואָס מישפּט, וואָס שטראָפֿט? דאָס איז ניט נאָר דער טויט פֿון אַ באַזיגטן פֿירער, דאָס איז דער סוף פֿון אַ הערשער... דער דאָזיקער טויט איז אַן אַרויסרוף צו אַלע מײַנע שׂונאים! צו די אָפֿענע און פֿאַרבאָרגענע. צו די וואָס שטייען הינטער מײַן רוקן. יאָ, ער האָט שׂונאים! זיי טריומפֿירן איצט און זיי טרויערן. דער טרויער איז דערפֿאַר וואָס ער לעבט נאָך, און זיי טריומפֿירן וואָס הערשער הערשן ניט אייביק. זיי וועלן זיך וואַלגערן אין שטויב.

דער טויט פֿון היטלערן האָט צעטרייסלט די רו פֿון סטאַלינען. דאָס איז נאָר אַן אָנהייב, האָט אים אַ ברען געטאָן אַ געדאַנק. אַ נײַע צײַט קומט... ניין, זי וועט ניט קומען, ער וועט איר פֿאַרצוימען דעם וועג! היטלער — דאָס איז אַ געשפּענסט, אַ געמיש פֿון אַ מאַניאַק, סאָלדאַט, אַקטיאָר... ער האָט געשפּילט זײַן וויסטן שפּיל ביזן סוף. ווען ער וואָלט געשטאַמט פֿון גרוזיע, וואָלט זײַן הערשאַפֿט אין דײַטשלאַנד געווען אַן אייביקע. דעמאָלט וואָלטן זיי ווי צוויי ברידער אײַנגעטיילט די וועלט אויף גלײַכע טיילן.

יאָ, דאַרפֿן מיר צוגעבן, אָבער דאָס וואָלט געווען אַ וועלט אָן ייִדן. היטלער מיט סטאַלינען וואָלטן געגעבן דעם ייִדן־פּראָבלעם „אַן ענדגילטיקע לייזונג"...

אַזוי האָט מענדל מאַן, מיט אַ שפּראַך וואָס איז מוזיק מיט געדאַנקען־בליצן, אויפֿגעשפּילט אַ סימפֿאָניע פֿון מענטשלעכן גורל. סטאַלין האָט זיך אָפּגעקערט פֿון טויטן קערפּער און געזאָגט ווי צו זיך אַליין, אָבער זײַנע באַגלייטער זאָלן הערן:

„היטלער איז ניט טויט, היטלער לעבט... פֿירער פֿון פֿעלקער שטאַרבן ניט... דאָס איז אַ פֿרעמדער קערפּער, אַ פֿאַרמאַסקירטער; עס לעבט דער עכטער און אמתער היטלער!

וואָס מיינט איר, אַז מען קען אַזוי לײַכט אומשלײַדערן אַזאַ הערשער? דאָס פֿאָלק באַשיצט אים. זײַנע אָנהענגער היטן אים אויס. ער איז אַרומגערינגלט מיט געשוואָרענע און איבערגעגעבענע אויף

טויט און לעבן. נעמט אַוועק דאָס פֿאַרברענטע מיסט פֿון מײַנע אויגן!
היטלער דאַרף פֿאַרפֿאַלגט ווערן! אויף קיין איין מינוט טאָר ניט
אויפֿהערן אונדזער וואַכזאַמקייט!" (דאָרט, ז' 656).

דער היטלעריזם לעבט, עס לעבט אויך דער סטאַליניזם. און אין דעם איז די טראַגעדיע פֿון אונדזער יאָרהונדערט...

מאָסקווע סאַלוטירט דאָס פֿולשטענדיקע אײַנגעמען די דײַטשע הויפּט־שטאָט. דאָס פֿאָלק יובלט אויף די גאַסן און פֿײַער־פֿאָנטאַנען באַלײַכטן די נאַכטישע מאָסקווער הימלען. אויף די מאַסיווע בראַנדענבורג־טויערן פֿון בערלין הענגען די בילדער פֿון די העלדן, וועלכע האָבן די ערשטע זיך אַרײַנגעריסן אין בערלין: איוואַן גריגאָריעוו און דער גוואַרדיע־סערזשאַנט אַהרן שינדער...

*

אין דער ערשטער נאַכט נאָך דעם פֿאַלן פֿון בערלין. ברוכשטיקער אויף די גאַסן; אַ טעפּעך פֿון גלאָזשפּליטערס ווי אין דער „קרישטאָל־נאַכט" בײַ די ייִדישע קלייטן. אַ ריח פֿון פּגירה און אַ מילדער אָטעם פֿון פֿרילינג. דײַטשע פֿרויען, אויסגעפּוצטע, מיט געפֿאַרבטע ליפּן, גיבן זיך אָפּ פֿאַר אַ סאָלדאַטסקן ברויט אין די קעלערן פֿון די חורבֿות. — קאָם רוסקי, קאָם... גוט־גוט... בײַ אַ טויער אַן אָנלויף פֿון מענטשן. אַ סאָלדאַט רײַסט בײַ אַ דײַטש אַ זייגער פֿון האַנט. גוואַלדן פֿון אַ פֿרוי, וואָס אַ סאָלדאַט שלעפּט פֿאַר די האָר אין אַ צעשטערטן טויער. אַ קאָזאַק טאַנצט אויף דער גאַס און שפּילט זיך אונטער אויף אַ האַרמאָשקע. עס קומט אַ נאַכט פֿון שיכּרות, פֿון סאָלדאַטסקער הפֿקרות, פֿון רויבן די באַרויבער, פֿון הפֿקרן אין דער שטאָט, פֿון פֿאַרגוואַלדיקן די פֿרויען פֿון דער „העכערער ראַסע". — זאָלן זיי זיך לאָזן ווילגיין, די ייִנגלעך, זיי האָבן זיך גענוג אָנגעליטן, זאָגט איינער.

מנחם טראַכט אַנדערש. ס'איז אים דערווידער די אָרגיע פֿון די צע־יושעטע אינסטינקטן, דער נאַקעטער אויסברוך פֿון תּאוות, דער שיכּורער האַרמידער. ער האַלט זיך שטום און דערווײַטערט. עס טוט אים ווײ וואָס עס ווערן פֿאַרמישט די גרענעצן צווישן זיגער און באַזיגטע. ווי ענלעך זיי ווערן צווישן זיך! ווי נישטיק עס איז איצט דאָס וואָס עס צעשיידט זיי.

„איין קליינער טריט — און די געַרעכטע ווערן אומגערעכט און די באַפרייַער ווערן אונטערדריקער. אין דעם שמאָלן גרענעץ־פּלאַץ האָט געלעבט אונדזער פֿאָלק, געלעבט אַזוי לאַנג ביז עס איז פֿאַר־גאַסן געוואָרן פֿון די אומריינע וואַסערן". (דאָרט, ז' 659).

אין דעם „שמאָלן גרענעץ־פּלאַץ" צווישן גערעכטיקייט און אומגע־רעכטיקייט האָט דורות לאַנג געלעבט דאָס ייִדישע פֿאָלק צווישן פֿעלקער, און האָט ניט פֿאַרלאָרן זייַן מענטשלעכן פּרצוף. מנחמען איז ניט אָנגעגאַנ־גען דער גורל פֿון די איַינוווינער פֿון דער באַזיגטער שטאָט. ער האָט גע־וואָלט נקמה־נעמען, אָבער נקמה הייסט בייַ אים: „צעשטערן זייערע פֿעס־טונגען, אויפֿרייַסן די קאַזאַרמעס, די לופֿט־פֿעלדער, די ביר־קעלערן, צע־טרעטן דעם האַקנקרייץ: אויפֿרייַסן די געווער־פֿאַבריקן, די בעטאָנענע טרעסט־פּאַלאַצן, די שטיינערנע מאָנומענטן פֿון רישעות, פֿאַרטיליקן די נאַציס, שטראָפֿן די נאַכלויפֿערס. אַרויסרייַסן בייַ דער שלאַנג דעם גיפֿט און לאָזן זי פויזען אַן אומשעדלעכע אין איר וויסטער נאָרע, אַרומצוימען זייער ערד מיט פֿאַראַכטונג און מויערן פֿון האַס... איצט האָט ער קלאָר געזען ווי עס פֿאַרווישן זיך די גרענעצן, און די זיגער און באַזיגטע באַ־קומען איין פּרצוף".

עס זעט אויס נאַיִוו, אינפֿאַנטיל, אומגלויבלעך. אָבער פֿאַר וואָס זאָל מען ניט גלויבן אַן אוראייניקל פֿון אַבֿרהם אָבֿינו, וואָס האָט געטענהט צו גאָט ווען ער איז געגאַנגען פֿאַרניכטן די פֿאַרברעכערישע שטאָט סדום: — אויב עס זענען פֿאַראַן צען צדיקים אין דער שטאָט, לאָז לעבן די שטאָט אין זכות פֿון די צען, פֿאַר וואָס זאָלסטו באַשטראָפֿן דעם גערעכטן צוזאַמען מיט דעם אומגערעכטן ?... דאָס איז די שטימע פֿון ייִדישן געוויסן, וואָס לעבט אין דער נשמה פֿון פֿאָלק, די גענעטישע ירושה וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור, און וואָס טויזנטער יאָרן רישעות האָבן ניט באַוויזן צו פֿאַרווישן...

*

דער געפֿאַנגענער דייַטשער האַופּטמאַן, באָדלער, איז גרייט צו דינען די רוסן. ער איז, זאָגט ער, אַ סאָלדאַט פֿון דריטן דור. — „דאָס איז מייַן

באַרוף ווי עס איז אַן ,אַרצט׳: פֿאַרשטייען זי דאָס מײַן הער? וועט דען אַן ,אַרצט׳ ניט גיין ווען מען רופֿט אים? מיט אַלע קענטענישן און מײַן גאַנצן וויסן בין איך גרייט אײַך צו דינען. ערנהאַפֿט און ערלעך. דאָס איז קיין פֿאַרראַט. דאָס איז באַרוף־אויספֿירונג, הער רוסע, באַרוף־אויספֿירונג בײַ אַלע אומשטענדן״... ניין! זאָגט אים מנחם, מיר דאַרפֿן ניט אַזעלכע „ערצטע״, און לויט אַ ספּעציעלן באַפֿעל האָט ער איבערגעשיקט דעם האַופּטמאַן אין זירקאָווס אַפּטייל.

זירקאָוו טראַכט אַנדערש. דער זירקאָוו, וואָס האָט מיט אַנטיסעמיטישע רעדעס זיך אײַנגעקויפֿט אין צוטרוי בײַ די וולאַסאָווצעס, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט ווי „הילפֿסמיליטער״ בײַ די דײַטשן, און ער האָט זיי פֿאַר־נאַרט צו די רוסן. ער, זירקאָוו, דאַרף זיי, די באַדלערס, פֿאַר זײַן „ספּעצ־אַפּטייל״, פֿאַר דער ענקאַוועדע אין די אָקופּירטע געביטן. ער ווייס, אַז באַדלער וועט אים דינען געטרײַ ווי אַ הונט, און וועט דערפֿילן זײַן „פֿליכט״ אין הסכּם מיט זײַן „באַרוף״ צו וואַכן איבער דער „אָרדענונג״, ער וועט ווי אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט דינען סטאַלינען ווי ער האָט געדינט היטלערן, און זירקאָוו מאָביליזירט שוין פֿאַר דעם צוועק טויזנטער דײַטשן.

די פֿילאָסאָפֿישע שיטות פֿון קאַנט און העגעלן, וואָס האָבן צום מערסטן באַווירקט די דײַטשע קולטור, האָבן דעם באַגריף „פֿליכט״ גע־געבן אַן עטיש־רעליגיעזע באַטײַטונג — אַ האַנדלונג, וואָס ווערט דער־פֿילט אויס פֿליכט, זאָגט קאַנט, אויס רעספּעקט צום געזעץ, איז אַ מאָראַלי־שע האַנדלונג, אַ „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו״ — אַ פֿאָרמל, וואָס דער דײַטשער דענקער האָט געשאַפֿן ווי אַן אַנאַלאָגיע צום ביבלישן: אַ געבאָט פֿון הימל. דער מענטשלעכער ווילן, זאָגט ער, איז ניט באַרופֿן צו באַשטימען וואָס גוט איז און וואָס שלעכט, און דאַרף זיך אינספּירירן פֿון ראַציאָנעלען געזעץ, וואָס באַשטימט די פֿליכטן פֿון מענטשן.

העגעל האָט אינטערפּרעטירט די געשיכטע ווי אַ רעאַליזירונג פֿון אַ געטלעכן פּלאַן, אין וועלכן דער „שטאַט״ איז אַ „פֿאַרקערפּערונג פֿון גאָט

אויף דער וועלט". האָט דעריבער אַדאָלף אײַכמאַן דערקלערט, אַז ער איז אומשולדיק, ער איז דערצויגן געוואָרן אין העגעליאַנישן גײַסט, און האָט ווי אַ סאָלדאַט „ערנהאַפּט" דערפֿילט זײַנע „פֿליכטן" צום „שטאַט".

די באַדלערס האָבן ניט קיין פֿילאָסאָפֿישע שול, אָבער זיי זענען דער־צויגן אין דײַטשן גײַסט, וועלכן די פֿילאָסאָפֿיע האָט פֿאַרמירט, און אויב זיי זענען געווען הענקערס בײַם נאַציזם, וועלן זיי אויך „ערנהאַפּט" דער־פֿילן זייער „באַרוף" בײַם קאָמוניזם, ווי אַ פֿליכט באַשטימט פֿון „שטאַט" וואָס פֿאַרקערפּערט דעם געטלעכן ווילן. די באַדלערס זענען עס געווען די ציגל מיט וועלכע עס איז אויפֿגעבויט געוואָרן די „מזרח־דײַטשישע דעמאָ־קראַטישע רעפּובליק", וואָס וועט זיכער זײַן די צום מערסטן דיסציפּליניר־טע, אָרטאָדאָקסישע און געטרײַע פֿאַרבינדעטע פֿון די סאָוועטן.

סעפּ דירינג, דער געוועזענער אָבערסט־גרופּנפֿירער פֿון עס־עס איז געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פֿון דער נײַ־געגרינדעטער דײַטשער מיליץ אין בערלין. ווען מנחם האָט זיך דאָס דערוווּסט, איז אויפֿגעגאַנגען אין זײַן זכרון דאָס וואָס עס האָבן אים דערציילט ייִדן פֿון וואָלין. אַלע אוק־ראַינער, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן, זענען געוואָרן די הער־שער פֿון די נײַ־געשאַפֿענע סאָוועטישע מיליץ־פּאָסטנס. די וואָס האָבן אויסגעשאָסן טויזנטער ייִדן דינען איצט די סאָוועטן.

„סעפּ דירינג, ווייסט איר ווער ער איז, ווייסט איר וואָס דער דײַטש באַטײַט פֿאַר די ייִדן פֿון צפֿון־פּוילן ?" — האָט מנחם געפֿרעגט זײַן שעף, סאַבאַיעוון. — „מיר ווייסן, מיר ווייסן אַלץ—האָט אים געענטפֿערט סאַבאַיעוו. באַטשאַלסטוואָ ווייס. דאָס זענען צוויי באַזונדערע חשבונות, דײַן פּערזענ־לעכער און אונדזער סאָוועטישער. דײַנע טענות זענען ענגהאַרציקע. בלינדע שינאה צו דײַטשלאַנד איז צעשטעריש... פֿאַרשטייסט ?"...

בערלין איז פֿאַרנומען געוואָרן פֿון רוסישן סאָלדאַט. אָבער צו מאָרגנס נאָכן זיג האָבן די שטאָט אײַנוואָזירט נ.ק.וו.ד.־דיוויזיעס, פֿאָרמירטע פֿון טורמע־אויפֿזעער, פֿון לאַגערן־באַוואַכער, פֿון פּאַרטיי־מיטגלידער. זיי

זענען געקומען פֿון גאַנץ רוסלאַנד. אויסגערוטע, גוט־באַוואָפֿנטע, גוט־באַשפּײַזטע, אויסגעשולטע. די אמתע הערשער פֿון בערלין זענען געוואָרן ניט דער מאַרשאַל זשוקאָוו, ניט דער מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי, נאָר דער דירעקטער שליח פֿון סטאַלינען, דער אומבאַקאַנטער פּאָלקאָווניק איוואַן סעראָוו, דער קאַזאַך באַבאַדזשאַנין, דער פּלוצעם אויפֿגעשטיגענער פּאָל־קאָווניק זשילין. אין זײַן פּראָגראַם־רעדע האָט סעראָוו דערקלערט: „בער־לין איז אײַנגענומען; איצט הייבן מיר אָן אַ שלאַכט צו באַהערשן די שטאָט, זי אײַננעמען סאָוועטיש, באָלשעוויסטיש"... דאָס איז געווען דער קאַמף פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר מאַכט, און זי האָט אָנגעהויבן די „שלאַכט" מיט די בלוטיקע הענט פֿון די געוועזענע נאַציס און די אייגענע „באַרוף־אויספֿירער", אַ נײַע ווערסיע פֿון די „פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", וועלכע לענין האָט געשאַפֿן.

און אין בערלין זענען גיך אויפֿגעשטעלט געוואָרן קאָנצענטראַציע־לאַגערן ניט נאָר פֿאַר עס־עס־לײַט, וולאַסאָווצעס און געפֿאַנגענע דײַטשן, נאָר אויך פֿאַר רוסישע פּראָנטזעלנער. און עס האָבן אָנגעהויבן לויפֿן אין די נעכט לאַנגע עשעלאָנען מיט פֿאַרמאַכטע וואַגאָנען, אָנגעשטאָפּטע מיט רוסישע סאָלדאַטן דירעקט קיין סיביר. בעתן קריג זענען פֿאַר מלחמה־טראַנספּאָרטן געווען אָפֿן אַלע סעמאַפֿאָרן, דאָס איז געווען דער „גרינער וועג", וואָס האָט געפֿירט אין דער ריכטונג צו בערלין. איצטער האָט זיך געעפֿנט אַ „ווײַסער וועג", וואָס האָט געפֿירט טויזנטער פֿאַרזינדיקטע זעלנער קיין סיביר...

*

קורץ נאָכן פֿאַרנעמען בערלין האָט די רוסישע הויפּט־קאָמאַנדע פֿאַר־רופֿן די אָפֿיצירן און שטאַב־מענטשן צו פֿײַערן דעם נצחון איבער דײַטש־לאַנד. דער פּאָלקאָווניק זשילין האָט פֿאַרבעטן מנחמען, וועלכער האָט שוין צו יענער צײַט צוריק באַקומען זײַן ראַנג פֿון לייטענאַנט. דער פֿרויען־פּערסאָנאַל פֿון די שטאַבן איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געסט מיט פֿולע

טאָצן פֿאַרבײַסעכץ, די טישן זענען געווען געדיכט באַלאָדן מיט פֿאַרשיי־דענע געטראַנקען. מנחם האָט דערקענט צווישן די פֿאַרזאַמלטע אָפּיצירן אויך אייניקע ייִדן. זשילין האָט אים פֿאַרגעשטעלט אַ מיליטער־קאָרעספּאָנ־דענט, קאַראַסאָוו, וואָס איז שוין געווען בגילופֿין. — „איך בין אַ שרײַבער, האָט ער געזאָגט, האָט איר געהערט מיין נאָמען? ייִדן אינטערעסירן זיך דאָך מיט ליטעראַטור... איך קען אַ רעדאַקטאָר, גורמאַן, און אַ קריטיקער, שײַנין״... מנחם האָט דערפֿילט אַן איראָניע אין דעם טאָן און געענטפֿערט: „יאָ, איך בין אַ ייִד, האָסטו עפּעס קעגן דעם?״

„אוי, דו מיכאַיל איסאַקאָוויטש, ביסט שוין גרייט מיך צו פֿאַררעכענען פֿאַר אַ שונא פֿון ייִדישן פֿאָלק. איך קען ייִדן... די קלענסטע אַנדײַטונג קעגן אײַך רעגט אײַך אויף, און איר אַנטפּלעקט זיך ווי ענגהאַרציקע, נערוועזע און איבערגעשראָקענע מענטשן... דער היטלעריזם האָט ניט געמיינט נאָר אײַך צו פֿאַרניכטן — עס איז געווען אַן אויסרייד צו פֿאַרניכטן די סלאַוון. פֿאַר וואָס האָט איר אײַנגערעדט די וועלט, אַז מען האָט אײַך פֿײַנט? וואָלט עס געווען אמת, וואָלט שוין קיין איין ייִד ניט עקסיסטירט אויף דער וועלט. הונדערטער פֿעלקער זענען אונטערגעגאַנגען דורך יאָרהונדערטער, און אײַער פֿאָלק איז געבליבן און וועט בלײַבן... קיין ייִדן־פּראָבלעם האָט דאָך פֿאַקטיש ניט עקסיסטירט, דאָס האָט דער נאַציזם געבראַכט מיט זיך אַ וויסטע ייִדן־העצע!... וואָלט איר דאָס פֿאַרשטאַנען, וואָלט איר ניט גענומען דעם ענין אַזוי טראַגיש״.

מנחם האָט אים איבערגעריסן: דו רעדסט, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין אוישוויץ און מאַידאַנעק.

— דו ביסט ניט גערעכט, מיכאַיל, ווען דו דערמאָנסט די אומגעקומענע ייִדן... די ייִדן זענען אומגעקומען אין רעזולטאַט פֿון אַ מלחמה צווישן סלאַוון און גערמאַנער: זיי זענען מלחמה־קרבנות...

— וואָס צווינגט דיך, רוסישער דיכטער, אַזוי פֿיל צו רעדן וועגן ייִדן, וועגן דעם קליינעם און איינזאַמען פֿאָלק?

„— ייִדן באַטײַטן מער ווי אַ פֿאָלק, ווי אַ מינדערהייט צווישן

אַנדערע פֿעלקער, [האָט אים געענטפֿערט דער רוס], דאָס איז אַ שטראָם, וואָס וועט זיך ניט צונויפֿגיסן מיטן גרויסן טײַך, און אויב דער שטראָם פֿאַרשווינדט אין די וואַסערן, טויכט ער אויף ערגעץ־ווו אַ באַנײַטער. דאָס זענען ייִדן!...

— — — — — — — — —

— אײַער וועג איז אַ טאָפּלטער, — זאָגט קאַראַסאָוו — אָדער מען מישט זיך אויס און מען בלײַבט אינעם גרויסן ים, אָדער מען גייט פֿון אָנהייב אָן מיט אַן אייגענעם וועג. א ײַ ע ר ע האָבן דאָך אויפֿגערודערט רוסלאַנד. בויער פֿון דער רעוואָלוציע, פֿון קאָמו־ניזם. א ײַ ע ר ע זענען עס געווען דער שוים פֿון אונדזערע אויפֿ־שטאַנדן, איר האָט אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געניטשאַפֿט די דינסטע גע־פֿילן פֿון אונדזער אינטעליגענץ און מיט דער זעלבער געניטשאַפֿט — די גרעבסטע אינסטינקטן פֿון המון. זאָל איך דיר אָנרופֿן נעמען פֿון יודאַשעס וואָס האָבן מיט זייער גיפֿט צעטרייסלט רוסלאַנד? איצט זענען זיי אַריבער אויף אַן אַנדער געביט — געוואָרן די וואָרט־זאָגער פֿון ליטעראַטור, קונסט. שאַרפֿע קעפּ, נאָך פֿלינקערע און שאַרפֿערע צונגען, שטורעמט איר ווידער. פֿילט איר ניט, אַז עס איז גענוג איין האַנט, וואָס זאָל אַראָפּשווענקען דעם שוים און עס וועט זיך אַנטפּלעקן דאָס שטילע לײַדנדיקע רוסישע פֿאָלק. ניין, עס איז ניט שטיל. טיף זידן וואַסערן, זיי גראָבן דעם טײַכדעק, די ברעגן. דאָס איז אַ העראָישער געראַנגל מיטן פֿאַרדאַרבענעם, פֿרעמדן, ניט־רוסישן שיכט. איצט פֿאַרשטייסטו שוין, מנחם, אַז עס איז ניטאָ קיין פּראָפּאָרץ צווישן שוים און די וואַסערן. דאָס איז מײַן ענט־פֿער אויף דײַן פעסטשטעלונג, אַז איר זענט אַ קליין און איינזאַם פֿאָלק". (דאָרט, זז' 683—684).

איך ברענג לענגערע ציטאַטן פֿון דעם גײַסטרײַכן דיאַלאָג, ווי אַ בײַ־שפּיל פֿון דער שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע פֿון מחבר, זײַן טיפֿן פּסיכאָלאָגישן אַרײַנבליק אין דער נשמה פֿון הונדערטער מענטשן, פֿון אַלע שיכטן, כאַ־ראַקטערן און קולטורן, אין זייער באַציִונג צו ייִדן. גלײַכצײַטיק בין איך אויסן צו באַווײַזן, אַז הינטער דער פּאַטעטישער פּראָזע פֿון דעם רוסישן דיכטער, זענען באַהאַלטן די אַלטע, גוט־באַקאַנטע אַנטיסעמיטישע פֿאַר־אורטיילן. אין יעדן איינעם פֿון די פּערסאָנאַזשן פֿון דער רײַכער גאַלעריע טיפּן, וועלכע מענדל מאַן פֿירט פֿאַר אונדז אַרויס אויף זײַן לאַנגן און פּײַנ־לעכן וועג פֿון טענגושײַ ביז בערלין, געפֿינט ער אויס אַנדערע ניואַנסן,

אַנדערע נשמה־שטריכן, און אַז אַנדער אויסדרוק פֿון זייערע געפֿילן צו ייִדן. און פֿון אָט דער פֿילפֿאַרביקער מאָזאַיִק לאָזט זיך אויסשיילן איין צענטראַלע אידעע, וואָס וועט אונדז העלפֿן צו פֿאַרשטיין דעם גורל פֿון ייִדישן מענטשן צווישן די ניט־ייִדן.

ער איז אַ שרײַבער, קאַראַסאָוו, און עס רעדט פֿון אים אַרויס אַ טיפֿע פֿאַרביטערונג קעגן רעזשים, וואָס האָט אויפֿגעהאַנגען אַ שלאָס אויפֿן מויל פֿון יעדן שעפֿערישן מענטשן, און דערשטיקט דעם פֿרײַען געדאַנק מיט גרויזאַמע אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן. אין אַ שמועס מיט זשילינען האָט ער געוואָגט זיך צו באַקלאָגן אויף זײַנע ייִדישע „צענזאָרן", וואָס לערנען קאַראַסאָוון צו זײַן אַ רוס, אַ פּאַטריאָט, אַ סאָוועטישער מענטש... „איך שטעל זיך טויזנט מאָל צום מישפּט מיט יעדער שורה", האָט ער געזאָגט.... דער רעדאַקטאָר גורמאַן און דער קריטיקער שײַנין, זענען דער רויטער געשפּענסט, דער קאָשמאַר פֿון זײַן לעבן... „איך וועל, זאָגט ער, מאָרגן אָנשרײַבן אַ לויבליד צום מעכטיקן הערשער, דעם „פֿאָטער פֿון די פֿעל־קער", און איך וועל אָנשרײַבן אַן אַרטיקל, וועסטו אָבער אין דעם אַלעם ניט געפֿינען קיין שפּור פֿון אמתן קאַראַסאָוו, דעם טרויעריקן רוס"...

קאַראַסאָוו שעצט זייער הויך די זעלטענע מעלות פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס איז פֿאַר אים „מער ווי אַ פֿאָלק", ווײַל ער וועט זיך ניט צונויפֿגיסן מיט דעם אָרומיקן ים, נאָר ווי אַ מעכטיקער „שטראָם" אַרויסטויכן פֿון אים אַ באַנײַטער. אין דעם זעט ער די סיבה פֿון זײַן אייגענער טראַ־געדיע און פֿון די לײַדן פֿון רוסישן פֿאָלק. „אײַערע", זאָגט ער, האָבן „אויפֿגערודערט" רוסלאַנד, געמאַכט די רעוואָלוציע, געווען „דער שוים" פֿון די אויפֿשטאַנדן, און איצט האָט עס זיך אָפּגעלאָזט פֿון פּאָליטיק, און געוואָרן די „וואָרטזאָגערס פֿון ליטעראַטור, פֿון קונסט"... אײַער וועג, זאָגט ער, איז אַ „טאָפּלטער"; עס הייסט אַ צוויי־פּנימדיקער, און ער עצהט זיך אויסמישן אין אָרומיקן גרויסן ים, זיך אויפֿלייזן ווי אַ פֿאָלק, עס זאָל אין רוסלאַנד קיין ייִדישער „דור" ניט בלײַבן, אָדער גיין מיט אַן „אייגענעם וועג", וואָס ווײַטער פֿון די אויגן... און ער וואָרנט, אַז עס וועט קומען אַ

האָנט, וואָס וועט אַראָפּשווענקען „דעם שוים", ווײַל דאָס רוסישע פֿאָלק פֿירט אַ „העפֿטיקן געראַנגל מיטן פֿאַרדאַרבענעם, פֿרעמדן, ניט־רוסישן שיכט"...

אין לעצטן סך־הכּל טענהט קאַראַסאַוו דער דיכטער, דער אינטעלעק־טואַל, דער פֿאַרערער פֿון ייִדן, דאָס זעלבע וואָס יענער כאַם, וועלכער איז אומגעדולדיק געוואָרן צו שטיין אין אַ ריי בײַ אַ פּוסטער ברויטקראָם, און האָט געזאָגט, אַז „דער חבֿר סטאַלין איז אַ גערעכטער מענטש, ער וועט די יעוורעיעס, די שווינדלערס, וואָס פֿירן אַרויס דאָס ברויט פֿון מאָסקווע, צעשיסן". מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס קאַראַסאַוון איז אויך דער גרוזין ניט צום האַרצן, ער איז פֿאַר אים אויך אַ „פֿרעמדער". בײַ יענעם איז עס געווען אַן אויסדרוק פֿון וווּלגאַרן אַנטיסעמיטיזם, וועלכן ער האָט אײַנגעאָטעמט אין דער פֿאַרפּעסטיקטער אַטמאָספֿער, וואָס האָט געהערשט אין די מלחמה־יאָרן, און דער האָט די פֿאַרסמטע טרויבן פֿון אַנטיסעמיטיזם אײַנגעוויקלט אין אַ קראַנץ בלומען, אין אַ פּאָעטישן לשון, און האָט אין די ייִדן געפֿונען דעם זעלבן אַלט־באַקאַנטן און באַ־קוועמען שעיר־לעזאָזל: שולדיק איז „דער פֿאַרדאַרבענער ניט־רוסישער שיכט"; די רוסן זענען „גאָט די נשמה שולדיק"...

דער אונטערשייד אין קולטור האָט ניט געענדערט די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינסטינקטיווע טענדענץ, וואָס אָפּערירט אין די אונטערבאַ־וווּסטזיניקע שיכטן. — צו טראַנספּערירן די אייגענע שולד אויף אַ צווייטן. יעדער איינער האָט זײַן פּערזענלעכן שעיר־לעזאָזל אויף וועמען אַרויפֿצו־וואַרפֿן די שולד פֿאַר זײַנע דורכפֿאַלן אין לעבן. אויפֿן צעזייטן און צע־שפּרייטן ייִדישן פֿאָלק צווישן די אומות איז אויסגעפֿאַלן די טרויעריקע ראָלע צו ווערן דער אוניווערסאַלער שעיר־לעזאָזל, וואָס איז געקומען צו זײַן שאַרפֿסטן אויסדרוק בײַם צווייטן וועלטקריג, און אויף דער טעריטאָריע פֿון די סאָוועטן, ווו די שונאים האָבן באַשולדיקט די ייִדן ווי קאַראַסאַוו, אַז זיי האָבן „די ערשטע געשפּאָנט צום קאָמוניזם", און די אָנהענגער באַשולדיקן די ייִדן פֿאַר אַלע דורכפֿאַלן פֿון רעזשים, ווי

דער רוס בײַ דער מאָסקווער שפּײַזקראַם: — די ייִדן פירן אַרויס דאָס ברויט פון מאָסקווע און דער חבֿר סטאַלין וועט זיי צעשיסן...

קאַראַסאָוו איז אַ באַגאַבטער אינטעלעקטואַל, ער זעט טיף און רעדט שאַרף; זײַן יעדעס וואָרט שנײַדט זיך אײַן ווי אַ שמיץ אין באַקעטן לײַב, און ניט אין אַלץ וואָס ער זאָגט איז ער אומגערעכט...

„— איר ייִדן [זאָגט ער], זײַט געניט אין צושטעלן דעם מאַרק די סחורה וואָס מען דאַרף. איצט איז נײַטיק רוסישער פּאַטריאָטיזם. האָט עס געגעבן אײַער איליאַ [ערענבורג]. ווער קען זיך דאָס גלײַכן מיט זײַן שאַרפער פּעדער? האָט מען געדאַרפט רוסישע הימנען — ווידער ייִדן. לאָזונגען און קאַמפּף־אַרטיקלען פאַרן רוס — איז דאָ אײַער דאַוויד זאַסלאַווסקי. זיי קענען גוט די אַרבעט. אונדזערע וועלן ניט קענען קאָנקורירן. אַ לויב־בוך צום הײַדאַמאַק כמיעלניצקי? — ווער וועט עס בעסער אָנשרײַבן ווי דער ייִד נאַטאַן ריבאַק? נשמה־לידער צום רוסישן מענטש — דאָס האָט אויך איליאַ... ער שרײַבט סאָנעטן באַוווירצטע און פאַרפּלאָנטערטע מיט שטימונג... אַלץ קען מען בײַ אים באַקומען! וועלט־ראָמאַנען, פּאַמפּלעטן, בײַסיקע פּאָליטעאָנען און לירישע לידער. קלײַב אויס, רוסיש פאָלק, די סחורה פון מאָדערנעם ייִדישן פּריקאַזשטשיק! ער האָט אַ גאַנצע קראָם... איר האָט די ערשטע געשפּאָנט צום קאָמוניזם און איך האָב דאָס געפיל, אַז אויך דעם קאָמוניזם וועט איר פאַרראַטן. ניין, דער קאָמוניזם וועט אײַך פריִער פאַרראַטן. ער וועט אײַך צעטרעטן". (דאָרט, ז' 684).

קאַראַסאָוו וואָס שרײַבט לויבלידער צום „פאָטער פון די פעלקער", און אַרטיקלען אין וועלכע עס איז ניט פאַראַן „קיין שפּור פון אמתן קאַראַסאָוו", באַשולדיקט אַזוי שאַרף און מיט אַזאַ לײַכט הארץ די ייִדן, אַז זיי טוען דאָס זעלבע... עס קומט זיי ניט דערפאַר קיין קניפּ אין בעקל, און אוודאי ניט דעם יודאַש, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ לויב־בוך כמיעלניצקין. אָבער פיל גרעסער איז די שולד פון די קאַראַסאָווס, וואָס האָבן ניט געליטן פון צאַריזם, און וואָס האָבן די זינד פון קאָמוניזם אַרויפגעוואָרפן אויפן שטענדיקן ייִדישן שעיר־לעזאזל, ווי די עוואַנגעליע, וואָס האָט געלאָזט זאָגן פּילאַטוסן, וועלכער האָט געקרייציקט יעזוסן, אַז „מײַנע

הענט האָבן ניט פֿאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט״... עס איז פֿאַראַן צבֿיעות און קינאה אין די רייד פֿון דעם דיכטער, וואָס האָט די שינאה צו ייִדישע צענזאָרן אויסגעלאָזן צו אַלע ייִדן, און די קינאה צו די „שאַרפֿע ייִדישע פּעדערס״ אויסגעשפּרייט אויפֿן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

„— אויך דעם קאָמוניזם וועט איר פֿאַרראַטן״, האָט ער געזאָגט... אין דעם איז פֿאַראַן אַ באַהאַלטענער פֿאַרוווּרף, אַז ייִדן האָבן פֿאַרראַטן דעם צאַריזם און וועלן „אויך״ פֿאַרראַטן דעם קאָמוניזם. די ייִדן האָבן מיט די „רעזשימען״ זיך ניט אידענטיפֿיצירט, און קאָנען זיי דעריבער ניט „פֿאַר־ראַטן״, נאָר באַקעמפֿן. עס איז פֿאַראַן אַ טיפֿע שייַכות פֿון איינעם צום צווייטן, די קאָמוניסטישע דיקטאַטור אין רוסלאַנד איז ניט מער ווי אַ נײַע ווערסיע פֿון דעם דעספּאָטיזם, וואָס האָט דאָרט געהערשט אַן איבעררײַס הונדערטער יאָרן. ייִדן האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע, אָבער דער בלוטיקער רעזשים וואָס הערשט נאָך דאָרט ביז הײַנט, איז ניט קיין שאַפֿונג פֿון ייִדישן גײַסט, און ייִדן פֿאַרראַטן אים ניט, נאָר באַקעמפֿן, און האָבן פֿון זיך אַרויסגעגעבן די צום מערסטן אַנטשלאָסענע דיסידענטן, וואָס האָבן געקעמפֿט און וועלן קעמפֿן קעגן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. דער רוסישער קאָמוניזם האָט יאָ פֿאַרראַטן און אַנטוישט, אָבער ניט נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק, נאָר די שענסטע האָפֿענונגען פֿון דער מענטשהייט, וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט צו חלומען וועגן נבֿיאישן אידעאַל פֿון והיה באַחרית הימים...

מנחם האָט אים געגעבן דעם ריכטיקן ענטפֿער:

„— דו רעדסט וועגן יחידים וואָס האָבן ניט קיין געמיינזאַמס מיט אונדזער פֿאָלק און דו מאַכסט פֿון זיי סימבאָלן. עס פֿאָלט מיר ניט אײַן צו טראַכטן אַז סמערדיאַקאָוו איז דײַן ברודער דערפֿאַר ווײַל אויך דו פֿונקט ווי דער סמערדיאַקאָוו זענען רוסן. מען קען אַזוי אָנזאַמלען באַשולדיקונגען אויף יעדן פֿאָלק.

— — — — — — — —

דו ביסט פֿאַרביטערט און זוכסט אַן אַדרעס פֿאַר דײַן פֿאַרבי־טערונג. האָסט ניט קיין כּוח און אפֿשר ניט קיין מוט פֿײַנט צו

האָבן די, וואָס האָבן פֿאַרדאָרבן אײַער לאַנד. פֿון פּחדנות האָסטו זיך אויסגעקליבן אַ קליין דערמאָרדעט פֿאָלק און באַפֿאַלסט עס. דו באַפֿאַלסט אַ געבונדענעם קרבן, אַ פֿאַרבלוטיקטן און פֿאַרוווּנדעטן. אָן שום סקרופּולן און אָן שום מאָראַל. עס דראָט דיר ניט קיין שום געפֿאַר פֿאַר אַזאַ אָנפֿאַל. יאָ, דו מוזסט די געגרעכטע פֿײַנדשאַפֿט דײַנע צו אַ רעזשים אויסלאָדן — האָסטו זיך אויסגעזוכט אַ קרבן, און כּדי צו באַרעכטיקן דײַן שׂינאה זאַמלסטו צונויף פֿינצטערע פֿאַקטן ווי אָן אומהיימלעכע מאָזאַיִק. איך וואָלט דיר אָנגערופֿן צענדליקער נעמען פֿון רוסן, וואָס קענען ווערן סימבאָלן פֿון געפֿאַלנקייט, פֿאַרראַט און מאָרד אין אונדזער דור, ווילסטו דאָס ?"

(דאָרט, ז' 684).

מנחם האָט געקוקט אויף דעם טיפּיש־רוסישן פּנים און געפֿילט, אַז דער גיפֿטיקער אַנטיסעמיטיזם גייט אָפֿט מאָל צוזאַמען מיט דינע נשמה־געפֿילן פֿון פּשוטע און אפֿשר ערלעכע מענטשן.

יאָ, פּחדנות איז אויך זייער אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין אַנטיסעמיטישן געפֿיל, ווײַל דער ייִד איז דער צום מערסטן אומבאַהאָלפֿענער און אומבאַשיצטער קרבן. אין פֿאַל פֿון קאַראַסאָוון האָט זײַן שׂינאה זיך געלאָזן אויפֿן וועג פֿון דער קלענסטער געפֿאַר, און ער האָט אויסגעלאָזן זײַן צאָרן צו די ייִדן פֿון זײַן ליטעראַריש וועלטל, וואָס זיי האָבן דערוועקט אין אים אַ געפֿיל פֿון קינאה, ווי שרײַבער, און פֿון שׂינאה — ווי פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרהאַסטן רעזשים. און דאָס טרויעריקסטע דערבײַ איז דער פֿאַקט, וואָס „דער גיפֿטיקער אַנטיסעמיטיזם — ווי מענדל מאַן זאָגט — גייט אָפֿט מאָל צוזאַמען מיט דינע נשמה־געפֿילן פֿון פּשוטע און אפֿשר ערלעכע מענטשן"...

מיר האָבן אויסגעשעפּט די טעמע „דער גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם", ווי עס שילדערט אים מענדל מאַן אין זײַן מלחמה־טרילאָגיע. מיר וועלן ניט אונטערפֿירן קיין סך־הכּל, זאָל דער לייענער אַליין מאַכן זײַנע אויספֿירן. כּולה תּורה על רגל אחת איז גוט פֿאַר אָנפֿאַנגער. וועגן אַנטיסעמיטיזם איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור, נאָר מענדל מאַן האָט אונדז געהאָלפֿן צו אַנטדעקן אין דער מחלה — און אַנטיסעמיטיזם איז אַ סאָציאַלע מחלה — אייניקע נײַע קאָמפּאָנענטן. דאָס איז די

אויפֿגאַבע פֿון דער קונסט: צו אַנטפּלעקן אין דעם „טונקעלן לאַבירינט פֿון דער מענטשלעכער נשמה" נײַע עלעמענטן. און די טרילאָגיע פֿון מענדל מאַן איז אַ קונסטווערק, וואָס שילדערט נישט נאָר די געשעענישן און דעם גײַסט פֿון דער עפּאָכע, וואָס האָט אַ וועלט אויפֿגעטרייסלט, נאָר עפּנט אויך פֿאַר אונדז נשמות פֿון פֿעלקער, און מיר לייענען אין זיי דעם גורל פֿון ייִדן.

ייִדן שטעלן אײַן דאָס לעבן אויף צו פֿאַרלאָזן דאָס „סאָוועטישע היימלאַנד", וועלכן זיי האָבן אַזוי פֿיל בלוט און גײַסט געגעבן. דער ייִדישער בײַטראַג פֿאַר זייערע „הימלענדער" דערוועקט קינאה און שינאה צום ייִדן, און אין מאָמענטן פֿון קאַטאַסטראָפֿע און פֿאָלקסאויסברוכן, איז דער ייִד פֿאַר די הערשער און באַהערשטע דער באַקוועמסטער שעיר־לעזאָזל. די ערשטע, וואַרפֿן אויף אים די שולד פֿאַר די דורכפֿאַלן און די אַנדערע — פֿאַר די לײַדן. פֿיזישער גענאָציד איז אַ באַגלייט־דערשײַנונג פֿון דער ייִדישער גלות־געשיכטע, און דער גײַסטיקער — ווערט אַרויפֿגעצוווּנגען אָדער אײַנגעגעבן מיט אַ מיתה־נשיקה, מיט אַ קוש אין שטערן...

שינאת עולם לעם עולם — האָבן חז"ל געזאָגט — אייביקע שינאה צום אייביקן פֿאָלק, אַזוי לאַנג ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט זײַן אין דער פֿרעמד אַ פֿאַקטאָר פֿון קאָנקורענץ און אַ גורם פֿון קינאה. אין זײַן אייגן לאַנד וועט די וועלט באַוווּנדערן זײַן שעפֿערישן גײַסט, און עס וועלן בענטשן זײַן אויפֿטו אַפֿילו נעכטיקע שונאים. אַנטיסעמיטיזם ווי יעדער מין ראַסן־שינאה, קאָן געדײַען בלויז צו אַ גלות־פֿאָלק, וואָס ווערט באַטראַכט פֿון די באַלעבאַטים פֿון לאַנד ווי אַ פֿרעמדער קערפּער.

דער מענטש איז גוט, זאָגט מענדל מאַן אין די שורות און צווישן די שורות פֿון זײַן ווערק, נאָר די פֿ אַ ל ש ע ת ו ר ו ת האָבן אים פֿאַרסמט און פֿאַרשטאָפּט די ריינע קוואַלן פֿון זײַן הארצן. עכט איז די ליבשאַפֿט פֿון מחבר צו מענטשן און גרויס די פֿאַרערונג פֿאַר דער נאַטור. יעדער שפּראָץ פֿון גאָטס באַשאַף איז בײַ אים טײַער ווי אַ לעבעדיק וועזן, און

ער האָט אַן „אויג״ פֿאַר דער נאַטור און אַ גרויסע מאָלערישע קראַפֿט, וואָס בלאָזט אַריַין אַ רוח־החיים אין יעדער נאַטור־דערשיַינונג.

די עסטעטישע שיינקייט פֿון זיַין סטיל פֿאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע באַהאַנדלונג. אַ באַזונדערע טעמע איז דער געהיימנישפֿולער מעכאַניזם פֿון קאָמוניסטישן אַפּאַראַט, וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ שקלאַף צו דינסט דעם רעזשים, וועלכן מענדל מאַן האָט געזען פֿון אינעווייניק. און ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער דעספּאָטישער סטרוקטור, האָט אויך געהאַט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן פּנים די מיליטערישע סטראַטעגיע פֿון די רוסן. יעדע טעמע פֿאַרדינט אַ באַזונדערע שטודיע פֿאַר וועלכער דער מחבר האָט געגעבן אַ שפֿע פֿון מאַטעריאַלן. איך האָב ביז איצט אויסגעשעפּט, ווי געזאָגט, איין אַספּעקט פֿון די אַלע אויבנדערמאָנטע עלעמענטן: די יִידישע טראַגיק, וואָס מענדל מאַן האָט זי געשטעלט אין צענטער פֿון זיַין מאָנומענטאַל ווערק און וואָס איז אַן עפּאָפּעע פֿון יִדישע לײַדן. איך האָב קאָמענטירט די דערפֿאַרונגען און איבערלעבונגען פֿון הויפּטהעלד, וועלכע קאָנען דינען ווי אַ סימבאָל פֿון יִדישן גורל צווישן פֿעלקער, און כאָטש דער גורל איז שווער האָט דאָך מענדל מאַן צוטרוי צו דער צוקונפֿט און גרויס ליבשאַפֿט צו מענטשן.

ליריש־ראָמאַנטישע מאָטיוון
אין דער טרילאָגיע

דער איטאַליענישער פֿילאָסאָף, קראָטשע, האָט מיטן באַגריף ליריק באַ־צייכנט די קינסטלערישע שאַפֿונג ווי אַן אויסדרוק פֿון געפֿיל. „דער ליריזם, האָט ער געזאָגט, גיט דער קונסט אַ סוביעקטיוו־ראָמאַנטישן כאַראַקטער, ווײַל אינטויִציע איז אין דער ווירקלעכקייט אַן אויסדרוק פֿון געפֿיל, און קאָן נאָר אַנטשטיין דורך אים און פֿון אים" („ברעוויאַריאָ די עסטעטיקאָ").

דאָס געפֿיל איז אויך אַזאַ מין אופֿן דער אורקוואַל פֿון וועלכן עס שטראָמט אַרויס די אינטויִטיווע שפּירונג און די קינסטלערישע שאַפֿונג. וועגן דער פֿילאָסאָפֿיע ווערט געזאָגט, אַז זי איז אַ וויסנשאַפֿט פֿון אָביעקטיוון אמת, זי דאַרף דערגרייכן די פֿאַרעם פֿון אוניווערסאַליטעט, וואָס איז אָביעקטיוו און גילטיק פֿאַר אַלעמען. אַ „מיינונג" איז אַ פּריוואַטער ענין, וואָס קאָן זײַן גילטיק פֿאַרן יחיד, אָבער ניט פֿאַרן כּלל. די קונסט, דערקעגן, פֿאַרקערפּערט דעם מהות פֿון קאָלעקטיוון, פֿון אַלמענטשלעכן; פֿאַרוואַנדלט דעם פּרט אין אַ סימבאָל פֿון כּלל, און אַנטדעקט אין דער סוביעקטיווער דערפֿאַרונג דעם אָביעקטיוון אמת פֿון לעבן. דאָס איז דער קענצייכן פֿון אַ הויכן ליטעראַרישן סטיל, פֿון וועלכן מיר האָבן אין מענדל מאָנס טרילאָגיע אַן איבערצײַגנדיקן בײַשפּיל.

אַריסטאָטעל האָט געזאָגט, אַז „די פּאָעזיע איז מער פֿילאָסאָפֿיש ווי געשיכטע", וואָס האָט געמיינט אַוודאי, אַז זי שטייט נעענטער צו דער פֿילאָסאָפֿיע ווי די פֿאַקטן פֿון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, און קאָן מיטן צויבער פֿון איר קינסטלערישן סטיל מאַכן אַזוי אויסדריקלעך די רעאַליטעט אַז זי זאָל אין דעם פּרט ניט נאָר איבערשטײַגן די נאַטור, נאָר אויך דערהייבן דעם סוביעקטיוון אײַנדרוק צו אַן אוניווערסאַלן אמת.

דער וויסנשאַפֿטסמאַן קומט צו זײַנע אויספֿירן דורך לאָגישן דענקען,

און בײַם קינסטלער ווירקט מער די אינטויציע, ער רעדט מיט דבֿרים שבלבֿ, מיט אַ הייסן לײַדנשאַפֿטלעכן דאָרשט אויסצודריקן דאָס לעבן אין זײַן תּוך, אין זײַן עיקרדיקן אינהאַלט; דער געדאַנק קומט בײַ אים ווי אַ בליץ, וואָס באַלײַכט מיט אַ מאָל אַ פֿינצטערן געביט, ווי אַ זעונג, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון טיפֿסטן געפֿיל און פֿון די פֿאַרבאָרגנסטע קוואַלן.

ליריק איז השתפּכות־הנפֿש, אַן אויסדרוק פֿון געפֿיל, פֿון פֿאַנטאַזיע פֿון גלויבן, פֿון ליבשאַפֿט און טרוים, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין אָנהייב פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווי אַ רעאַקציע קעגן דעם טרוקענעם ראַציאָנאַליזם פֿון די אַנטיקע ליטעראַרישע מוסטערן. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז איבערהויפּט אַ ראָמאַנטישע ליטעראַטור. י. ל. פּרץ האָט אין זײַן „צווישן צוויי בערג״ געגעבן אַ שאַרפֿזיניקע קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק פֿון די צוויי שיטות, אין ווונדערלעכן דיאַלאָג צווישן דעם בריסקער רבֿ און ביאַלער רבין. „אײַער תּורה, האָט געזאָגט דער רבי, איז סאַמע דין, אָן רחמים איז זי! אָן אַ פֿונק פֿון חסד איז אײַער תּורה! און דעריבער איז זי אָן שׂימחה, אָן פֿרײַען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אײַזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תּורה, פֿאַר לומדים, פֿאַר יחידי־סגולה!... וואָס האָט איר, רבי, פֿאַרן כּלל־ישׂראל, פֿאַרן האָלצהעקער, פֿאַרן קצבֿ, פֿאַרן בעל־מלאָכה, פֿאַרן פּראָסטן ייִדן? בפֿרט פֿאַר אַ זינדיקן ייִדן?... וואָס האָט איר, רבי, פֿאַר ניט־לומדים?... די תּורה מוז זײַן פֿאַר כּל־ישׂראל! די־שכינה מוז רוען אויף כּל־ישׂראל!

— און דײַן תּורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תּורה, זען? — ווונדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וועל זי אײַך ווײַזן! איר גלאַנץ וועל איך אײַך ווײַזן; די שׂימחה וואָס שטראַלט אַרויס פֿון איר אויף אַלע, אויף כּל־ישׂראל!... שׂימחת־תּורה וועט איר זען! אמתע שׂימחת־תּורה!״

און ער פֿירט אַרויס דעם רבֿ אויפֿן גאַניקל און ווײַזט אים אויף מחנות

חסידים, וואָס זינגען שפּאַצירנדיק אויפֿן גראָז פֿאַרן רבינס הויז לכבֿוד שׂימחת־תּורה. דערזעט דער רבי עטלעכע חסידים וואָס גייען און שווײַגן, וואַרפֿט ער זיי אַראָפּ פֿון דער הייך אַ התחלה פֿון אַ ניגון. זיי כאַפּן אונ־טער און גייען שוין ווײַטער זינגענדיק, מיט אמתער פֿרייד, מיט אמתער שׂימחת־תּורה... דער הימל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד אונטער זיי זינגט — אַלץ זינגט!

דאָס איז אַ קינסטלערישער מאַניפֿעסט פֿון ראָמאַנטיזם, פֿון אַ תּורת־חיים, פֿון אַ לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע. וואָס איז געקומען ווי אַ רעאַקציע קעגן דער תּלמודיש־רבנישער ליטעראַטור, קעגן דער טרוקענער הלכה, אָבער ניט קיין נאָכמאַכונג פֿון פֿרעמדע מוסטערן. דער ייִדישער ראָמאַנטיזם שעפּט זײַן יניקה פֿון די אייגענע תּנכישע קוואַלן, וועלכע האָבן ניט אויפֿ־געהערט צו נערן דעם ייִדישן געדאַנק און געפֿיל, פֿריִער מיט דער ליריק פֿון דער אגדה — אונדזער פֿאַרצײַטיקע פֿאָלקס־ליטעראַטור — שפּעטער מיט חסידישע מעשׂיות, און הײַנט מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור. דער ייִדישער ראָמאַנטיזם האָט אין זיך דעם גײַסט פֿון חסידישער התלהבות, פֿון עטישן תּכלית, פֿון אומגעצוימטער וויטאַליטעט, פֿון גלויבן און ליב־שאַפֿט צו כּל יצורי עולם, צו אַלע באַשעפֿענישן פֿון דער וועלט. די אַלע אַטריבוטן געפֿינען מיר אין מענדל מאַנס ווערק, וואָס איז אַן עפּאָפּעע פֿון ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע, פֿון גײַסטיקן העראָיִזם פֿון אַ פֿאָלק, וואָס טראָגט אויס זײַן טראַגישן גורל צווישן פֿעלקער מיט אומדערשיטערטן גלויבן אין דער צוקונפֿט און ליבשאַפֿט צו מענטשן.

די טרילאָגיע איז דורכגעדרונגען מיט אַ געפֿיל פֿון חסד און רחמים, מיט גוטסקייט און רחמנות צום קרבן פֿון רישעות און אויך צום רשע, וואָס איז אַליין אַ קרבן פֿון פֿאָראורטיילן, פֿון אומוויסנקייט, פֿון פֿאַרצײַטיקן מיטאָס, פֿון קינאה, און פֿון אײַנגעבוירענער טענדענץ אין דער מענטשלע־כער נאַטור צו פֿאַרלײַכטערן זיך די לײַדן מיטן אַרויפֿוואַרפֿן די שולד פֿאַר די אייגענע דורכפֿאַלן אויף אַ צווייטן, אויף אַ „פֿרעמדן“. און דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געוואָרן אַן אוניווערסאַלער שׂעיר־לעזאָזל.

אַוודאי איז מענדל מאַן ניט אויסן לכף־זכות זײַן דעם אַנטיסעמיטיזם, און באַפֿרײַען פֿון שולד די שונאי־ישראל. ער גייט נאָר מיט דעם וועג אויף וועלכן עס פֿירט אים דער זעקסטער חוש — די אינטויִציע — וואָס ווײַזט דאָס ריכטיקע פּנים פֿון לעבן. ער האָט צוגעלייגט דאָס האַרץ צום האַרצן פֿון בני־אָדם, און ווי אַ קינסטלער אונדז געגעבן אַ וויזיע פֿון דער ווירקלעכקייט דורך בילדער, טיפּן און אימאַזשן. און די מלחמה־טרילאָגיע איז אַן אויסדרוק פֿון טיפֿסטן וועלט־ און לעבנס־געפֿיל פֿון אונדזער תּקופֿה, וואָס לערנט אונדז וועגן גורל פֿון ייִדן צווישן די אומות־העולם מער ווי אַלע שווערוואָגיקע וויסנשאַפֿטלעכע טראַקטאַטן.

די פּאָליטיק נוצט געשיקט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אַ מיטל אויף צו באַפֿעסטיקן די מאַכט פֿון הערשנדיקן רעזשים, אַזוי אין לאַגער פֿון רעכטס, און נאָך מער הײַנט אין די „פֿאָרגעשריטענע" לענדער פֿון לינקס, וואָס זאָגן אָפּ קאַטעגאָריש די ייִדן דאָס עלעמענטאַרע רעכט אויף נאַציאָ־נאַלער אידענטיטעט. מענדל מאַן ווײַזט אונדז די פֿאַרבאָרגענע קאַנאַלן דורך וועלכע עס פֿליסט דער אַנטיסעמיטישער גיפֿט „פֿון אויבן" און פֿאַרכאַפּט די ברייטסטע שיכטן פֿון אונטן; רײַסט מיט ווי מיט אַ שטראָם גאַנצע פֿעל־קער און ווי אַ פּעסט גאַנצע קאָנטינענטן. דער אַנטיסעמיטיזם שטיצט זיך אויף איראַציאָנעלע עלעמענטן, ער שפּײַזט זיך מיטן אײַנגעבוירענעם סם אין די הערצער און האָט וואָרצלען אין דער ביאָלאָגישער נאַטור פֿון מענטשן.

דרויסנדיקע פֿאַקטן זענען ווי פּאַפּירענע שליסלען, מיט וועלכע מען קאָן קיין הערצער ניט עפֿענען. ס'איז כראָניק פֿון געשעענישן. דער קינסט־לער דאַרף אַנטפּלעקן און באַלײַכטן די אינעווייניקסטע וועלט פֿון מענטשן. ער דאַרף ווײַזן ווי אין דער פֿינצטערניש פֿון אונטערבאַוווּסטזײַן ווערן גע־בוירן עמאָציעס, און ווי זיי פֿאַרוואַנדלען זיך אין געפֿילן, אין אידעען און אין מעשׂים פֿון מענטשן. קונסט איז אַ קריסטאַליזאַציע־פּראָצעס פֿון פּער־זענלעכער דערפֿאַרונג, וואָס דאַרף דורכגיין ניט נאָר דעם אינטעלעקט, נאָר

אויך דעם פֿילטער פֿון האַרצן; דאָס איז דער סימן־מובֿהק פֿון ליריש־ראָמאַנטישן סטיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַ־טור. פֿאַקטן זענען ניט מער ווי דער חומר פֿון וועלכן מען קאָן אויסקנעטן אַ סיפּור־המעשׂה, די קונסט דאַרף אונדז ווײַזן דעם פּראָצעס פֿון יצירה, ווי עס אַנטשטייען די פֿאַקטן, און ווי עס ווערט אויסגעקריסטאַליזירט דער כאַראַקטער און גורל פֿון מענטשן.

אַ שרײַבער וואָס האָט וויזיע, וואָס איז געבענטשט מיט אַ „געטלעכן פֿונק", ווײַזט אונדז מעשׂה־בראשית, און לאָזט אונדז זען און הערן דאָס, וואָס מיר וואָלטן גאָרניט באַמערקט און דערהערט אין ווירוואַר פֿון לעבן. אָט ווײַזט אונדז מענדל מאַן ווי עס ווערט „געבוירן" אַן אַנטיסעמיט. מיר וועלן נעמען ניט מער ווי איין ביישפּיל, און מעגלעך, אַז ניט דעם בעסטן.

דער אויבן דערמאָנטער פּאָלקאָווניק פּיעטראָוו איז אַ געוועזענער אַר־בעטער. אַ פּוטילאָוויעץ! ער זאָגט עס מיט שטאָלץ. פֿאַר וואָס זאָל איך פֿײַנט האָבן ייִדן? פֿרעגט ער. ער האָט זיי ניט פֿײַנט, נאָר זיי זענען אים ניט צום האַרצן. ער האָט געדאַרפֿט אַ גרופּע פֿרײַוויליקע אויף דורכצופֿירן אין דער נאַכט אַ ריזיקאַלישע אָפּעראַציע, זיך פֿאַרגנבֿענען אין לאַגער פֿון שונא און ברענגען אַ „צונג". האָבן זיך גלײַך געמאָלדן אַכט סאָלדאַטן, ער גיט אַ קוק: זיי זענען אַלע ייִדן! „— איך דערקען אַ ייִדן פֿון ערשטן בליק, מעג ער האָבן אַן עכט רוסישן נאָמען, זאָגט דער פּאָלקאָווניק. — ס'איז ניט נאַטירלעך מענטשן זאָלן זיך אַליין רײַסן אין פֿײַער... וואָס מיינען זיי די אַכט? זיי ווילן אַרויסשטעלן די אַלע אַנדערע סאָלדאַטן פֿאַר פּחדנים?..." אָבער באַזונדערס פֿילט זיך פּיעטראָוו געטראָפֿן פֿון קאָמאַנדיר פֿון שכנישן פּאָלק, פֿון ייִדישן פּאָלקאָווניק טשערקאַס, וואָס האָט געשמט מיט זײַן גבֿורה און קוראַזש „— ווער איז דער פּאָלקאָווניק טשערקאַס? פֿרעגט דער געוועזענער פּוטילאָוויעץ. אַ העלד? ניין, ניט קיין העלד!... ער גייט דער ערשטער אין פֿײַער אַרײַן... ער וויל באַווײַזן זײַן רוסישן פּאַט־ריאָטיזם! ער וויל ניט מען זאָל אים באַשולדיקן אין פּחדנות! דאָס האָבן אויך געטראַכט די אַכט פֿרײַוויליקע ייִדן".

מיר האָבן אויבן שוין קאָמענטירט דעם אינצידענט, דאָ וויל איך נאָר צוגעבן, אַז פּיעטראָוו איז ניט געווען קיין אַנטיסעמיט אין דעם אָנגענו־מענעם זינען פֿון וואָרט; ער האָט געהאַט אַ „פּאַרעווע" באַציִונג צו ייִדן. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז ייִדן זענען עפּעס „אַנדערע" מענטשן, ניט ווי אַלע. אַ סימן: ער האָט „דערקענט אַ ייִדן פֿון ערשטן בליק"... ער האָט געקאָנט אויסטיילן אַ ייִדן פֿון אַ מאַסע אַנדערע מענטשן. עס הייסט, אַז דער מיטאָס פֿון דער ייִדישער „אַנדערשקייט" האָט אויך אים ניט אויסגע־מיטן, און דאָס איז דער גרונטגעפֿיל — דאָס „עמאָציאָנעלע הינטערלאַנד" — פֿון דעם גרעסטן טייל קריסטן, וועלכע זענען גלײַכגילטיק צו דער אײַנ־געוואָרצלטער אָדער אמתער ייִדישער „אַנדערשקייט" אַזוי לאַנג, ביז אַ וועלכער ניט איז פּערזענלעכער אינצידענט פּאַרוואַנדלט די אומבאַוווּסטזיניקע שפּי־רונג פֿון „אַנדערשקייט", אָדער פֿון „פֿרעמדקייט", אין אַ באַוווּסטזיניקער שׂינאה צו ייִדן.

דער אמת איז, אַז דער פֿאַקט פֿון ייִדישן מסירת־נפֿש און העראָיִזם האָט אַרויסגערופֿן בײַ פּיעטראָוון אַ געמישט געפֿיל פֿון מינערווערטיקייט און פֿון קינאה, דאָס איז אַ צווילינג־פּאָרל וואָס גייט שטענדיק צוזאַמען. דאָס געפֿיל פֿון אינפֿעריאָריטעט איז דער פֿונק, וואָס צינדט אָן דאָס פֿײַער פֿון קינאה אין האַרצן. דער געוועזענער אַרבעטער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד, וואָס האָט זיך דערדינט צום טשין פֿון אַ פּאָלקאָווניק, האָט ניט געקאָנט פֿאַרדייען אַזוי לײַכט דעם פֿאַקט, וואָס די ייִדן צייכענען זיך אויס אין דער מלחמה. דאָס האָט געוואָרפֿן אַ שאָטן אויף זײַן פּערזענלעכער און נאַ־ציאָנאַלער ווערדע, און ער האָט געמאַכט אַן אַנטיסעמיטישן אויספֿיר, אַז די ייִדן „ווילן אויסשטעלן אַלע אַנדערע פֿאַר פּחדנים"... מען קאָן די ייִדן ניט מוחל זײַן זייערע מעלות; פֿאַר זייערע חס־רונות וואָלט זיי קיינער קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, און עס וואָלטן ניט געווען קיין אַנטי־סעמיטן.

אַז דער מאַרדווין סוזאַיעוו האָט מיט זײַן אַנטיסעמיטיזם און מיט זײַן

בראַווירן: „מיר רוסישע מענטשן" געוואָלט אונטערשטרייַכן זייַן רוסישן פּאַטריאָטיזם; און אַז „דער פֿאָטער פֿון די פֿעלקער", אַליין אַ גרוזין, האָט מיט זייַן שינאה צו ייִדן געוואָלט איבערצייַגן דאָס פֿאָלק, אַז ער דריקט אויס די רייִנסטע נאַציאָנאַלע סענטימענטן פֿון עכט רוסישן מענטשן — צו דעם האָט זיך ניט דערטראַכט דער געוועזענער אַרבעטער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד. נאָר דער ייִדישער העראָיִזם איז אים געווען גרויס אין די אויגן; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פֿאַרמינערט דעם כּבֿוד פֿון רוסישן מענטשן, און ווי דער פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין וויל ער אויך ניט עס זאָל אויסזען, אַז דעם זיג איבערן שונא האָלט אָפּ „אַ צווייטע נאַציע".

דער עכטער קינסטלער אַנטדעקט אין דעם פּרט דאָס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן כּלל, פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר דער מענטשהייט, פֿאַרן לעבן פֿון הייַנט און פֿון נעכטן, פֿון וועלכן עס וואַקסט אויך אַרויס דער מאָרגן. מענדל מאַן האָט אויפֿגעהויבן דעם פֿאַרהאַנג פֿון לעבן, איז קינסטלעריש אַרייַנגעדרונגען אין די טיפֿענישן פֿון דער ייִדישער דראַמע, און אַנטפּלעקט אירע אינעווייניקסטע באַוועגקרעפֿטן.

געטרייַ זייַן ליריש־ראָמאַנטישן טעמפּעראַמענט, שילדערט ער ניט סתּם קיין שונא־ישׂראל און „באַשרייַבט" ניט זייערע מעשׂים, ווי עס איז די טבֿע פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע דעטאַליסטן. ער לאָזט רעדן די פֿאַקטן פֿאַר זיך אַליין, ווייַזט דאָס רובֿ נאָר אָרנטלעכע מענטשן, וואָס ווערן מיטגעשלעפּט מיטן אַנטיסעמיטישן שטראָם קעגן זייער אייגענעם ווילן. שולדיק איז ניט נאָר דער מענטש, נאָר דער ייִדישער גלות־גורל. האָט דאָך דער טרויעריק־באַרימטער צאַרישער מיניסטער, סטאָליפּין, געזאָגט, אַז „ווען עס וואָלטן ניט געווען קיין ייִדן וואָלט מען זיי געדאַרפֿט אויסטראַכטן"...

די אויפֿגאַבע פֿון דער קונסט איז בולט מאַכן דעם עצם־כאַראַקטער פֿון זאַכן און דעם מהות פֿון מענטשן. געבן ניט נאָר „טיפּן", נאָר — פּראָטאָטיפּן. אַנטפּלעקן אין יעדן איינעם עפּעס אַ וועזנטלעכן כאַראַקטער־שטריך און מיט אים אַ וויכטיקע אידעע, און זיי ברענגען צום

אויסדרוק מיט מער קלאָרקייט און שאַרפקייט ווי אין דער רעאַלערווירק־לעכקייט. אין רעאַלן לעבן זענען אַלע פאַרבן אויסגעמישט ווי אין אַ קאַכיקן קעסל.

דער פאַלקאָווניק פּיעטראָוו איז אַ פּראָטאָטיפּ פון דער אינערטער אַנאָ־נימער מאַסע מיט אַ גלייַכגילטיקער באַציִונג צו ייִדן, אָדער וואָס קענען ניט קיין ייִדן און האָבן ניט קיין קאָנטאַקט מיט זיי. „געהערט" האָבן זיי אַ סך זאַכן וועגן ייִדן, מיט וועלכע עס איז געדיכט אָנגעזאַפּט די אַטמאָס־פער פון דער מאָדערנער קולטור, אָבער דער ענין גייט זיי ניט אין לעבן, און זיי האָבן ניט צו אים קיין שטעלונג. איז געַנוג אָבער דער מינדסטער אינצידענט — און באַזונדערש אין עפּאָכעס פון נאַציאָנאַלע אומגליקן — אַז די עמאָטיווע גלייַכגילטיקייט זאָל פאַרשווינדן און זיך לאָזן מיטן שטראָם פון אַנטיסעמיטישע סענטימענטן, אין דער שטרעבונג אויסצולאָדן אויף וועמען ניט איז דעם אָנגעזאַמלטן צאָרן.

מענדל מאַן האָט אַ שאַרפע פּסיכאָלאָגישע אינטויציע און ער גיט צענדליקער וואַריאַנטן, שאַטירונגען און ניואַנסן פון אַנטיסעמיטישער אָנ־שטעקונג. ער ווייַזט ווי אַזוי און פאַר וואָס אייינער ווערט אָנגעשטעקט מיטן אַנטיסעמיטישן ווירוס, און ווי דער גיפט ווערט אויסגענוצט, געמישט און דאָזירט אין נאָמען פון „העכערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן". אָנ־הייבנדיק פון ערלעכן און לייַכטגלויביקן רוסישן פויער פון הינטער פערם, וואָס וועט אייַנשטעלן דאָס לעבן אויף צו ראַטעווען אַ פאַרוווּנדיקטן חבר; אָבער וואָס וועט דערשטיקן אַ ייִדן, ווען מען וועט אין אַ נאַכט עפּעס אָנרעדן אויף די „זשידעס". ער האָט גאַרניט צו די ייִדן און איז מיט מנחמען דער בעסטער גוטער ברודער, אָבער אויף ייִדן איז לייַכט אָנצורייצן אַ פּרימיטיוון מענטשן. און אַזוי דורך צענדליקער שטאַפּלען ביזן פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין און באַבאַדזשאַניאַן — די סאָוועטישע סאַטראַפּן — וואָס דערפילן זייער פליכט אין דינסט פון דעם רעזשים און פירן געטריַי אויס די פּריקאַזן.

אַנטיסעמיטיזם איז דער פּרובירשטיין פון אַלטרויִזם און מענטשלעכ־

קייט פֿאַר יחידים, פֿעלקער און עפּאָכעס; מענדל מאַן, דער ליריקער און ראָמאַנטיקער, איז אַ קינסטלער פֿון אהבֿת־הבריות, פֿון גוטהאַרציקייט און לײַטזעליקייט. די מלחמה־טרילאָגיע איז אַן עפּאָפּעע פֿון ייִדישע לײַדן, פֿון אַנטיסעמיטישער רישעות, פֿון מענטשלעכער געפֿאַלנקייט און אויך פֿון מסירת־נפֿש, ליבשאַפֿט און נשמה־איידלקייט. ניט אַלע האָבן פֿאַרלאָרן דעם צלם־אלקים, און די פֿינצטערע פּאַנאָראַמע פֿון דער מלחמה־קאַטאַס־טראָפֿע ווערט דאָ און דאָרט באַלויכטן מיט אַ געטלעכער שײַן פֿון מענטש־לעכן האַרצן. און מענדל מאַן האָט אַן אויג פֿאַר אַזעלכע שיינע „מתּנות" פֿון געלײַטערטער מענטשלעכקייט.

עס איז שווער צו געפֿינען אַפֿילו בײַ די רוסישע קלאַסיקערס, טייל פֿון וועלכע האָבן געהאַט אַ נטיה אַרויסצושטעלן אין אַן אַפּאָלאָגעטישער שײַן דעם רוסישן פּויער, אַזאַ שיינע מענטשלעכע געשטאַלט ווי דימיטרי פֿראָ־ליטש פֿון דאָרף טענגושײַ. ער איז אימוניזירט קעגן יעדן אַנטיסעמיטישן געפֿיל, ווי בכלל קעגן יעדן שלעכטס צו מענטשן, און ער איז געטרײַ מנחמען ווי אַן אייגענער פֿאָטער. ער האָט ניט נאָר אָפּגעגעבן זײַן יונגן ייִדישן פֿרײַנד זײַן אייגן פּעלצל אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט אין וואַגאָן, נאָר ער האָט אויך ניט איין מאָל זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אים בײַ נאָ־טשאַלסטווע, און ווי אַן אייגענער געוואַכט איבער אים און אים אויסגעע־היט פֿון אַ בייז אויג. און דאָס איז ניט געווען קיין אהבֿה תּלויה בדבֿר נאָר אַ פֿרײַער אויסדרוק פֿון אַ גוט מענטשלעך האַרץ.

פֿראָליטש איז אַ מין רוסישער טבֿיה דער מילכיקער, וואָס שפּרודלט מיט פֿאָלקס־חכמה, מיט אַ דינעם הומאָר און אומבאַגרענעצטער גוטסקייט. בעתן פּראָצעס פֿון מנחמען, וואָס איז געשטעלט געוואָרן צום פֿעלד־געריכט פֿאַרן פֿאַרשווײַגן די חוצפּהדיקע דערקלערונג פֿון אַ דײַטש, אַז ער וויל ניט רעדן מיט קיין ייִדן, האָט פֿראָליטש אַליין זיך צוגעשטעלט פֿאַר אַן עדות. ער האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן, ווײַל דעם שמועס מיטן

דײַטש האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, ער האָט נאָר געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן מנחמען.

„— איך האָב צוגעלייגט האָלץ אין אײַזן־אייוועלע, ווען מען האָט אַרײַנגעפֿירט דעם דײַטש אין זעמליאַנקע, האָט ער אָנגעהויבן. געהאַט דעמאָלט שלעכטן האָלץ, נאַס ווי פֿון טײַך אַרויס, האָב איך אָנגעשניטן שפּענער סאָסנאָווע און אָפּגעשיילט בערעזענע קאָרע, גוטע קאָרע. כ'האָב זי גענומען פֿון די באַלקנס אינעם ערדשטיבל. מען האָט געבויט די שטיבלעך מיט בערעזענע קלעצער, שייל איך אָרום די קאָרע פֿון זיי מיט מײַן מעסערל, דעם פּערלמוטערנעם, און די קאָרע איז אויסגעצייכנט"...

די ריכטער האָבן געשמייכלט, און דער פּראָקוראָר איז אומגעדולדיק געוואָרן.

— דאָס איז ניט וויכטיק, רעד צו דער זאַך!

און פּראָליטש האָט גערעדט „צו דער זאַך". ער האָט דערציילט, אַז דער דײַטש האָט געהאַט אויגן פֿון אַ סאָווע, פֿאַר הינט צו וואַרפֿן. ווען אַ הונט זאָל אויפֿפֿרעסן אַזעלכע דײַטשע שליפּיעס וואָלט ער משוגע געוואָרן, און ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי גרויס בײַ זיך, דער סוואָלאַטש, אַזוי שטײַף. ער האָט אים געוואָלט געבן אין די ציין, אָבער ער האָט זייער אַ שווערע האַנט..

אויף דער פֿראַגע צי ער קען דעם באַשולדיקטן פֿון טענגושײַ, האָט פּראָליטש געענטפֿערט: — איך קען אים זייער גוט. געווען אַ לערער אין שול, געהאָלפֿן אין קאָלכאָז אין די פֿרײַע שעהען. אַ גראַמאָטנער, מיר האָבן אים אַלע ליב געהאַט. מײַן שכנס טאָכטער, ליאָסקאַ, האָט אים אויך ניט פֿײַנט געהאַט. זי שרײַבט אים בריוו. זי איז אַ קראַסאָוויצע, איינע אין טענגושײַ...

איינער פֿון די ריכטערס האָט אים אין שפּאַס באַמערקט: — געדענק, דימיטרי פּראָליטש, דו זאָלסט מער ניט שיילן די קאָרע פֿון די בערעזענע באַלקנס אין די ערדשטיבלעך, ווײַל באַלקנס אָן קאָרע פֿוילן, און די ערדשטיבלעך וועלן אײַנפֿאַלן...

— איך זע, אַז איר קענט זיך אויף וועלדער, האָט אים געזאָגט פּראָ־ליטש... איר האָט געלעבט אין אַ וואַלד. איך האָב ליב די מענטשן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין אַ וואַלדדאָרף. זיי זענען גוטע מענטשן... און ער האָט געקוקט אויפֿן ריכטער מיט פֿײַכטע בעטנדיקע אויגן...

ווען די מאָביליזירטע פּויערים האָבן פֿאַרלאָזט טענגושיַ, איז פּראָ־ליטש געגאַנגען לעבן מנחמען, האָט גערעדט צו אים, געוואָלט פֿאַרטרײַבן זײַן איינזאַמקייט, דערוואַרעמען אים, פֿאַרהיימישן. — אוי, ברודערל, זאָרג ניט, האָט ער אים געזאָגט, וועסט ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן צווישן אונדזעריקע, רוסישע מענטשן האָבן ליב אַ פֿרעמדן... די ווײַבער זענען געבליבן שטיין בײַם הויכן ברעג פֿון דער מאָקשאַ, און געפֿאָכעט מיט די קאָפּטיכלעך צו די אָוועקגייענדיקע. גערופֿן די נעמען פֿון די אייגענע. און מיט אַ מאָל האָט עמעץ גערופֿן. דאָס איז געווען אַ דין, שאַרף און קלינגענדיק מיידלש קול. עס האָט דורכגעשניטן דעם טײַך, געקײַקלט זיך איבערן פֿעלד: — מישאַ־אַ־אַ — — — מישאַ־אַ־אַ !...

דאָס רופֿט ליאָסקאַ. זי איז עס. דאָס האָט זי יענעם פֿאַרנאַכט גע־שעפּשעט אים דעם נאָמען. „מע־נאַ־כעם" איז פֿאַר איר פֿרעמד, אָבער מישאַ — דאָס איז אייגן. מישאַ וועל איך דיך רופֿן! מישאַ־אַ־אַ... און דער רוף צו אים פֿון יענער זייט מאָקשאַ האָט אים געמאַכט מיט אַ מאָל אויס נע־ונד, האָט פֿאַרטריבן די איינזאַמקייט, פֿאַרפֿלאָכטן אים אין דער ריי פֿון די פּויערים און ער האָט זיך דערפֿילט ווי איינער פֿון המון.

עס פֿלעגן צו אים נאָך דעם דערגיין פֿון צײַט צו צײַט אירע בריוו. — „אַז מען וועט דיך באַפֿרײַען פֿון מיליטער, האָט זי אים געשריבן, קום קיין טענגושיַ, אַ גאַנצער צי אַ צעקאַליעטשעטער, פֿאַר דיר איז אָנגעגרייט אַן אָרט בײַ אונדזער טיש. יעדן טאָג בעט איך גאָט פֿאַר מײַן פֿאָטער און פֿאַר דיר, אַז איר זאָלט באַשיצט ווערן"...

ווען מנחם איז פֿאַרמישפּט געוואָרן אויף פֿאַרשיקונג אין די אוראַלער שאַכטעס, איז ער פֿאַרבײַגעפֿאָרן טענגושיַ און אַרײַן זיך געזעגענען מיט

די דאָרפֿסלײַט, וואָס האָבן זיך דערפֿרייט מיטן גאַסט, און זיך אויסגעפֿרעגט אויף אייגענע. פֿאַר נאַכט איז ער געזעסן אין ליאָסקעס שטוב און געגעסן ווייצענע לאַטקעס, וועלכע די מאַמע מאַלקינאַ האָט אויסגעבאַקן לכּבֿוד דעם גאַסט. זיי זענען געזעסן אויף דער באַנק ביז שפּעט אין אָוונט אַרײַן. ליאָסקאַ האָט געוויקלט אויף אירע פֿינגער זײַנע שוואַרצע האָר־פּאַסמעס. — אוי, דו מישאַ, דו טײַוול שוואַרצאויגיקער, דו ביעס שוואַרצהאָריקער, דו פֿאַרטריבענער אָדלער מײַנער... די אַלטיטשקע האָט זיך געפּאָרעט בײַם אויוון, און געשפּרייט דאָרט די קאָלדרעס און פּעלצן. זי איז נאָך דעם צוגעקומען און געזאָגט: — קינדערלעך, וואָס וועט איר זיצן? עס ווערט שפּעט... מנחם האָט זיך אויפֿגעהויבן. — איך וועל פֿאַר טאָג אַרײַנקומען זיך געזעגענען, האָט ער געזאָגט.

„ליאָסקאַ האָט געציטערט. זי האָט געוויינט. דאָס איז געווען אַ שטיל געוויין ווי עס וואָלט געקומען פֿון ווײַט. פֿויערים הערן אַזאַ געוויין אין די ווינטערדיקע נעכט דורך די פֿאַרמאַכטע טירן, אַזאַ געוויין קומט פֿון בענקשאַפֿט פֿון בעל־חי נאָך די רחבֿותדיקע פֿעלדער, די פֿריש־גראָזיקע, נאָכן זכר...

די אַלטע מאַמע מאַלקינאַ האָט באַנומען ליאָסקאַס געוויין און איר האַרץ האָט זיך אָפּגעריסן פֿון מיטלייד.

מנחם האָט געגלעט ליאָסקאַס אַקסל פֿאַרהאַלטנדיק זיך אַ ווײַלע בײַ דער טיר. איצט האָט זי שוין געשלוכצט.

— איך וועל דיך מער ניט זען מיכאַיִל, מישאַ...

די אַלטע מאַמע האָט געשעפּטשעט:

— בלײַב דאָ, מיכאַיִל. פֿאַרשעם ניט מײַן אַלעקסאַנדראַ. גיי ניט אַוועק, בלײַב דאָ. דער אויוון איז גוט אויסגעהייצט. רו זיך אויס בײַ אונדז די נאַכט און מאָרגן וועלן מיר דיך באַגלייטן, ווי אַן אייגענעם, ווי אַן אונדזעריקן... די מאַמע מאַלקינאַ האָט זיי ביידן אײַנגעדעקט מיט די פֿוטערפּעלצן און אַליין זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן די איקאָנעס". („די מלחמה־טרילאָגיע", נײַע אויפֿלאַגע, פּאַריז, תשכ"ה, ז' 248).

אַזאַ אויסטערלישע סצענע האָבן מיר ניט אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע איז שוין פֿון לאַנג אָפּגעריסן פֿון דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער נאַטור און נאַטירלעכן לעבן, און וואָס האָט מיט אַ געדיכטן שיכט

פֿון אַ פֿיל־דורותדיקער ציוויליזאַציע און קאָנווענציאָנעלע נאָרמען פֿאַר־דעקט דעם אוממיטלבאַרן און פֿרייַען אויסדרוק פֿון די נאַטירלעכע מענטש־לעכע סענטימענטן. מיר האָבן אָבער אַ חוש פֿאַר דער שיינקייט פֿון אַזעל־כע געפֿילן, אַ מיטגעפֿיל פֿאַרן „מיטלייד" פֿון אַ מאַמעס האַרצן און אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די רעכט פֿון ליבע, וואָס הייליקט דאָס מענטשלעכע לעבן. מיר האָבן עס געלערנט אין אונדזערע הייליקע ספֿרים. כי עזה כמות אהבֿה, די ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט, ווערט געזאָגט אין שיר השירים, און די אידיליע „מגילת רות" איז אינטעגרירט אין תּנ"ך ווי אַ הייליקער ספֿר.

רות האָט געליבט איר מאַן, האָט זי זיך אידענטיפֿיצירט מיט אים, און ס'איז איר געוואָרן ליב און טייַער זייַן משפּחה, זייַן פֿאָלק און זייַן גאָט, און זי האָט זיי ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן אויך נאָך זייַן טויט. אין דעם איז פֿאַרבאָרגן דער זינען פֿון דער מענטשלעכער אוממשטערבלעכ־קייט, וואָס בלייַבט לעבן אין האַרצן פֿון די לעבנגעבליבענע. אַזוי אַז ליבע איז „שטאַרקער פֿון טויט", און פֿון אַזאַ ריינער כשרער ליבע איז עס אין דורות אַרום, לויט דער מסורה, געבוירן געוואָרן דוד המלך. „— דייַן פֿאָלק איז מייַן פֿאָלק און דייַן גאָט איז מייַן גאָט", האָט רות געזאָגט צו דער שוויגער, און אַוועק מיט איר קיין בית־לחם, יהודה, זיך נעמען אַן „אויסלייזער", אַ מאַן, פֿון די קינדער פֿון ישראל. „דער נאָמען פֿון געשטאָרבענעם זאָל ניט פֿאַרשניטן ווערן צווישן זייַנע ברידער". איז זי גע־קומען צו בועזן און האָט זיך געלייגט בייַ זייַן צופֿוסן און אים געזאָגט: „שפּרייט אויס דייַן ברעג קלייד איבער דייַן דינסט, וואָרום אַן אויסלייזער ביסטו"...

דאָס איז אַ בילד פֿון פּאַטריאַרכאַלן לעבן אין ייִדישן דאָרף אין די צייַטן פֿון די שופֿטים, אַן אָפּקלאַנג פֿון אַזאַ פּאַטריאַרכאַלער אידיליע קאָנען מיר נאָך טרעפֿן בייַ די פּשוטע און תּמימותדיקע מענטשן פֿון דאָרף, וואָס פֿאַרדעקן ניט דעם באַגער פֿון זייער האַרצן מיט קיין פֿאַלשער קאָנווענ־

ציאַנעלער מאָראַל. ס׳איז אַ בילד אָנגעלאָדן מיט געפּיל, מיט ריינער ליב־שאַפֿט, וואָס האָט געריִרט אויף אַ מאַמעס האַרץ, און זי האָט געבעטן: — פֿאַרשעם ניט מײַן טאָכטער; בלײַב דאָ איבער נאַכט, און מאָרגן וועלן מיר דיך באַגלייטן ווי אַן אונדזעריקן, ווי איינעם פֿון דער משפּחה... זי האָט געגעבן איר מאַמעס ברכה און האָט געהייליקט די ליבע, וואָס האָט פֿאַרבונדן אין אַן אייביקן בונד צוויי הערצער. די תּאווה פֿאַרבינדט ניט; זי איז ווי אַ פֿונק, וואָס צינדט אָן אַ שטרוי, גיט אַ פֿלאַקער און ווערט פֿאַרלאָשן. ליבע איז געלײַטערטער אינסטינקט וואָס דערהייבט צו מסירת־נפֿש, וואָס איז מענטשלעך און שיין.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט אַז דער פּאָליט־קאָמיסאָר, זשילין, האָט פֿאַרמשפּט אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן צום טויט, כּדי צו באַווײַזן די אָרומיקע רוסישע פּויערים, אַז ער פֿאַרטיידיקט ניט קיין ייִדן, אַז די רויטע קאָמאַנדירן זענען ניט קיין „באַהאַלטענע זשידעס", ווי די דײַטשן זאָגן, נאָר ריינבלוטיקע רוסישע מענטשן. ווען די דאָקטערין אַנאַ סאַמועלאָוונאַ קאַרינאַ האָט זיך דערוווּסט פֿון דעם, איז זי אַרײַן צום קאָמיסאַר מיט דער כּוונה אָפּצושרײַען די גזירה. — מיר דאַרפֿן גיין אין קריג מיט ריינע הענט, האָט זי געזאָגט, און איר ווילט באַגיין אַ מאָרד!... דער נאַטשאַלניק איז אַרײַנגעפֿאַלן אין גרימצאָרן. — דאָס איז היסטעריע, האָט ער געשריִען, אײַער גוט באַקאַנטע היסטעריע!... דאָס איז פֿון אומצוטרוי... אַ פּאָליט־קאָמיסאַר באַשולדיקן אין מאָרד!? דאָס איז אַ פֿאַרברעכן!... ער האָט זי אַ צי געטאָן אין מיטן פֿון חדר און אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעטל... און „זי האָט דערשפּירט אַ שווייסיקן בראָנפֿן־אָטעם איבער זיך, דערפֿילט דעם שטאָך פֿון נאַגאַן, וואָס האָט זי געדריקט צוזאַמען מיט עפּעס שווערס, און דערנאָך איז זי פֿאַרזונקען ווי אין אַ קראַפּעווע־פֿעלד. אין דרויסן האָט געלאַכט זשילינס אָרדינאַנס, זאַדורקין, מיט אַ שטעכיק געלעכטערל". און דאָס „געלעכטערל" האָט ווי אַ באַהאַלטענע וווּנד ניט אויפֿגעהערט צו בלוטיקן. זי

האָט געפּילט, אַז זי וועט זיך שוין קיין מאָל ניט באַפֿרײַען פֿון יענעם נאָכ־טיקן געלעכטער פֿונעם אָרדינאַנס...

אַ שפּײַ אין דער נשמה לאָזט איבער אומפֿאַרגעסלעכע שפּורן, און אַ באַליידיקונג גייט נאָך ווי אַ שאָטן דאָס גאַנצע לעבן. און מיר ווען ווי־דער דערמאָנען דעם שוין קאָמענטירטן ספֿר „יון מצולה" פֿון נתן נטע האַנאָווער פֿון 17טן יאָרהונדערט, וואָס האָט געשריבן, אַז „דאָס וואָס כמיעלניצקיס באַנדעס האָבן געטאָן צו די ייִדן טאָר מען פֿאָרן מויל ניט אַרויסברענגען כּדי דעם נאָמען מענטש ניט פֿאַרשווערכן". און דאָס וואָס מען „ברענגט ניט אַרויס" און ווערט ניט אויסגעלאָדן, פּרעסט אויף דער נשמה ווי אַ לאַסט און דערדריקט דעם גײַסט פֿון מענטשן. דאָס איז אַן אָרגאַני־שער קאָמפּאָנענט פֿון דעם גלות־קאָמפּלעקס פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט דורך אַ סך דורות געמוזט „אַראָפּשלינגען" פֿיל באַליידיקונגען אין לעבן. האָט אים אַ ייִדישע טאָכטער פֿון דער רויטער מאָסקווע אויך ניט אויסגעמיטן...

ווען זשילינס פּאַרטיזאַנערס־אָפּטייל איז אויפֿגעלייזט געוואָרן נאָך די שלאַכטן אין די סמאָלענסקער וועלדער, איז קאָרינאַ אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די דײַטשן, און אַוועקגעשיקט געוואָרן מיט אַ טראַנספּאָרט רו־סישע פֿרויען אויף שקלאַפֿן־אַרבעט קיין דײַטשלאַנד.

דער טראַנספּאָרט האָט שוין אָבער זײַן ציל ניט דערגרייכט, און מיר טרעפֿן ווידער די יונגע ייִדישע דאָקטערין אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין פּראָגע, בײַ דער װײַסל. אין איין נאַכט האָט מען מנחמען געבראַכט אין שפּיטאָל אַ לײַכט־פֿאַרווונדיקטן, און ס'איז צו איר דערגאַנגען אַ ידיעה אַז זשילין לעבט, אַז ער איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פֿון אַ פּאָל־קאָווניק, און „אַזוי האָט זיך פֿאַרקניפּט אַן אויסטערלישער קנופּ, און זי איז עס די, וואָס האַלט די פֿאַרפּלאָנטערטע פֿעדעם אין אירע הענט: דער רוס פֿון אַ ווײַטן דאָרף, דער ייִד פֿון פּוילן און אַנאַ קאָרינאַ פֿון מאָסקווע. זשילין איז ערגעץ נאָענט. זי פֿילט עס. עפּעס וועט געשען".

איין מאָל האָט אַנאַ דערציילט מנחמען, אַז איר מוטער פֿרעגט זיך אויף אים אין אירע בריוו. מנחם האָט זיך דערפֿרייט, עס האָט אים דורכ־

געגומען אַ וואַרעם געפּיל, אַ געפּיל פֿון היימישקייט און דאַנקשאַפֿט צו די מענטשן, און ער האָט געזאָגט: איך פֿריי זיך, אַנאַ, דאָס איז דער איינציקער גרוס צו מיר אין דער איינזאַמקייט. — דו ביסט ניט איינזאַם, האָט זי אים געענטפֿערט. אין דער אַרומיקער קאַלטער אַטמאָספֿער, וואָס האָט אָפֿט מאָל געדראָט מיט אַ שטורעמדיקן אויסבראָך אויף ייִדן, איז גרויס די בענקשאַפֿט נאָך אייגענע מענטשן, נאָך ברידער וואָס טראָגן אויס דעם זעלביקן גורל, נאָך אַ וואַרעמער היים, וואָס זאָל באַשיצן מיט מו־טערלעכער ליבשאַפֿט דעם מענטשן און געבן שפּײַז דער נשמה, וואָס דאַרשט צו אַ העכערן מענטשלעכן לעבן.

מנחם האָט דערציילט אַנאַן וועגן זײַן היים, וועגן זײַנע עלטערן, וועגן לעבן פֿון ייִדן אין פּוילן, און ער האָט פֿאַר איר אַנטדעקט אַ נײַע וועלט,

„אַ וועלט פֿון וועלכער זי האָט געאָנט אַז זי דאַרף זײַן. איצט האָט זי דערזען — די נשמה־וועלט. זי האָט זיך דערצויגן אין אַ צײַט פֿון פֿאַרשלאָסנקייט און פּחד, אין יאָרן פֿון שרעק און אומגלויבן. אין די נעכט האָט זי זיך אײַנגעהערט אין די טריט אויף די טרעפּ. זי האָט זיי געקענט די זשילינס. דאָס לאַנד איז פֿול געוועזן מיט זיי. זי האָט זייערע טונקעלע נשמות דערקענט ווען די דײַטשן זענען גע־שטאַנען בײַ מאָסקווע. זי האָט זיי דערזען ווען זיי האָבן געשטורעמט די וואַגאָנען מיט די קאַצעטלערינס.

זיי וועלן איצט ווערן די זיגער, מיטן בלוט פֿון די מיכאַילס, פֿון די מיליאָנען פּויערים־זין. זיי וועלן פֿאַראַדירן מיט שטײַפֿע גלאַנציקע עפּאָלעטן, מיט די אַלערליי מעדאַלן און קלינגענדיקע גענעראַלישע און גוואַרדייאישע נעמען". (דאַרט, ז' 517).

דאָס שאַפֿט אונדז אויך אַ פֿאַרשטעלונג וועגן דער שטימונג וואָס הערשט הײַנט צווישן די ייִדן, וועלכע לעבן אין די לענדער פֿון דער סאָ־וועטישער דיקטאַטור. עס איז ניט נאָר אַ „רוף פֿון בלוט", עס איז אויך שותּפֿות פֿון גורל, וואָס האָט פֿאַרבונדן אַ פֿאָלק אין צײַט פֿון זײַן נויט, און יעדער איינער זוכט אַ שוץ אינעם צווייטן, אַ שטיצפּונקט אין דער ירושה פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות און אַ בענקשאַפֿט צום שורש. די אייביקע בענק־

שאָפֿט פֿון מענטשן צו דער וואַרעמקייט פֿון זײַן עלטערן־היים און צום שויס פֿון דער מוטער.

מנחם איז גיך געגעזן געוואָרן און זיך צוריקגעקערט אין זײַן אײנהייט. אַנאַ פֿלעגט אים אָפֿט שרײַבן לאַנגע בריוו, און יעדער בריוו איז בײַ מנחמען געווען אַ געשעעניש, וואָס פלעגט אים פֿאַרשאַפֿן פֿרייד, געבן אַ זינען און אַ ווילן צו לעבן. ענטפֿערן פֿלעגט ער קורץ. אפֿשר איז הינטערן פֿאַרהאַנג פֿון באַוווסטזײַן געשטאַנען די צאַרטע געשטאַלט פֿון ליאָסקאַן אין דעם ווײַטן טענגושײַ, און האָט געצוימט דעם אויסגאָס פֿון געפֿילן ? דאָס מענטש־לעכע האַרץ איז אַ ים אין וועלכן עס שטראָמען קעגנזעצלעכע סענטימענטן.

אין איין בריוו שרײַבט אים אַנאַ :

„איך בין ניט איין מאָל געשטאַנען אין די שפּיטאָלנעכט געבויגן איבער דײַן געלעגער און געקוקט אויף דײַן פּנים. איך ווייס ניט אויב עס איז אמת, אַז דאָס בלוט פֿון דורות רופֿט זיך אָפּ. אין דײַן פּנים האָב איך דערזען אויף דער וואָר אַן אוראַלטן חלום וואָס האָט שוין געהאַלטן אין אויסלעשן זיך. דו ביסט אַ ייִד. איך האָב דאָס דערקענט בײַם ערשטן בליק נאָך הינטער מאָסקווע. קוקנדיק אויף דיר האָט זיך אין מיר אָפּגערופֿן מײַן שטאַם. איך האָב נאָר געקענט מײַנע זיידעס פֿון די בילדער.

האָסט אויף דעם אָפּעראַציע־טיש גערעדט אויף ייִדיש־לשון. איך קען די שפּראַך נאָר פֿון מײַן מאַמעס שעפּטשערײַען. עס איז מיט אַ מאָל אויפֿגעגאַנגען אין מיר עפּעס אַזוינס וואָס איך האָב ניט געוווּסט, אַז ס'איז פֿאַרבאָרגן אין מיר. עס האָט אויפֿגעטויכט אין מיר דער ייִד. יעדער ערלעכער מענטש אין אונדזערע טעג, אַפֿילו ווען ער איז ניט פֿון אָפּשטאַם אַ ייִד, האָט געדאַרפֿט זיך פֿילן ווי אַ ייִד. אויב ער האָט דאָס ניט געפֿילט, איז זײַן מענטשישקייט אַ צווייפֿלהאַפֿטע. איך וועל דיר אייביק דאַנקבאַר זײַן וואָס דו, מיט דײַן באַווײַזן זיך אין מײַן לעבן, האָסט געהאָלפֿן מיר מאַכן דעם שריט״.

(זז' 532—533).

מיר גיבן אַ לענגערן אויסצוג פֿון דעם בריוו וואָס איז אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַרן ווידערגעבורט פֿון אַ ייִדן, וואָס געפֿינט אין די טיפֿסטע שיכטן פֿון זײַן נשמה — אין דער פֿאַרבאָרגענער ירושה פֿון דורות, „וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם אויסלעשן זיך״ — אַן אָנשפּאַר און אַ רעטונג אויף די

צעשטורעמטע כוואַליעס פֿון לעבן. דער היינט איז פֿאַר איר געווען ווי אַ קאָשמאַר פֿון וועלכן זי האָט פֿאַרצווייפֿלט געזוכט אַ דערלייזונג. אין דער היים אַן אַלטע מוטער, וואָס ליידט פֿון די פֿרעמדע שנורן; דער אָנדענק פֿון אַ פֿאָטער, וואָס איז אומגעקומען אויף פֿאַרשיקונג, און דאָ אַ פֿיינלעכע סבֿיבֿה אַרום איר, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געפֿאַרן...

האָט פֿאַר איר מנחם אַנטדעקט אַ נייע וועלט, וועלכע איז געלעגן פֿאַרבאָרגן אין די אונטערבאַוווּסטזיניקע שיכטן, האָט זיך אין איר אָפּגערופֿן דער ייִדישער „שטאַם", און אין אים האָט זי דערפֿילט אַ רעטונג און אונטער די פֿיס — אַ באָדן. זי האָט זיך געפֿונען, האָט אַנטדעקט איר פּערזענלעכקייט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ כּלל, מיט דער וועלט פֿון מנחמען, מיט אירע עלטערן, מיט אירע זיידעס פֿון די בילדער, מיט די ייִדן פֿון היינט און פֿון נעכטן. „עס האָט אויפֿגעוויכט אין איר דער ייִד" און זי האָט פֿאַרבונדן איר גורל מיטן פֿאָלק, און איר לעבן האָט באַקומען אַ ציל: זיך צו רעאַליזירן ווי אַ ייִדישע טאָכטער.

„יעדער ערלעכער מענטש אין אונדזערע טעג, האָט זי געזאָגט, דאַרף זיך פֿילן ווי אַ ייִד"; דאַרף זיך אידענטיפֿיצירן מיט דעם פֿיל אָנגעליטענעם ייִדישן פֿאָלק, ווי אַ פּראָטעסט קעגן אומרעכט, ווי אַן אויסדרוק פֿון מענטשלעכקייט, און ווי האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט.

אין אַ צייט אַרום, שרייבט זי, אַז זי איז געווען אין ייִדישן קאָמיטעט אין וואַרשע, און האָט דאָרט געפֿונען אַ גרופּע ייִדישע קינדער, היימלאָזע, אין עלטער פֿון 8 ביז 14 יאָר. זי באַמיט זיך איינצואָרדענען פֿאַר זיי אַ היים אין אָטוואָצק. צייטווייליק האָט מען געמאַכט פֿאַר זיי אַן אָרט אין אַ קליינער דירה ניט ווייט פֿון שפּיטאָל, זיי ווערן באַשפּייזט פֿון דער שפּיטאָלקיך. די מאַמע אירע האָט זיך שטאַרק געפֿרייט, ווען זי האָט געהערט אַז ער לעבט און זי שרייבט איר: „פֿאַרליר אים ניט מער, אַנאַ". זי באַדויערט זייער וואָס זי קאָן ניט רעדן מיט די קינדער זייער לשון. ווען זי קוקט אין זייערע טרויעריקע פּנימלעך פֿילט זי אַז זי געהער צו זיי. זי פֿילט אין זיך אַ טיפֿע ענדערונג, שוין ניט די אַנאַ פֿון אַ מאָל, און גיט צו: „אפֿשר איז עס גוט

אַזוי. די ענדערונג איז דער בעסטער סימן, אַז מיר וועלן ניט אונטערגיין״.

אין די ווערטער איז פֿאַרקערפּערט אַ טיפּע סימבאָלישע באַטײַטונג. דער לעבנס־כּוח פֿון ייִדישן פֿאָלק איז פֿאַרבאָרגן אין דער פֿעיִקייט צו ענדערן זײַן גאַנג צווישן פֿעלקער, וואָס פֿירט אים לײַכט מיטן שטראָם צו אויפֿלייזונג, צו אויסמישונג אין דעם ברייטן ים פֿון לעבן. אין דעצידירנדיקע מאָמענטן געפֿינט עס אָבער אין זיך קראַפֿט צו גיין קעגן שטראָם, צו זוכן זײַן אייגענע אידענטיטעט און געפֿינען אַן אייגענעם וועג אין לעבן. דאָס איז דער וועג פֿון יחיד צום ייִדישן כּלל, און פֿון כּלל צו דער היסטאָרישער טראַדיציע פֿון פֿאָלק, וואָס איז אַן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלער וויטאַליטעט, וואָס האָט געזיכערט דעם ייִדישן קיום

זשילין האָט ניט אויפֿגעהערט צו פֿאַרפֿאָלגן זײַנע קרבנות, און האָט ווי אַן עכטער ענקאַוועדיסט נאָכגעשפּירט זייערע טריט, און זיי געהאַלטן אין אַ צושטאַנד פֿון מורא און שפּאַנונג. דער „העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד״, וואָס איז שוין אויך געווען אויסגעצייכנט מיט אַנדערע אָרדנס, און אַרויפֿגעקלעטערט צו די העכסטע שפּיצן פֿון מאַכט, האָט ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען אַזוי לײַכט זײַן דורכפֿאַל בײַ דער ייִדישער דאָקטערין וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט „קלעפּן זיך צו די אייגענע״. מנחם איז אים געשטאַנען אין וועג, און ער האָט באַשלאָסן אים צו מאַכן אַ וואָרענונג, אַז ער האַלט אים אויפֿן אויג. איין מאָל האָט מנחם באַקומען אַ באַפֿעל זיך צו מעלדן אין שטאַב פֿון פּאָלק. עס האָט אים אויפֿגענומען אַן אָפֿיציר פֿון „ספּעצאָפּטייל״, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט זײַטיקע פֿראַגן וועגן זײַן קינסטלערישער טעטיקייט און צום סוף אַ פֿרעג געטאָן: — „ביסט געווען הינטער מאָסקווע און בײַ דער ווײַסל, ווען געדענקסטו פֿון דײַנע קאָמאַנדירן ?

— מײַנע קאָמאַנדירן ? איך דערמאָן זיך ניט גראָד... יאָ, איינעם געדענק איך גוט. מנחם האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום בילד אויף דער וואַנט, און מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף דעם ,פֿאָטער פֿון די פֿעלקער׳..

— געדענקסט ניט דײַנע קאָמאַנדירן ? דאָס איז אַ שלעכטער סימן, האָט

אים געזאָגט דער נאַטשאַלניק, ביסט צופֿיל זײַטיק געווען אין דער מלחמה.
איך גלייב, אַז דעם פּאַלקאָווניק, ניקאָלײַ פּיאָדראָוויטש זשילין, דעם
,העלד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד׳ געדענקסטו? ער איז דאָ געווען און לאָזט דיך
גריסן... מנחם איז בלייך געוואָרן. ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַ
גרוס, וואָס זאָגט ניט אָן קיין גוטס״.

קורץ נאָך דעם האָט זשילין באַזוכט די דאָקטערין; אָבער ער האָט
באַקומען אַ קאַלטע אויפֿנאַמע און האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז אים ניט
מוחל, אַז אַלע זײַנע באַמיִונגען זענען אומזיסט...

דאָס קינדערהויז, וואָס די דאָקטערין קאַרינאַ האָט געשאַפֿן, האָט זיך
אויסגעברייטערט, האָט באַקומען אַ פּאַסיקע געבײַדע אין אָטוואָצק, און
גוטע רוסישע פֿרײַנד האָבן איר אַרויסגעהאָלפֿן צו באַזאָרגן אַלץ וואָס איז
נייטיק פֿאַר די קינדער. דאָס קליינוואַרג האָט אויפֿגענומען מיט אַ געפֿיל
פֿון רירנדיקער דאַנקשאַפֿט די רוסישע סאָלדאַטן, „הלוואַי, זיי זאָלן זיך ניט
דאַרפֿן אַנטוישן״, באַמערקט אַנאַ אין איר בריוו. אַ סך יִדישע קינדער האָט
מען „אויסגעלייזט״ פֿאַר גוט געלט בײַ די אַרומיקע פּוילישע פֿאַמיליעס
ווו זיי האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן. אַ קליין מיידעלע, אַניוטאַ, פֿון אַכט יאָר,
האָט געפֿרעגט די דאָקטערין: — „דו ווילסט זײַן מײַן מאַמע? איך וועל
זײַן אַ גוט קינד, נעם מיך אַוועק פֿון דאַנען, איך וועל דיך שטאַרק ליב
האָבן״... דאָס אָרעמע קינד האָט געבענקט נאָך אַ מאַמען, נאָך אַ היים...

און אַנאַ איז געווען ווי אַ מוטער פֿאַר די קינדער, און זי האָט אויך
געפֿונען איבערגעגעבענע מיטהעלפֿער: דעם ד״ר ליעשניאַק און זײַן פֿרײַנד,
דעם יִדישן ד״ר יאַבראָוו פֿון ווילנע. עס איז נאָך דעם צוגעקומען אַ יונגער
פּוילישער ייִד, מאַרעק, וואָס האָט דורכגעמאַכט דאָס געטאָ אין וואַרשע, זיך
באַטייליקט אין געטאָ־אויפֿשטאַנד און געקעמפֿט אין באָרס אַרמיי. יעדן
טאָג פֿלעגט זי אירע פֿרײַע שעהען פֿון שפּיטאָל פֿאַרברענגען מיט די קינ־
דער און זיי נעמען אויף שפּאַציר. זי האָט ליב געהאַט צו האַלטן די קליינע
אַניוטאַ אויף איר שויס און רעדן צו איר האַלב־רוסיש האַלב־יִדיש.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט די אידיליע. זשילין האָט ניט גערוט. אין איין שיינעם טאָג האָט מען אַנאַן פֿאַרבעטן אין „ספּעצאָפּטייל״, וואָס האָט געהאַט זײַן אויפֿזיכט איבערן שפּיטאָל. די געהיים־פּאָליציי האָט גע־האַט אירע קעמערלעך אין אַלע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן מיט „פֿאָטערלעכער זאָרג״ אָפּגעהיט די רו פֿון די סאָוועטישע בירגער. ווי די שפּינען האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייערע נעצן אין אַלע ווינקלען, און האָבן געהאַט זייערע אַגענטן אין אַלע הײַזער. אויפגענומען האָט זי זייער העפֿלעך דער שעף פֿון דעם אָפּטייל, קאַפּיטאַן קלויעוו, וואָס האָט זי באַגריסט פֿאַר איר אי־בערגעגעבענער טעטיקייט אין שפּיטאָל, און ווי אַן אויסדרוק פֿון אַנערקע־נונג איר פֿאָרגעשלאָגן אַרײַנצוטרעטן אין דער פּאַרטיי. איינע פֿון אונדזע־רע בעסטע דאָקטערינס, האָט ער צוגעגעבן, דאַרף ניט בלײַבן אומפּאַרטייִש.

דער פֿאָרשלאָג איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז אַנאַ איז געוואָרן איבעררעשט. — איך בין אַזוי פֿאַרטאָן, האָט זי געענטפֿערט, עס איז מיר גאָרניט אײַנגעפֿאַלן... איך האָב גאָרניט געטראַכט...

— ניט געטראַכט? — האָט קלויעוו דראָענדיק אויסגעצויגן די ווערטער, פּונקט ווי ער זאָל זי כאַפּן בײַ אַ פֿאַרברעכן. — אַזוי? קיין מאָל ניט גע־טראַכט גאָר? אָ, דאָס איז אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט... ווילט איר ניט מען זאָל אײַך פֿאַררעכענען צום אַוואַנגאַרד פֿון סאָוועטישן פֿאָלק?... אַנאַ איז געוואָרן אומרויִק. — איך האָב ניט געזאָגט, אַז איך וויל ניט...

— אָ, איר ווילט זיך באַטראַכטן? זייער ריכטיק, דאָס דאַרף געטאָן ווערן רויִק, פֿון אייגענעם ווילן... דאָס געפֿעלט מיר, וועלן מיר דאָס אָפּלייגן... איז דערלויבט מיר צו שטעלן אײַך נאָך איין פֿראַגע, איז ער צוגעטראָטן געבן דעם קרבן אַ דערשיטערנדיקן קלאַפּ: — איר זײַט אַרײַנגעפֿאַלן אין דײַטשע הענט, אײַער פּאַרטיזאַנער־טייל איז צעשלאָגן געוואָרן, אַזוי ווערט געזאָגט אין אײַער אויטאָביאָגראַפֿיע. דאָס לייגט זיך עפּעס ניט אויפֿן שׂכל איז עס ניט געווען קיין פֿרײַוויליקער איבערלויפֿן צו די דײַטשן?...

אַנאַן האָבן אָנגעהויבן ציטערן די הענט, דער אָטעם איז איר פֿאַר־האַקט געוואָרן... צום סוף איז געקומען די שטענדיקע פֿראַגע, וועלכע איז

געוויינלעך געשטעלט געוואָרן אַלע מיליטער־לײַט אויף וועלכע ס׳איז געפֿאַלן אַ חשד אין אומטרײַיקייט צום רעזשים: — געדענקט איר ניט די נעמען פֿון די שטאַב־מענטשן פֿון אײַער פּאַרטיזאַנערס־אײנהייט?... ווער עס האָט ניט געדענקט, האָט שלעכט אָפּגעשניטן...

„מיטאַמאָל איז [פּאַר אַנאַן] אויפֿגעשוווּמען זשילינס פּנים. זי האָט אים דערזען, זײַן שאָטן שפּרייט זיך אויף די ווענט פֿון צימער. ער שטייט הינטערן רוקן פֿון קאַפּיטאַן קלויעוו. זי פֿילט דעם שאָטנס אָטעם, אויסגעמישט מיט בראַנפֿן־ריח. זשילינס אויגן בריִען. הענט שלײַדערן איר אין אַ דאָרנפֿעלד. דער ווייטיק איז אַזוי שאַרף אַזש זי פֿאַרשליסט די אויגן, און עס נעמט איר אַרום אַ גרויס רחמנות צום אייגענעם לײַב, דעם צעריסענעם און פֿאַרבלוטיקטן. אַ שפּאַטיש געלעכטערל אין דער ווײַטער נאַכט... אַ שיכּור שדיש לאַכן פֿון זשי־לינס אָרדינאַנס״... (דאָרט, ז׳ 691).

אַז אַנאַ איז אַרויס פֿון פֿאַרהער האָט זיך איר געדאַכט, אַז מען גייט איר נאָך. אין איר צימער האָט זי געטראָפֿן אַן אומאָרדענונג ווי עמעץ וואָלט גענישטערט אין דער שראַנק, אין געלעגער.

מען האָט אויך גערופֿן אין „ספּעצאָפּטייל״ די הויפּט־קראַנקן־שוועס־טער פֿון שפּיטאָל און זי אויסגעפֿאָרשט וועגן אַנאַן, ווּהין זי פֿאָרט אַזוי אָפֿט, ווער איז דער פּוילישער ייִד מאַרעק, וואָס קומט צו איר, און וואָס זיי טוען אין קינדערהויז אין אָטוואָצק. זי האָט געמוזט אונטערשרײַבן אירע דערקלערונגען און זיך פֿאַרפֿליכטן צו אינפֿאָרמירן וועגן וואָס עס רעדן די דאָקטוירים און ווער עס קומט צו אַנאַן.

ווען זשילין האָט אַרײַנגעקוקט אין פּראָטאָקאָל וועלכן קלויעוו האָט אים צוגעשטעלט, איז אים פּלוצעם באַפֿאַלן אַ ווילן עס צערײַסן אויף שטיקלעך, און פֿאַראָרדענען קלויעוון אָפּצושטעלן די פֿאַרהערן. עס איז אַן אומריינע און מיאוסע שפּיל, האָט ער זיך פֿאַרגעוואָרפֿן. זי פֿילט אַוודאי אַז הינטער קלויעוון שטייט עמעצער, ווי וועל איך איר קוקן אין די אויגן? עס האָט זיך אין דעם פֿויערים־זון דערוועקט אַ פֿונק פֿון מענטשלעכן גע־וויסן. עס האָט אָבער גובֿר געווען דער ענקאַוועדיסט, וועלכן עס האָט שוין

פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן דאָס שפּיל מיט מענטשלעכע לעבנס און די אַמביציע צו אימפּאָנירן זײַן ווילן. און ער האָט דעם פּראָטאָקאָל ניט צעריסן.

עס איז אומדערוואַרט צוגעקומען נאָך אַ פֿאַקטאָר, וואָס האָט צוגעגעבן זשילינס בלוטיקער אינטריגע דעם כאַראַקטער פֿון שיִער ניט אַ פּאַטריאָטישער האַנדלונג אין נאָמען פֿון „העכערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן". אין פּוילן האָט נאָך דער מלחמה געבושעוועט אַ ווילדער האַס צו ייִדן. עס זענען געקומען עשעלאָנען מיט טויזנטער צוריקוואַנדערער פֿון סיביר, פֿון מיטל־אַזיע, פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מען האָט מורא באַקומען, אַז די ייִדן וועלן אָנהייבן מאָנען זייערע דירות, זייערע הײַזער, זייער צערויבטן פֿאַרמעגן. מען האָט די עשעלאָנען באַוואָרפֿן מיט שטיינער, באַפֿאַלן די ייִדן אין די גאַסן, געמאָרדעט אין די נעכט. דאָס לאַנד איז פֿול געווען מיט פֿאַרשיידענע פּאַרשוינען פֿאַרווילדעוועטע פֿון דער מלחמה. „שמאַלצאָווניקעס", קאַפּאָס פֿון די דײַטשע לאַגערן, שמוגלאַרעס, וולאַסאָווצעס און סתּם אונטערוועלטניקעס, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט אומרו אין לאַנד, און באַזונדערש צעבלאָזן דאָס אַנטיסעמיטישע פֿײַער.

סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם כאָאָס און אין די פּאָגראָמען אויף ייִדן, ווײַל דאָס האָט באַרעכטיקט פֿאַר דער מערבֿ־וועלט די סאָוועטישע אָקופּאַציע פֿון פּוילן, וועלכע איז נאָך ניט צײַטיק צו זעלבשטענדיקייט. אַ ספּעציעלער שליח פֿון מאָסקווע האָט אויף אַ באַראַטונג פֿון זשילינס שטאַב, עס אַזוי דערקלערט:

„— אונדזער ציל איז אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער באַפֿעלקערונג. דאָס דאַרף זײַן אַ נאַטירלעכער, אַ פֿרײַנדלעכער קאָנטאַקט. מיר קענען ניט אָנגעמען קיין שאַרפֿע מיטלען. דאָס לאַנד איז נאָך צעוויגט פֿון דער מלחמה. יעדער פּויער האָט פֿאַרבאַהאַלטן געווער. מיר דאַרפֿן זיך האַלטן זײַטיק פֿון דעם אינערלעכן געראַנגל צווישן די פּאַליאַקן גופֿא — אָבער מיט אַ וואַך אויג. געוויסע דערשײַנונגען דאַרפֿן אויסגענוצט ווערן צו שטאַרקן אונדזערע פּאָזיציעס. איינער פֿון זיי איז דער אַנטיסעמיטיזם.

— — — — — — —

מיר פֿילן מיט מיט דעם טראַגישן קליינעם פֿאָלק, און אונד־

זער באַלשעוויסטישע מאָראַל וועט ניט באַפּלעקט ווערן אויב מיר וועלן ניט קענען העלפֿן די דאָזיקע מענטשן. עס איז דאָ אַ העכערער אינטערעס און דאָס איז דער ווילשטאַנד פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעל־קער, פֿון גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד. גראַד דער צעוויגטער און בו־שעוועדיקער אומרו אין פּוילן, באַזונדערש דאָס מאָרדן די רעשט־לעך לעבנגעבליבענע ייִדן, באַרעכטיקט פֿאַר דער גרויסער וועלט דאָס פֿאַרשטאַרקן אונדזערע מיליטערישע גאַרניזאָנען אין פּוילן. די אויסלענדישע מלוכות איבערצייַגן זיך, אַז דאָס לאַנד איז ניט פֿעיִק, אין דער תּקופֿה, צו זעלבסטשטענדיקייט, און אַז עס זענען נייטיק סאָוועטישע גאַרניזאָנען, ווייַל די רעשטלעך פֿון נאַציזם בו־שעווען נאָך". (דאָרט, זז' 704—705).

דאָס איז דער העכסטער דיאַלעקטישער אויסדרוק פֿון פֿאַרברעכערישער צבֿיעות, וואָס לייגט אַרייַן די ייִראה אין דער טומאה, וואָס באַרעכטיקט דעם אַנטיסעמיטיזם אין נאָמען פֿון העכערע „נאַציאָנאַלע אינטערעסן". דאָס איז אייגנטלעך געווען די פּאָליטיק פֿון די סאָוועטן אויך אין דער צייַט פֿון דער מלחמה, און איז נאָכן קריג צום העכסטן אויסדרוק געקומען אין פּוילן מיטן „אויסנוצן" פֿאַר זייערע אינטערעסן דעם מאָרד פֿון די רעשטלעך לעבנגעבליבענע ייִדן.

אין אַזאַ אַטמאָספֿער איז ניט פֿאַראַן קיין אָרט פֿאַר ייִדישע קינדער־הייַזער און פֿון סענטימענטן פֿאַר ייִדן. דער פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין האָט באַקומען אַ הכשר פֿון די „העכסטע פֿענצטער", אַז מען זאָל די ייִדן ניט העלפֿן, אַז „די קאָמוניסטישע מאָראַל וועט פֿון דעם ניט באַפּלעקט ווערן" און אַז דאָס פֿאָדערן העכערע אינטערעסן... און אין איין שיינעם טאָג האָט דאָס ייִדישע קינדערהויז באַקומען אַ דראָאונג־בריוו: „טראָגט אייַך אָפּ פֿון דער פּוילישער ערד, אויב ניט וועט דאָס הויז מיט די קינדער אויפֿגעריסן ווערן". און אויפֿן צווייטן טאָג האָט מען געפֿונען מאָרעקן אַ דערמאָרדעטן אין זייַן וווינונג אין וואַרשע.

מנחם איז דעמאָביליזירט געוואָרן און פֿלעגט באַגלייטן אַנאָן בעת אירע באַזוכן אין קינדערהויז, אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען קרובֿ הונ־דערט יתומים, וואָס זענען געקומען פֿון פֿאַרשיידענע באַהעלטענישן ווו זיי

זענען געווען פֿאַרשטעקט, און פֿון פּוילישע הײַזער פֿון וועלכע מען האָט זיי אויסגעלייזט. דער צוזאַמענטרעף מיט די קינדער און די זאָרג פֿאַר זיי האָט אים צוריקגעבראַכט אין זײַן יִדישער וועלט, און איז געווען פֿאַר אים אַ היילונג נאָך די איבערלעבענישן פֿון דער מלחמה. נאָכן דראָנג־בריוו האָט ער מיטן ד״ר יאַבראָוו באַזוכט דעם קאָמאַנדיר פֿון רוסישן גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿון קינדער־אַנשטאַלט. דער קאָמאַנדיר האָט זיי געעצהט זיך ווענדן צום פֿאַרבינדונגס־שטאַב. דאָרט האָט זיי זייער העפֿלעך אויפֿגענומען דער פּאָלקאָווניק זשילין, ער האָט געגרייט אַ טיש פֿאַר די געסט, האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן קינדער־הויז און אויסגעדריקט זײַן גרייטקייט צו העלפֿן. בײַם געזעגענען זיך האָט ער באַמערקט:

— איך האָב געהערט אַז מען האָט דערמאָרדעט אַ יונגן יִדישן העלד, אַ געטאָ־קעמפֿער, דאַכט זיך זײַן נאָמען איז געווען מאַרעק. פֿאַר וואָס שווײַגט איר?

— וואָס קאָנען מיר טאָן? מיר זענען אוממעכטיק — האָט געזאָגט מנחם.

— איר זײַט ניט אוממעכטיק, איר אַליין שאַצט אונטער אײַערע מעג־לעכקייטן. איך האָב פֿאַר אײַך אַ פֿאַרשלאָג:

„אײַער קינדער־אַנשטאַלט דאַרף מאַכן אַ ווענדונג... ניין, ניט נאָר דער קינדער־אַנשטאַלט נאָר דער יִדישער קאָמיטעט דאַרף די ווענדונג אונטערשרײַבן צו די יִדן אין דער וועלט, אַז די איינציקע, וואָס קענען אײַך באַשיצן זענען די סאָוועטישע מיליטערישע גאַרני־זאָנען וואָס געפֿינען זיך אין פּוילן, אַז אָן דעם סאָוועטישן מיליטער וועלן די רעשטלעך יִדן אויסגעמאָרדעט ווערן. דאָס איז וויכטיק פֿאַר דער זאַך. איך מיין, אַז איר פֿאַרשטייט מיך?״ (דאָרט, ז׳ 706)

מנחם האָט אים זייער גוט פֿאַרשטאַנען און אַ ציטער האָט אים דורכ־גענומען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער סאָוועטישער נאַטשאַלניק וואָס שטייט איצט בראָש פֿון דער רוסישער אָקופּאַציע־מאַכט אין פּוילן, וועט קיין יִדן ניט באַשיצן, און אַז ער איז אויסן גאָר עפּעס אַנדערש... מען

דאַרף וואָס גיכער אַרויספירן די קינדער פון דאַנען, האָט ער געטראַכט, און אַנטלויפן. אויך אַנאַ דאַרף אַנטלויפן...

דער יידישער קאָמיטעט האָט מיט דער הילף פון די אויסלענדישע פאָרטרעטער אין לאַנד, אויסגעפועלט אַ דערלויבעניש אַרויסצופירן די קינדער אויף יענער זייט גרענעץ, קיין מערב, צוזאַמען מיט עטלעכע באַגלייטער. אַ נאַכט פאַרן אוועקגיין האָט דער אַלטיטשקער ד״ר יאַבראָוו גערעדט צו די קינדער: „קינדערלעך, האָט ער געזאָגט, מיר גייען אין אַ ווייטן וועג. איך גיי מיט אייך״.

> „עס איז ניט אַזוי לייכט איבערצולאָזן די דאָזיקע פוילישע פעלדער און וועלדער. מיר זענען דאָ געבוירן געוואָרן. מיר האָבן ליב געהאַט די פוילישע הימלען און די טרויעריקע פוילישע ערד — — — ער האָט זיך פאַרהאַקט און ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — די ערד איז געוועזן שטיפמוטעריש צו אונדז און די הימלען זענען אונדז פרעמד געוואָרן, און די נעכט זענען פול מיט געפאַרן״. (דאָרט, ז׳ 709).

אַן אויסגעדאַרט צען־יאָריק יינגעלע, וואָס האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פון דער ווייטן און זעלטן אַנטיילגענומען אין די שפּילערייען פון די קינדער, האָט זיך ביטער צעוויינט. מנחם איז צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס איז דיר, קינד?

— איך וויל ניט אוועקגיין פון דאַנען... — האָט געענטפערט דאָס קינד — דאָ רעדט צו מיר מיין טויטע מאַמע... דאָרט, ווייט, וועל איך ניט הערן... די ערד איז גוט צו אַלעמען, דער הימל אויך... נאָר די מענטשן זענען שלעכטע... גאָט וועט זיי גוט מאַכן... מען דאַרף צו אים בעטן.

אַנאַ האָט שוין ניט באַוויזן צו אַנטלויפן. נאָך די נאַכט האָט מען אונטער אַ וואַך זי ערגעץ אוועקגעפירט. — איר האָט זיך פאַרבונדן מיט פרעמדע, האָט מען איר געזאָגט, מיט שונאים פון אונדזער היימלאַנד... אַ פרעמדער, אַן אויסלענדער, האָט אייך פאַרפּלאָנטערט אין אַ שפּיאָנען־נעץ. מיר זענען אויף זייערע שפּורן...

פֿאַר טאָג איז געקומען קיין אָטוואָצק די הויפּט־קראַנקן־שוועסטער פֿון שפּיטאָל, די שטענדיקע באַגלייטערין און פֿריינדין פֿון אַנאַן. זי האָט אָפּגע־רופֿן מנחמען און געזאָגט:

„—אַנאַ האָט געבעטן איך זאָל דיר זאָגן: מיכאַיִל, גיי אַוועק פֿון דאַנען. בלייב ניט אין דעם לאַנד... זי וועט דיך זען... זי מוז דיך זען, דיין אַנאַ... מען האָט זי אַוועקגעפֿירט. וווהין ווייס מען ניט. מען האָט איר געזאָגט, אַז קיין מאָסקווע. עס איז אַ ליגן. פֿאַר וואָס האָט מען זי געהיטן אויב מען שיקט איר אַהיים? זאָג מיכאַיִלן, אַז דאָס וואָס בינדט מיך מיט אים איז שטאַרקער געווען פֿון דער מלחמה און וועט אויך שטאַרקער זיין פֿון די וואָס צעשיידן אונדז. זאָל זיך מיין מיכאַיִל אויפֿהיטן פֿאַר דער גרויסער באַגעגעניש וואָס דערוואַרט אונדז. — דאָס זענען געווען אַנאַס רייד”.

(דאָרט, ז׳ 714).

„צוויי לאַסט־אויטאָס מיט אַראָפּגעלאָזטע פּלאַנדעקעס זענען גע־לאָפֿן אויף מערבֿ. עס איז שוין פֿאַר טאָג. מנחם שטייט צונויפֿגעדריקט אין אַ ווינקל פֿון אויטאָ און קוקט אויף די מידע קינדער, וואָס שלאָפֿן פֿאַר־קנוילטע און פֿאַרהוילטע אין דעקעס. דער וועג פֿירט קיין בערלין, און פֿון דאָרט — נאָך ווייטער. נעכטן איז ער דאָ געגאַנגען ווי אַ זיגער — היינט, ווי אַ נע־ונדניק... ער פֿאַרלאָזט די דאָזיקע טרויעריקע ערד אויף אייביק, די ערד פֿון זיינע אָבֿות. ער פֿאַרמאָגט ניט מער ווי זיין מידן גוף און אַ גרויס האַרץ פֿול מיט פּיין, מיט צאָרן און מיט ליבשאַפֿט”

מיט די ווערטער פֿאַרענדיקט מענדל מאַן זיין מלחמה־טרילאָגיע, די מגילה פֿון ייִדישן גורל אונטער דער בלוטיקער פֿאַן פֿון סערפּ און האַמער; דאָס בוך פֿון ייִדישן פּיין, פֿון הילפֿלאָזן צאָרן און פֿון ברייטהאַרציקער ייִדישער ליבשאַפֿט.

Sin valor comercial

ג. סאַפּאָזשניקאָווס ליטעראַרישער וועג לויט די אויסצוגן פון זיין ביבליאָגראַפיע

יעקב באָטאָשאַנסקי:

„גרשון סאַפּאָזשניקאָווס בוך „שמועסן מיט עלטערן" איז זיין ערשטלינג, און אַן ערשטס אין זיין מין אין אונדזער לאַנד... ווי אַ לערער און שרייבער, קאָן ער אויך זיין אַ לערער פאַר עלטערן. נישט נאָר וואָס ער האָט זיי וואָס צו לערנען, נאָר ער קאָן זיין אויך לערנען: ער האָט אַ קלאָרע שפּראַך, ער קאָן געבן צו פאַרשטיין אַן ענין, און אים מסביר זיין אַזוי, אַז ער זאָל זיין קלאָר פאַר אַלעמען, און ער באַהאַנדלט פראַגן, וואָס זיינען נוגע די עלטערן אין סאַמע לעבן אַריין...

(פאָרוואָרט צו דער 3טער אויפלאַגע פון בוך 1941)

„דעמאָקראַסיאַ":

ג. סאַפּאָזשניקאָווס בוך „קאָנווערסאַסיאָנעס קאָן לאָס פּאַדרעס", איז אַן אויסער־אָרדנטלעך ווערק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן הומאַניטאַרן געפיל און גרויסן וויסן פון אַן ערודיט, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ באַטייטנדיקער צושטייער פאַר דער קולטור פון אונדזער לאַנד"...

(בוענאָס־איירעס 1947־9־3)

משה שענדעריי:

„זעכצן יאָרביכער האָט אַרויסגעגעבן אַ יידישע אינדוסטריאַלן אָרגאַניזאַציע אין אַר־גענטינע, אונטער דער רעדאַקציע פון ג. סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס האָט באַוויזן, ווי עס האָט געשריבן דניאל טשאַרני (אין „טאָג מאָרגן־זשורנאַל") „צום ערשטן מאָל אין אונדזער קולטור־געשיכטע צו פאַרוואַנדלען אַ פאַך־זשורנאַל אין אַ ווערטפולער ליטעראַרישער טריבונע"... „איך בין שטאָלץ, וואָס יידן גיבן אַרויס אַזאַ בוך אין יידיש", האָט געשריבן יוסף אָפּאַטאָשו און אליעזר בלום („פאָלק און וועלט" — אויסגאַבע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס): ... „ג. סאַפּאָזשניקאָווס אַנאַליז איז תוכיק, פאַרטיפט, שעפעריש, און ס'איז קענטיק די פּערזענלעכקייט פון אַ באַטייטנדיקן ליטעראַטור קריטיקער".

(פון פאָרוואָרט צום בוך „פון די טיפענישן", בוענאָס־איירעס 1958)

אַברהם גאָלאָמב:

„פון די טיפענישן" זוכט זיך צו דערגרונטעווען צו די טיפענישן פון דער יידישער נשמה, צו די פּסיכישע טיפענישן פון דער יידישער שאַפונג... מיר האָבן אַ סך יידן־פּסיכאָלאָגן, אָבער מיר האָבן גאָרנישט קיין סך יוחסישע פּסיכאָלאָגן. דערפאַר איז מיר אַזוי ליב און טייער דאָס בוך פון מיין געראָטענעם תלמיד פון ווילנער יידישן לערער־סעמי־נאַר"...

(„דער וועג", 27סטן סעפּט' 1958 — מעקסיקע)

ל. שמעוני

„סאַפּאָזשניקאָוון איז געלונגען זיך צו דערגרונטעווען צו די טיפענישן פונעם שריי־בערס כוונות און אַרויסברענגען סתרי דברים, — טיף פאַרבאָרגענע זאַכן — וואָס אַנ־דערע קריטיקערס איז נישט געלונגען"...

(„פאָלקסבלאַט" — תל־אביב)

כוליא אריסטידעס:

„פסיכאָאַנאַליטישע עסייען וועגן יידישע שרייבער" איז אַ פּאָזיטיוו בוך, וואָס עפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַרן מענטשלעכן בליק, און סטימולירט צו זוכן וועגן אין די פאַרבאָרגענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. ווען מען קאָן אַזוינס זאָגן וועגן אַ ליטעראַריש ווערק, איז אַ סימן, אַז דער מחבר האָט געטראָפן אין פּינטל"...

(„קאָמענטאַריאָ" — נומ' 39 — בוענאָס־איירעס)

פּראָפ' סאַלאָמאָן קאהאן

אונטערן נאָמען „אַ בוך אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט", שרייבט דער וועלט־באַרימטער מוזיקאָלאָג און עסייִסט, פּראָפ' סאַלאָמאָן קאהאן, „איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט מיט „איין זאַלפּ", מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער שפּאַנונג: באמת, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. איך האָב זעלטן ווען געהאַט אַן ענלעכע דערפאַרונג מיט אַ בוך פון ליטעראַרישער קריטיק... איך בעט מיינע לייענערס צו קויפן דאָס דאָזיקע בוך פאַר זייערע הערוואַקסענע קינדער, זיי וועלן אים לייענען מיט אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס. ג. סאַפּאָזשניקאָווס „פסיכאָאַנאַליטישע עסייען וועגן יידישע שרייבער" קאָנען זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין צושמידן דעם אינטערעס פון דער יידישער יוגנט צום יידישן לעבן און יידישער ליטעראַרישער שאַפונג... ס'איז אַן עפּאָכע־מאַכנדיק בוך אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס דאַרף זיין אַן אָבליגאַטאָרישער לייען־שטאָף פאַר יעדן יידישן קולטור־מענטשן".

(„אונדזער וואָרט" — פּאַריז — יולי 1962)

„לאַ נאַסיאָן"

„ג. סאַפּאָזשניקאָוו עפנט נייע פּערספּעקטיוון אין דער ליטעראַרישער פאָרשונג, און טראָגט צו אַ באַטייטנדיקן צושטייער פאַר דער מאָדערנער ליטעראַטור־קריטיק... דאָס ווערק ווערט פאַרענדיקט מיט צוויי קורצע עסייען וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן הומאָר און פסיכישע כאַראַקטער שטריכן פון דער יידישער פּערזענלעכקייט, וואָס באַגרינדן דעם טעזיס פון גייסטיקן העראָיזם פון דעם פאָלק, וואָס איז בייגעשטאַנען די שווערסטע נסיונות אין זיין טויזנטיאָריקער געשיכטע".

(בוענאָס־איירס 63־2־10)

„לאַ פּרענסאַ"

מיר האָבן פאַר זיך אַ בוך, וואָס גיט אונדז אַ וויכטיקן בייטראָג צו דער שטודיע פון יודאיזם, אַן ענין וואָס אינטערעסירט היינט דעם מאָדערנעם מענטשן, נישט ווייניקער ווי אין די פאַרגאַנגענע צייטן... זיין אַנאַליז איז אַזוי טיף און איבערצייגנדיק, אַז דער רעזולטאַט זעט אויס צו גיין פיל ווייטער, ווי דער מחבר האָט זיך גאָר פאַרגעשטעלט... פאַראַן פיל פאָלעמישער מאַטעריאַל אין דעם בוך, אָבער דאָס אַליין איז אַ צייכן פון אַ גייסטרייכקייט, וואָס איז כדאי צו אונטערשטרייכן"...

(בוענאָס־איירעס 63־2־17)

מלך ראַוויטש:

„ווען מען וועט די ווערק פון די יידישע שרייבערס לערנען אין די שולן און אוניווערסיטעטן, וועלן סאַפּאָזשניקאָווס עסייען דינען ווי לערנביכער פאַר דעם צוועק, אוז זיי לייענען זיך ווי שפּאַנענדיקע דערציילונגען, ווי אַ נאַראַטאָרישער ראָמאַן".

(„די צוקונפט", מיי־יוני 1960 — ניו־יאָרק)

הערות, די באַמערקונגען, אויף די ראַנדן פון דעם ביבלישן „טעקסט" (ווי עס איז גע־ווען דער שטייגער פון די חז"ל, פון די מפרשים), אָבער אַריינגעפירט אין דעם געוועב פון אונדזער גאַנצער געשיכטע, אין אַ וועלט אויף וועלכער עס איז נאָך אַלץ חל דער מדרש: כל העולם מעבר אחד והוא מעבר אחד... דאָס וואָרט „מדרש" איז ווי אָנגעמאָסטן אויף סאַפּאָזשניקאָווס ספר: ס'איז אַ בוך וועגן ליטעראַטור, און ס'איז אַליין ליטעראַטור"...

(„פאָרווערטס", 77־9־18 — ניו־יאָרק)

י. צ. שארגעל:

... „ג. ס־אָווס בוך איז אַן אָריגינעל ווערק, וואָס טייטשט אַריין און טייטשט אויס מיט אַ סך מיטגעפיל און באַוווסטזיין, מיט הייס־האַרציקייט און מאָדערנעם פּסיכאָלאָגיזם, דעם גורל פון ייִדן צווישן די אומות העולם אין ליכט פון מ. מאַנס מלחמה־טרילאָגיע"...

(„ישראל שטימע", 77־8־17)

פּראָפ' דב סדן:

... ג. ס־אוו האָט פון זיין יוגנטלעכן מאַרקסיסטישן איינשטעל אַריבערגעבראַכט אַן אידעיִשן און מענטאַלן עלעמענט, וואָס האָט זיך אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זיין שפּעטערן פּסיכאָלאָגישן איינשטעל, פּונקט ווי פון זיין פּסיכאָלאָגישן איינשטעל, האָבן זיך עלע־מענטן אַריבערגעטראָגן אין זיין איצטיקן געגנעטישן איינשטעל — עדות פון אַן אייביקן זוכער, — וואָס ראַנגלט זיך צו באַשיידן דאָס רעטעניש פון דעם ייִדן, ווי אַ יחיד און ווי אַ כלל, זיין גורל און אַנטשייד, זיין מהות און שליחות, זיין קיום און שאַפן"...

(„די גאָלדענע קייט", נומ' 93, תל־אביב)

מרדכי קויפמאַן:

„ווי אַ מפורש, אַן אויסטייטשער פון די הייליקע שריפטן, ציטירט סאַפּאָזשניקאָיו אייניקע כאַראַקטעריסטישע פראַגמענטן פון מ. מאַנס ווערק, און מיט זיין „אַריינבליק" עפנט ער אַ גאַנץ נייע און ברייטע פּערספּעקטיוו צו באַנעמען דעם גאַנג פון די געשע־עניש און דעם כאַראַקטער פון די פּערסאָנאַזשן... ייִדן, זאָגט ער, האָבן נישט ווייניקער חסרונות ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער זיי זיינען געבענטשט — אָדער געשטראָפט — מיט טאַלאַנט, און צייכענען זיך אויס אויף אַלע געביטן פון לעבן, וואָס דערוועקט שנאה צום „פרעמדן", און שנאה איז דער אייניציקער סענטימענט, וואָס שאַפט שנאת חינם צום ייִדן... „אין אַן אייגענער שטאָט קאָן מען קיין נביא נישט זיין", האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים, און דאָס איז ווי אָנגעמאָסטן אויף דעם שטילן און באַשיידענעם מחבר פון דעם בוך. וויל איך מיט דעם מאמר אונטערשטרייכן, אַז בוענאָס־איירעס איז שטאָלץ מיט איר בן־עיר, און איז אַ מבין אויף זיין באַטייטנדיקן צושטייער פאַר דער ייִדישער גייס־טיקער שאַפונג"...

(„די פרעסע", 77־11־4 — בוענאָס־איירעס)

ביכער פון זעלבן מחבר:

„שמועסן מיט עלטערן" — אַרויסגעגעבן דורכן וועד החינוך ביי דער קהילה אין בוענאָס־איירעס;

„פון די טיפענישן" — אַרויסגעגעבן דורכן פאַראיין פון האָלץ־ און אייזן־אינדוס־טריאַל אין בוענאָס־איירעס;

מ׳זונגען צו פאַרעפנטלעכן דאָס בוך אין עברית. פון פּאַריז שרייבט מען אונדז, אַז אַ גרופּע פריינד און פאַרערערס פון מ. מאַן ווילן אַרויסגעבן דאָס בוך אין פראַנצייזיש״...

(פון א. פינעסעס אַ בריוו דאַטירט דעם 30סטן יוני 1977 — תל־אביב)

מענדל מאַן:

„איך בין טיף באַווירקט פון אייער אַנאַליטישן כוח. אין דעם פּרט זיינט איר דער איינציקער אין דער יידישער ליטעראַטור פון אונדזער צייט. עס איז אַ באַרייכערונג פון יידיש־שאַפן און אַן אויפטו, וואָס וועט אָפּגעשאַצט ווערן אין דער פולער מאָס אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע״...

(פון אַ בריוו, פּאַריז 74־9־10)

ד״ר י. ח. בילעצקי, (פּראָפ׳ פון ליטעראַטור אין דער אוניווערסיטעט פון תל־אביב):

„מיר האָבן זיך שטאַרק דערפריידט מיטן דערשיינען פון דער גרויס־פאַרנעמיקער עסיי פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו — איינער פון די בעסטע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער — וועלכער איז געגאַנגען אין די טריט פון מענדל מאַנס טרילאָגיע, איבער דער תקופה פון חורבן און ווידערשטאַנד, און האָט געשאַפן אַ בוך, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ קונסטווערק״...

(„דבר״, תל־אביב, 28סטן אַפּריל 1977)

יצחק יאַנאַסאָוויטש:

„דער גורל פון יידן צווישן די אומות העולם״, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווערטפולע קריטיש־עסייִישע אַרבעט וועגן מענדל מאַנס טרילאָגיע, וואָס געהערט צו די וויכטיקסטע אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה. די אַרבעט פון סאַפּאָזשניקאָוו איז געשריבן מיט אַ סך ליטעראַטור וויסן, און מיט אַ פיינעם מיטרייסנדיקן סטיל. דאָס בוך לייענט זיך לייכט און געשמאַק״...

(„פאָלק, וועלט און מדינה״, נומ׳ 57)

שמעון קאַנץ:

„די דאָזיקע אַרבעט פון ג. סאַפּאָזשניקאָוו איז נישט סתם ליטעראַטור־קריטיק, עס איז אַן אַנאַליטישער אַריינבליק פון אַ דענקער, וואָס שטעלט פאָר דאָס ווערק פון מענדל מאַן ווי אַן אַנטפּלעקונג, וואָס ווייזט דעם גורל פון יידן צווישן פעלקער״...

(„לעצטע נייעס״ 77־5־3, תל־אביב)

ד״ר ל. קורלאַנד:

„די מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאַן איז אַן אויסדרוק פון טיפסטן וועלט־ און לעבנס־געפיל פון אונדזער תקופה, וואָס לערנט אונדז וועגן דעם גורל פון יידן צווישן די אומות העולם, מער ווי אַלע שווערוואָגיקע וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן״, שרייבט סאַפּאָזשניקאָוו. און דאָרטן ווו מ. מאַן האָט בלויז קינסטלעריש אָנגעדייט, געמאָלן און סקיצירט „פאַקטן פון לעבן״, קומט דער קריטיקער אָנווייזן מיטן פינגער, אויסטייטשן און אַריינטייטשן... ער גיט אונדז דעם ריכטיקן שליסל צו מענדל מאַנס ווערק און צום סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס וואַרצלט „אין עם מיסטקאַסטן פון מענטשלעכן אונטער־באַוווסטזיין, ווו עס לויערט די קינאה, דער איינציקער גורם פון — שנאת חינם צום יידן״...

(„פאָלקסבלאַט״, תל־אביב, נומ׳ 5, 102)

פּראָפ׳ ד״ר עזריאל נאַקס:

... סאַפּאָזשניקאָווס אַריינבליק איז אַן אַנאַליטישער, אַ חריפותדיקער... און ס׳איז אויך אַ סינטעטישער חזיון פון דעם גורל פון אונדזער פאָלק און זיין מערכה צווישן די פעלקער. ס׳איז אַ שאַרפע און גענויע אָפּשאַצונג פון דער טרילאָגיע, כמעט ווי די

י. כרוסט:

„ג. סאַפּאָזשניקאָווס עסייען צייכענען זיך אויס מיט אייגנאַרטיקע און טיפע געדאַנ־קען, וואָס זאָגן עדות אויף דער גרויסער בקיעות פון מחבר"...

(„חרות" — תל־אביב)

י. ראַפּאַפּאָרט:

„אין זיינע גלענצנדיקע קריטישע עסייען האָט סאַפּאָזשניקאָוו נישט נאָר געגעבן עפּעס נייס אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, נאָר ער האָט אויך דאָס נייע זייער שיין און פּרעכטיק אַרויסגעבראַכט"...

(„די גאָלדענע קייט" נומ׳ 40)

שמחה סנה:

... „דאָס בוך איז אָנגעשריבן מיט געוויסנהאַפטיקייט פון אַן ערודיט, וועלכער פאַר־אייניקט אין זיך טיפע ליבשאַפט צו יידישער ליטעראַטור מיט דער ערנסטער באַהאַוונט־קייט פון אַ פאָרשער"...

(„אונדזער וואָרט" — בוענאָס־איירעס)

שלום אַש:

... „פון אַלע יידישע קריטיקערס, וואָס איך האָב געלעזן זייערע אָפּשאַצונגען איבער מיינע ווערק, האָט קיינער זיך נישט געמיט אַזוי צו פאַרשטיין מיך און מיין שרייבן — און קיינער האָט זיך נישט פאַרטיפט אַזוי אין מיין אייגנאַרט, און קיינער האָט נישט באַהאַנדלט מיין שאַפן פון אַ מאָדערנעם שטאַנדפּונקט, ווי איר, אינטים און אינדיווידועל. איך בין זייער צופרידן צו וויסן, אַז אַזעלכע באַגאַבטע און אינטעליגענטע קריטיקערס געפינען זיך אין אונדזער ליטעראַטור, ווי איר זיינט"...

(פון אַ בריוו, דער אָריגינאַל פון וועלכן געפינט זיך
אין „שלום אַש־מוזיי", אין בית־ים — ישראל)

ד״ר דב נוי:

„דער מחבר אַנטפּלעקט די טיפענישן פון קינסטלערישן שאַפונג־פּראָצעס, קלערט אויף דעם גלות־קאָמפּלעקס אין יידישן כאַראַקטער, די פּסיכאָלאָגיע פון יידישער שאַפונג און פון יידישן שרייבער... זיין בוך איז אַ גלענצנדיקער מוסטער פון דעם נייעם נוסח ליטעראַטור־קריטיק, און אַן איבערזעצונג פון דעם בוך אויף עברית, וואָלט פיל בייגע־טראָגן פאַר דער דערקענטעניש פון אונדזער ליטעראַרישער שאַפונג".

(„אמר" — תל־אביב)

אליעזר פּינעס:

„דאָס בוך „דער גורל פון יידן צווישן די אומות העולם — אַן אַנאַליטישער אַריינ־בליק אין דער מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאַן", איז דאָס ערשטע ווערק, אַרויסגעגעבן דורך דעם לעצטנס געשאַפענעם אין ישראל „אליעזר פּינעס פאָנד פאַר קולטור און לי־טעראַטור"... נאָך דעם ווי מענדל מאַן האָט דורכגעלייענט דעם כתב־יד פון בוך, האָט ער אין אַ בריוו צו מיר מיט גרויס רעספּעקט זיך אָפּגערופן וועגן מחבר, גרשון סאַפּאָזשני־קאָוו, וואָס איך ציטיר: — „סאַפּאָזשניקאָוו האָט מיט פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפטקייט, און זעלטענער ליטעראַרישער קענטשאַפט, פונאַנדערגעוויקלט אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען אופגעוועקט אין דער טרילאָגיע"...

(פון וואָרוואָרט צום בוך, תל־אביב 1976)

... „מיט פרייד קאָנסטאַטיר איך, אַז דאָס בוך האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג אין דער יידישער און העברעישער פּרעסע אין ישראל. עס ווערן געמאַכט באַ־

„שרייבער און ווערק אין ליכט פון פסיכאָאַנאַליז" — אַרויסגעגעבן דורכן י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב;

„דער גורל פון יידן צווישן די אומות העולם" — אַרויסגעגעבן דורכן „אליעזר פיי־נעס־פאָנד" אין ישראל;

"*Conversaciones con los padres*", Editorial Hemisferio.

Ensayos psicoanalíticos sobre escritores judíos, Editorial "Cajica", México, 1ª edición, 1962; 2ª edición, Editorial Hemisferio, Buenos Aires, 1966.

"*El destino del judío entre los pueblos del mundo*" (en impresión).

Sin valor comercial